STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05512

UNDZER YUGNT

Permanent preservation of this book was made possible
by Steven & Micah Dov Brown
in memory of
William & Ida Silverman

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org



די גראַדואיר סטודענטן אין זייערע לערער

ערשטע ריי זיצנדיק—פון רעכטס צו לינקס: ה. קאַפּלאַן, ב. גראַבאַרד, מ. באָגדאַנסקי, מ. קאַרסאָן (מיטל שול לערער) און שמעון ראַבינאָוויץ (גראַדואירט און איז לערער פון געזאַנג).

צווייטע ריי שטייענדיק—פון רעכטס צו לינקס: באבי דיימאָנד, אברהם פּראַגער, אליהו סיידעל, ראובן קעמפּ, נחום קאַטאָווסקי און זלמן סימקין.

דריטע ריי—פון רעכטס צו לינקס: י. ווינעצקי, (לערער) מיטי פּאַקס, פּערל לאַק, דבורה וויינשטיין און יצחק קרייטשיק.

אריינפיר

עס איז דאָס ערשטע מאָל וואָס די ארבעטער רינג מיטל שול אין שיקאַגע לאָזט ארויס סטודענטן און עס איז דאָס ערשטע מאָל וואָס די אַרבעטן פון אונדזערע מיטל שול תּלמידים ווערן אַרויסגעגעבן אין אַ בוך.

אין די נאָענט צו צוואַנציק יאָר וואָס די אַרבעטער רינג שול אין שיקאַגע עקזיסטירט, האָט זי ווי אַ טייל פון דער אַרבעטער באַוועגונג בכלל און פון אונדזער מאָדערנער יידישער קולטור באַוועגונג בפרט דורכגעמאַכט אַ היבש ביסל עליה׳ס און ירידה׳ס, אָבער ווייל די עלעמענטאַר שול האָט דאָך סוף כל סוף אָפּגעהאַלטן אייניקע נצחונות, האָט די מיטל שול אָבער אַזאַ מזל ניט געהאַט.

עטלאַכע מאָל זיינע געמאַכט געוואָרן פּאַרזוכן די מיטל צו עפענען, אָבער קיינע פון זיי איז ניט געלונגען. אַזוי איז דאָס געווען ביז צוריק מיט פיר יאָר.

אין 1934 האָבן אַ גרופּע שול טוער צוזאַמען מיט די לערער זיך איינגע׳עקשנט, געשטעלט זיך קעגן אַלע שוועריקייטן און ווידער די מיטל שול געעפנט. היינט ברייננען די עקשנים זייערע ערשטע פרוכטן — דעם ערשטן ארויסלאָז פון סטודענטן וועלכע האָבן דורכגעמאַכט דעם פיר יאָריקן קורס און זייערע ארבעטן אין אַ בוך.

דאָס בוך „אונדזער יוגנט” איז אַ זאַמלונג פון עסייען, קאָמפּאָזיציעס, סימפּאָזיומס און אַנדערע אַרבעטן, וועלכע זיינען אַרויסגעוואַקסן פון דער שול אַרבעט.

עטלאַכע פון די אַרבעטן זיינען זייער געלונגענע און זייער פיין געשריבן. עס וואָלט אָבער געווען ניט ריכטיק זיך אָפּצושטעלן ספּעציעל אויף די עטלאַכע און אונטערשטרייכן זייער וויכטיקייט, פּשוט דערפאַר, ווייל אונדז איז טייער יעדעס וואָרט פון די קינדער, יעדער חנ׳עוודיקער שטערן קנייטש זייערער ווען זיי שרייבן און אפילו יעדער נייער אַמעריקאַנער־יידישער אויסדרוק זייערער איז אונדז ליב.

וואָס עס וואָלט זיך יאָ וועלן דערמאָנען איז גראָדע יענע עסיי, וועלכע האָט דאָס ליכט דערזעען איין אַן אַנדער לערנאַנשטאַלט און

דאָס איז די עסיי „מאָדערנע שטרעמונגען אין יידנטום״ פון שמעון ראבינאָוויטש און מאַרטין קאָן.

כמעט אַלע אונדזערע מיטל שול חברים וועלכע גראַדואירן איצט זיינען אויך סטודענטן אין אַלגעמיינע העכערע לערנאַנשטאַלטן. און זייערע אַרבעטן אין יענע אַנשטאַלטן צייגן אַמבולטסטן אַרויס דעם איינפלוס פון אונדזער שול אויף די תלמידים.

די צוויי אויבנדערמאַנטע חברים לערנען אין שיקאַגאָ אוניווערסיטעט און זייער עסיי איז געשריבן געוואָרן פאַרן קורס וואָס ווערט גערופן „קאָנטעמפּאַרערי רעלידזשען״.

פּראָפעסאָר היידען אונטער וועמענס אויפזיכט דער אויבנדערמאַנטער קורס ווערט געגעבן איז אַ נאָענטער פריינט פון ראבאַי גאָלדמאַן: ווען ער האָט אין איינע פון זיינע לעקציעס זיך אָפּגעשטעלט אויף גאָלדמאַנ׳ס קולטורעלן נאַציאָנאַליזם, האָבן אונדזערע חברים דערפילט אַז דעם פּראָפעסאָר זיינען פרעמד די אַנדערע שטרעמונגען אין יידנטום. אים איז לחלוטין געווען פרעמד דער יידישיזם און ער האָט גאָר ניט געוואוסט פון דר. חיים זשיטלאָווסקי, האָבן אונדזערע מיטל שולניקעס אים באַקאַנט מיט זשיטלאָווסקין און מיט דער יידישיסטישער באַוועגונג.

אַזוי אַרום זיינען מיר ניט נאָר געוואָרן שותפים צום אוניווערסיטעט קורס, נאָך דער פּראָפעסאָר האָט נאָך עפּעס אויסגעפינען פון אונדזער מיטל שולניק...

מיר האָבן גאָר ניט קיין חשק מגזם צו זיין, מיר ווילן אויך ניט זיין צו באַשיידן און מיר זאָגן מיט אַ ריינעם געוויסן אַז דער ערשטער טראָט איז אַ געלונגענער.

זאָל אָט דער ערשטער טראָט דערמוטיקן אונדזערע חברים און שול טוער צו פאַרשטאַרקן און באַפעסטיקן די יידישע שול און צו פאַרשפּרייטן דאָס יידישע וואָרט אין אַלע ווינקעלאַך פון יידישן לעבן אין אַמעריקע.

די רעדאַקציע.

שמעון ראבינאוויטש

באַגריסונג צום נאַציאָנאַלן צוזאַמענפאָר פון אַרבעטער רינג שולן

אטלאנטיק סיטי, אפריל 25, 1937

עס איז דאָ אין דעם אַ גוואַלדיק גרויסע באַדייטונג, ווען עס קומען זיך צוזאַמען פון אַלע טיילן פון׳ם לאַנד מענטשן, ניט פון די העכערע קלאַסן, וואָס קאָנען זיך פאַרגינען אַרומפאָרן וואו נאָר זייער פאַרלאַנג זאָל זיי פירן, נאָר מענטשן פון דעם אַרבעטער קלאַס און פון אַ געפּייניגט פאָלק צו דיסקוסירן די פּראָבלעמען וואָס מאַכן זייער עקזיסטענץ פון טאָג צו טאָג אַזוי אומזיכערע און אַזוי אַנגעווייטאָקטע. איבערהויפּט איז דער היינטיקער צוזאַמענפאָר וויכטיק צוליב דעם וואָס ער שטעלט מיט זיך פאָר אַן אינטערנאַציאָנאַלע באַוועגונג צו לייזן אונדזערע פּראָבלעמען דורך קינדער דערציאונג. די וויכטיקסטע אַרבעט, וואָס אַ געזעלשאַפט קען זיך אונטערנעמען. אפשר איז דאָס ניט קיין נייע זאַך פאַר אייך, פאַר די וואָס זיינען שוין פריער אַמאָל געווען בײַ אַזעלכע צוזאַמענפאָרן, נאָר פאַר אונדז, פאַר דער יוגנט פון שיקאַגאָ איז עס דאָס ערשטע מאָל וואָס מיר קענען זיך פּערזענלאַך באַקענען מיט אונדזער וויכטיקער אַרבעט.

עס איז מיט אַן אומגעהויער גרויסער פרייד וואָס מיר פון דער שיקאַגער אַרבעטער רינג מיטל שול קומען צו אייך היינט צום ערשטן מאָל אַלס אָפיציעלע דעלעגאַטן אייגנטייל צו נעמען אין דער אַרבעט.

מיר פילן זיך היינט ווי דאָס ניי געבוירענע קינד, וואָס דערפילט צום ערשטן מאָל, אַז עס איז אַ לעבעדיקע באַשעפעניש. און זע־ענדיק, אַז ער אַליין לעבט, נעמט דאָס קינד באַטראַכטן זיינע הענט,

זיינע פינגער, זיינע פיס, זיין פּנים און נעמט אויסציען ענערגיש די גלידער מיט דעם ענטוזיאזם פון דער לעבעדיקער וואַקסנדיקער חיה. און פּונקט ווי דאָס קינד קריגט אַן אינטערעס אין דער אַרו־מיקער סביבה — וויל קלעטערן אויף בוימער, אַרונטערקייקלען זיך פון בערגלאַך, זיך פּלושקען אין וואַסער, און דערגרייכן אין אָוונט די לבנה מיט זיינע לאַפּקעס, אַזוי הויבן מיר אָן צו וויסן, אַז מיר לעבן, מיר וואַקסן, מיר האָבן פאַרלאַנגען און מיר ווילן ווערן אַ טייל פון דער אַרומיקער סביבה.

מיר זיינען געקומען צו אייך היינט מיט דער בשורה, אַז מיר וואַקסן און מיר ווילן ווערן אַ טייל פון אייך. איך קום צו אייך היינט שילדערן די פרייד און באַוואונדערונג וואָס גייט דורך דורך מיר, ווען איך זע, אַז איך בין שוין עלטער געוואָרן און קען פאַר־שטיין וואָס עס איז אַזוינס די שול, וואָס זי האָט מיר געגעבן, און וואָס עס קומט איר פון מיר.

ווען אַ יונגער מענטש גייט דורך צען יאָר פון זיין לעבן אין איין סביבה קען ער זאָגן, אַז דאָס איז כמעט זיין גאַנץ לעבן. וואָס פאַר אַ ראָלע האָט די שול געשפּילט אין מיין לעבן און אין די לעבנס פון מיינע חברים? יעדער פון אונדז איז אַ קינד פון יידישע עלטערן. מיר זיינען אַלע געגאַנגען אין פּאַבליק סקול. יעדער פון אונדז האָט געהאַט פאַרשידענע אינטערעסן חוץ פּאַבליק סקול. אייניקע פון אונדז האָבן שטודירט מוזיק, אַנדערע טענץ, אַנדערע דראַמאַטיק און נאָך אַנדערע האָבן געהאַט פעאיגקייט צו מעכאַ־נישע און טעכנישע אַרבעט. פינף שעה אין וואָך האָבן מיר פאַר־בראַכט אין אונדזער עלעמענטאַר שול. און די שול האָט געהאַט אַזאַ איינפלוס אויף אונדזערע יונגע לעבנס, אַז איך קען זאָגן מיט זי־כערקייט, אַז די שול האָט איינגאַנצן איבערגעוואויגן אַלע אַנדערע אינטערעסן. אָבער פאַרשטייט מיך! איך מיין ניט צו זאָגן, אַז מיר האָבן פאַרנאַכלעסיקט אונדזערע אַנדערע נייגונגען צוליב דער שול. פאַרקערט — ניט דאָס איז געווען נויטיק און ניט דאָס האָט די שול געפאָדערט פון אונדז. מיר האָבן אַריינגעבראַכט אונדזערע אַנדערע אינטערעסן אין דער שול אַריין, און זיי געמאַכט אַ טייל

פון דער שול טעטיקייט. די מוזיקאַליש פעאיקע קינדער האָבן געזונגען אין די כאָרן און געשפּילט אויף די קאָנצערטן. די טאַלאַנטפולע טענצערינס האָבן אָרגאַניזירט טאַנץ־גרופּן. די קינדער וואָס האָבן געקענט צייכענען האָבן געמאָלן בילדער פאַר די קינדער זשורנאַלן. מיט איין וואָרט, די שול איז געוואָרן דער צענטער פון אונדזער יוגנט.

מיט דעם וואָס די קינדער האָבן זיך אַריינגעלעבט אין דעם שול גייסט האָבן זיי באַשטעטיקט די טענות פון אונדזערע פּראָגרעסיווע יידישע דערציער וואָס זאָגן שוין פאַר די לעצטע פאַר צענדליק יאָר, אַז די יידישע יוגנט קאָן זיך אויסלעבן אין אַ יידיש פּראָגרעסיווער סביבה. די יידישע שפּראַך אין זיכער רייך גענוג, די יידישע געשיכטע איז זיכער באַדייטנד גענוג, און די מאָדערנע יידישע סאָציאָלאָגיע איז זיכער וויכטיק גענוג צו דערוואַרטן, יאָ, און צו פאָדערן, אַז די יידישע אינטעליגענץ זאָל זיך אונטערנעמען צו אָנהאַלטן און פאַרשפּרייטן אונדזער קולטור צווישן די ברייטע מאַסן.

קיין בעסערער באַוויז פאַר דעם איז ניטאָ. אַט האָבן מיר שולן, וואָס זיינען דאָך ניט רייך פינאַנציעל, וואָס זיינען אָנערקענט פון זייער אַ קליינעם טייל פון אונדזער באַפעלקערונג און געשטיצט פון נאָך אַ קלענערן טייל, וואָס ווייזן אָן קלאָר און דייטליך, אַז אונדזער נאַציאָנאַלע ווידער געבורט, ווי דר. חיים זשיטלאָווסקי האָט דאָס אָנגערופן, איז זייער אַ פּראַקטישע מעגלאַכקייט.

אַז אונדזערע שולן האָבן געקענט אַזוי קלאָר ווי דער טאָג ווייזן, אַז אונדזער חלום איז נישט קיין וויסטער, פאַרוואָס האָט עס גענומען אַזוי לאַנג און נעמט איצט אַזוי לאַנג ביז אונדזערע וועגן זאָלן אָנגענומען ווערן? דעם ענטפער איז נישט שווער צו געפינען. אונדזערע שולן האָבן אָנגענומען אַזאַ פּאָזיציע וואָס האָט געפאָדערט פון די יידישע מאַסן מער ווי איין זאַך, מער ווי איין פּרינציפּ. איך ווייס זיכער ווי שווער עס איז אויפצוועקן די גלייכגילטיקע יידן וואָס זעען ניט איין פאַרוואָס מען דאַרף אַ נאַציאָנאַלע קולטור. איר ווייסט אויך ווי שווער עס איז צו ווייזן די וואָס זיינען

שוין באוואוסטזיניקע יידן ,אַז צו זייער יידישיזם דאַרפֿן זיי אויך האָבן אַ סאָציאַליסטישן אידעאַל. אויף דער אַנדערער זייט ווייסט איר, בין איך זיכער, ווי שווער עס איז צו ווייזן אַ סך פֿון אונדזערע יידיש־געבוירענע ראַדיקאַלן, אַז צו זייער עקאָנאָמישן אינטערנאַציאָנאַליזם דאַרפֿן זיי האָבן אַ נאַציאָנאַל־קולטורעלן אידעאַל.

אָבער ניט קוקנדיק אויף די שוועריקייטן צו שטיצן אונדזער שול באַוועגונג, האָבן אונדזערע פּראָגרעסיווע לערער און שול טוער ניט געררוט און רוען ניט היינט אין זייער קאַמף פֿאַר אַ בע־סערער געזעלשאַפֿט דורך די יידישע שולן.

אויב מיר אַלס יונגע קינדער האָבן נישט געקענט איינזען די שוועריקייטן צו שטיצן אונדזער שול באַוועגונג, זעען מיר דאָס איין היינט, ווען מיר זיינען עלטער געוואָרן. אויב מיר אַלס יונגע קינדער האָבן געוואָלט אוועקשפּאָרן דאָס ביסל צייט, וואָס די שול האָט אונדז גענעבן, זעען מיר איין איצט ווי ווינציק צייט מיר האָבן באמת געהאַט און וויפֿיל נאָך צייט מיר וואָלטן געדאַרפֿט און עס וואָלטן געדאַרפֿט האָבן די קינדער פֿון אונדזערע יידישע אַרבעטער.

מיר פֿאַרשטייען שוין זייער גוט, אַז דער הויפּט מיטל צו אונדזער ציל פֿאַר אַ בעסערער געזעלשאַפֿט און אַ פֿרייען טאָג פֿאַר אונדזער קולטור איז די שול. יעדע באַוועגונג וואָס האָפֿט אַמאָל צו דערגרייכן אַ שטופּע פֿון נאַציאָנאַלע און אינטערנאַציאָנאַלע וויכטיקייט מוז ווידמען דעם גרעסטן טייל פֿון איר ענערגיע צו אַ פּראָגראַם פֿאַר דער יוגנט. אונדזערע פֿאַשיסטישע שונאים האָבן זייער גוט אַנגעוויזן וואָס פֿאַר אַ ראָלע עס דאַרף שפּילן די יוגנט אין אַ באַוועגונג. זיי האָבן אויסגענוצט אַ גוטן מיטל פֿאַר אַ ני־דעריקן ציל. לאָמיר אויסניצן אַ גוטן מיטל פֿאַר אַ גוטן ציל.

די מאָדערנע אידישע שול דאַרף ווערן אונדזער מיטל צו דער־ציען אַ יוגנט וואָס ווייס וואָס זי וויל און וואוהין זי וויל גיין. אויב מיר ווילן, אַז אונדזערער זאָל זיין אַ דערפֿאָלגרייכער מיטל, דאַרפֿן מיר עס מאַכן פֿאַר אַ ציל אין זיך אַליין. מיר זיינען ניט קיין רעלי־גיעזע מענטשן, מיר האַלטן זיך פֿאַר פֿריידענקער. אָבער אַ טעמפּל

מעגן מיר אויסבויען. די שול דאַרף ווערן אונדזער טעמפּל, די שול דאַרף ווערן אַ ציל פאַר זיך אַליין.

מיר יונגע מענטשן ווילן דערוויל ניט קיין סך, אָבער מיר קענען שוין אַ היבש ביסל באַגרייפן. מיר הויבן שוין אָן צו וויסן צום ביישפּיל, אַז מיר לעבן אונטער אַן עקאָנאָמישן סיסטעם אין וועלכן דעם מענטשן'ס פרייהייט איז נאָר אַזוי גרויס ווי זיין עקאָנאָמישע פּאָזיציע. מיר פאַרשטייען שוין, אַז די אַרבעטער וועלן זיך מוזן איין מאָל פאַר אַלעמאָל אָרגאַניזירן אויב זיי ווילן קריגן זייער חלק פונם גוטס וואָס זיי באַשאַפן. אָבער מיר פאַרשטייען אויך, אַז ניט אויף ברויט אַליין לעבט דער מענטש און ניט נאָך ברויט אַליין דאַרף ער שטרעבן. מיר וויסן, אַז עס זיינען פאַראַן פעלקער אויף דער וועלט און אַז די פעלקער האָבן שפּראַכן, געשיכטן, קונסט, און פאָלקלאָר. מיר וויסן, אַז מיר האָבן אונדזערע אייגענע קולטור אוצרות און מיר ווילן האָבן די געלעגנהייט צו באַרייכערן די וועלט מיט אונדזער קולטור.

מיר וויסן, אַז פעלקער קאָנען זיך צוזאַמענלעבן אין שלום און אין ברידערלאכקייט אין אַ סאָציאַליסטישער וועלט. מיר ווילן אַט די וועלט באַשאַפן כדי אונזער וואָרט זאָל געהערט ווערן ווען דער טאָג פון באַפרייאונג וועט קומען. אָבער אויב מיר וואַרטן דערוויל און קעמפן דערוויל פאַר דעם טאָג, מיינט עס ניט, אַז אונדזער קולטור דאַרף וואַרטן פאַרשפּאַרט און באַהאַלטן ביז דער פרייהייטס טאָג וועט קומען.

אויב מיר ליידן זאָל אונדזער טרויער באַוויינט ווערן אין אונדזער ליטעראַטור. אויב מיר פרייען זיך זאָל אונדזער פרייד באַזונגען ווערן אין אונדזערע לידער. אויב מיר אַרבעטן זאָלן די אידישע אַרבעטער וויסן, אַז זיי קענען זיך צוזאַמענלעבן אין זייער אייגענער סביבה. און אויב מיר קעמפן זאָל די וועלט וויסן, אַז יידן זיינען קעמפער און אַז יידן זיינען בויער.

מיר האָבן אַ וועלט צו בויען, מיר האָבן אַ וואָרט צו זאָגן, מיר האָבן אַ ליד צו זינגען. בעסער אָבער האָט עס אויסגעדריקט

אַ יונגער אַנאָנימער דיכטער, וואָס האָט געראָפן און אויפגעפּאָדערט זיין פאָלק דורך אַ ליד. ער האָט אויסגערופן צו זיין פאָלק און ער האָט אַזוי געזאָגט:

זינג זשע, טאַ זינג זשע, טאַ לאָמיר דיך הערן
און הויב אויף דיין שטימע אין הילכיקן קלאַנג,
זאָלן די טענער באַלייכטן דעם הימל מיט ליכט
פון אַ פריי און אַ פריילאַך געזאַנג.

ווען אין דער נאַכט פונם מענטשלאַכן לעבן
ווערט אומעטיק, פינצטער און יעדער ווערט מיד,
דאַן שאַפן מיר אייגענע זוניקע שטראַלן
און זינגען מיט מוט אונדזער וואָרט, אונדזער ליד.

און ווען עס פּאַסירט אַז עס ווערט אונדז גאָר ליכטיק
און מיר קענען זיך זינגען אַ ליד אויך גאָר פריי,
דאַן רוען מיר ניט נאָר מיר הויבן די שטימען
און זינגען מיט שטאָלץ אונדזער ליד אויף דאַסניי.

זינגסטו, טאַ זינג זשע, טאַ לאָמיר דיך הערן
און הויב אויף דיין שטימע אין הילכיקן קלאַנג,
זאָלן די טענער באַלייכטן דעם הימל מיט ליכט
פון אַ פריי און אַ פריילאַך געזאַנג.

סימפּאָזיום

באַוועגונגען און פּערזענלאַכקייטן אין ניינצנטן יאָרהונדערט

סימפּאָזיום אָפּגעהאַלטן ווינטער 1938
חברה דבורה ווינשטיין — פּאָרזיצערן.

געסט: יעקב פּאַט, שליח פון „ציש״א״,
און דר. מייזל, שליח פון „ייוו״א״.

א. פּראַגער

די שפּע פון 19טן יאָרהונדערט אויפן געביט פון דער וויסנשאַפט

דער 19טער יאָרהונדערט האָט זיך אויסגעצייכנט מיט דער־גרייכונגען כמעט אויף יעדן געביט פון מענטשלאַכער אַקטיוויטעט.

אויפן געביט פון וויסנשאַפט, צום ביישפּיל, איז דערגרייכט געוואָרן זייער פיל:

דער ערשטער וואָס האָט געמאַכט אַ גאַנצע רעוואָלוציע אין די מוחות פון די דענקער און וויסנשאַפטלער איז געווען סיר טשאַרלס לייעל מיט זיין ווערק: "Principles of Geology".

ביז אים האָבן די פילאָזאָפן געדענקט, אַז דאָס וועלטל אונדזערס, אַט די ערד אויף וועלכער מיר לעבן, איז געוואָרן אַזוי ווי זי איז, דורך אַ קאַטאַסטראָפע· אַנדערע ווידער האָבן נאָך גאָר געגלויבט, אַז גאָט האָט באַשאַפן די וועלט אין זעקס טעג צייט א. אַ. וו.

טשאַרלס לייעל, האָט באַוויזן אַז די ערד אונדזערע איז געוואָרן ווי זי איז, ניט דורך אַ קאַטאַסטראָפע, נאָר דורך שטופנווייזע ענ־דערונגען וואָס האָט גענומען הונדערטער טויזנטער יאָרן און אַז דער פּראָצעס גייט נאָך אָן, ענדערונגען ווערן נאָך געמאַכט.

טאָלן ווערן אויסגעמינעוועט דורך פאַרפליייצונגען, דורך רעגן און שניי; שטיינער ווערן צעמאָלן אויף זאַמד ווען וואַסער קאַפּעט אויף זיי אַ לענגערע צייט.

פליסנדיקע טייכן טראָגן אַוועק זייערע ברעגעס ביסלאַכווייז און שניידן זיך אריין אַלץ טיפער און טיפער אין דער אויבערפלאַך פון דער ערד.

אַז פון גרינע געוואוקסן און וועגעטאַציע ווערט אין דורות שפּעטער קוילן אוצרות, אַז שטענדיק גייט אָן אַ פּראָצעס פון פאַר־מירן נייע שיכטן אויף דער אויבערפלאַך פון אונדזער ערד.

דאָס האָט געעפנט די אויגן פון אַ גרויסער צאָל וויסנשאַפט־לייט, וועלכע האָבן ביז דאַן געדענקט אַנדערש.

אבער נאָך אַ גרעסערן איינדרוק האָט געמאַכט די וויסנשאַפט־לאַכע טעאָריע, וועלכע איז באַקאַנט אַלס די טעאָריע פון עוואָלוציע.

ווען טשאַרלס דאַרווין האָט אין 1859 אָפּגעדרוקט זיין ווערק "The Origin of Species by means of Natural Selection" האָט זיך די גאַנצע וויסנשאַפטלאַכע וועלט אַ וויג געטאָן, די טעאָריע זיינע אַז דער מענטש ווי יעדע חיה און אַנדערע לעבעדיקע באַשעפענישן זיינען געקומען צו זייער איצטיקער שטופע דורך פאַרשיידענע פאָרמען פון אַנטוויקלונג, האָט באַזייגט אַלע פריערדיקע באַגריפן וועגן מענטשן און אַ גאַנצע רעוואָלוציע איז געוואָרן אויף דעם געביט פון דער ביאָלאָגיע.

אויפן געביט פון כעמיע איז אויך דאָס זעלבע געטאָן געוואָרן פון דזשאָן דאַלטאָן, וועלכער האָט דערקלערט די טעאָריע פון אַטאָמען.

אויפן געביט פון פיזיקע איז געקומען „פאַראַדעי" מיט זיינע פרינציפּן און דערקלערונגען וועגן עלעקטריק, ער איז דער פאָטער פון דער דינאַמאָ, וועלכער האָט מעגלאַך געמאַכט צו נוצן די עלעקטרישע ענערגיע צו טרייבן מאַשינען און עלעוויטאָרס און אַלע אַנדערע באַוועגליכע מאַשינען.

דאָן איז געקומען העינריק רודאָלף הערץ מיט זיינע ענטדעקונגען פון ליכט און קלאַנג און עס זיינען אָט די דאָזיקע "Hertzian Waves" די הערץ־כוואַליעס, וואָס האָבן געדינט אַלס פונדאַמענט צו דערמעגלאַכן דעם דראָטלאָזן טעלעגראַף.

אָט דער פאָרשריט וואָס איז געמאַכט געוואָרן אויפן פעלד פון ביאָלאָגיע, פיזיקע, באַקטעריאָלאָגיע און כעמיע האָט אינגאַנצן רעוואָלוציאָניזירט דעם שטודיום און די פּראַקטיק פון דער מעדיצין און דאָס האָט געפירט צו נייע ענטדעקונגען וועלכע האָבן געראַטעוועט הונדערטער טויזנטער מענטשן פון טוידט.

די „דזשווירם" טעאָריע איז אַנטדעקט געוואָרן. אין 1882 האָט קאָך אַנטדעקט דעם דזשווירם פון טובערקולאָזיס. אין 1892 האָט בערינג געמאַכט דעם ערשטן אַנטיטאָקסין סערום וועלכער האָט שוין געראַטעוועט מיליאָנען קינדער פון אַ זיכערן טוידט דורך דיפטעריע.

דר. קראַפאָרד לאָנג און דר. מאָרטאָן, צוויי אַמעריקאַנער דאָקטוירים האָבן אינמיטן פון 19טן יאָרהונדערט אָנגעהויבן נוצן אַנעסטיזיא, וועלכע האָט אַזוי פיל דערמעגלאכט דער כירורגיע צו גייען פאָראויס.

דער 19טער יאָרהונדערט האָט צום סוף אונדז אויך געגעבן די עקס־רעי מאַשין. (רענטגען 1895) מאַדאַם קוריע האָט אַנטדעקט ראַדיום.

דער 19טער יאָרהונדערט האָט אונדז אויך געגעבן אַלבערט מייקעלסאָן און אַלבערט איינשטיין. אָבער די צייט וועט מיר ניט דערלויבן אויסצורעכענען אַלע, וועל איך זיך מוזן באַגניגענען דערמיט וואָס איך וועל זאָגן אַז אויפן געביט פון וויסנשאַפט איז זיכער געווען אַ גרויסע שפע אין 19טן יאָרהונדערט.

●

ראובן קעמפף

דעמאָקראַטישע באַוועגונגען אין 19טן יאָרהונדערט

דאָס וואָס איז אמת וועגן די דערגרייכונגען אויפן געביט פון דער וויסנשאַפט אין 19טן יאָרהונדערט, איז אויך אמת וועגן פּאָליטישע און סאָציאַלע דערגרייכונגען.

בכלל איז דער 19טער יאָרהונדערט מער כאַראַקטעריסטיש מיט זיין מאַרש צו דער אַזוי גערופענער דעמאָקראַטיע. אונטער־דריקטע פעלקער האָבן געקראָגן זייער נאַציאָנאַלע אומהאָפּענגיקייט.

רעכטלאָזע קלאָסן האָבן געקראָגן פּאָליטישע פרייהייט און פאַרפאָלגטע רעליגיעס האָבן אויך געווינען זייער רעכט און אָנגע־הויבן טאָלערירט צו ווערן.

בעלגיע איז געוואָרן זעלבסטשטענדיק. די באַלקאַנישע לענ־דער האָבן געקראָגן פריער אטאָנאָמיע, און דערנאָך געוואָרן זעלבסט־שטענדיק.

די סערפּן אין רוסלאַנד און נעגערס אין אַמעריקע זיינען באַפרייט געוואָרן. מיט איין וואָרט, עס האָט זיך אין דעם גאַנצן יאָרהונדערט געהאַלטן אין איין באַוועגן.

נאָר די וויכטיקסטע באַוועגונג פון אַלע, וועלכע האָט ניט נאָר געזוכט צו פאַרלייכטערן און רעפאָרמירן, אָדער צו ליבעראַליזירן, נאָר טאַקע מאַכן אַ ראַדיקאַלע ענדערונג אין דער גאַנצער סיסטעמע פון אונדזער געזעלשאַפט, עטאַבלירן אַ נייע אָרדנונג אין וועלכער די פּראָדוצירונג און צעטיילונג פון פאַרמעגן זאָל זיין אינגאַנצן אַן אַנדערע ווי זי איז, אַ מער יושר'דיקע, מער גערעכטע ווי זי איז, אַט די באַוועגונג איז די סאָציאַליסטישע.

נאָך היינט צו טאָג איז די באַוועגונג די וויכטיקסטע; אין יעדן לאַנד, אפילו אונטער די פינסטערסטע הערשער, לעבן מיליאָנען אַרבעטער מיט דער האָפנונג אויף יענעם טאָג ווען אַט די באַוועגונג וועט האָבן די מעגלאַכקייט איבערצונעמען רעגירונגען און איבערבויען אונדזער געזעלשאַפט אויף גערעכטערע יסודות.

די אידייע פון איבערבויען די געזעלשאַפט האָבן אין פראַנקרייך אָנגעהויבן פּראָפּאַגאַנדירן די אוטאָפּיסטן. באַלד נאָך דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע. סען סימאָן און פוריע אין פראַנקרייך, און ראָבערט אָוען אין ענגלאַנד און אפילו דאָ אין אַמעריקא האָבן די אוטאָפּיסטן געקראָגן אַזעלכע חברים ווי האָראַס גרילי און נאַטאַניעל האָטאָרן.

די אוטאָפּיסטן האָבן געקראָגן זייער נאָמען נאָך אַ בוך פון סיר טאָמאַס מאָר, אין וועלכן ער האָט געמאָלן אַ אידעאַלן צוזאַמענלעבן פון דער געזעלשאַפט און דער טיטול פון בוך איז געווען „אוטאָפּיע".

די אוטאָפּיסטן האָבן אָבער אַלע זיך פאַריקט אין שאָטן ווען עס איז אויפגעקומען די ליכטיקע זון פון וויסנשאַפטלאַכן סאָציאַליזם, ווען קאַרל מאַרקס און זיינע צייט גענאָסן אין דייטשלאַנד האָבן באַוויזן אַז דער קאַפּיטאַליזם גראָבט זיין אייגענעם קבר, מיט דעם וואָס ער שאַפט דעם אָרעמען קלאַס, דעם פּראָלעטאַריאַט.

מאַרקס און ענגעלס, לאַסאַל און העס, אַ גאַנצע פּלעיאַדע טרעגער פון דער סאָציאַליסטישער אידייע האָבן אָנגעצונדן די הערצער פון מיליאָנען אַרבעטס מענטשן און נאָך באַ זייער לעבן האָבן זיי שוין געזעען ווי צענדליקער טויזנטער אַרבעטער און פאָלקס מענטשן האָבן זיך מקריב געווען פאַר זייער אידעע, ווי עס איז געווען דער פאַל אין דער פאַריזער קאָמונע אין 1871.

●

אליהו סיידעל

די פּאַריזער קאָמונע

ריידענדיק פון דעם 19טן יאָרהונדערט איז עס ניט מעגלאַך אַרויסצולאָזן די וויכטיקע געשייעניש וואָס זיינען פאָרגעקומען אין דער שטאָדט פּאַריז, אין יאָר 1871. דאָן איז פאָרגעקומען דער באַרימטער אַרבעטער אויפשטאַנד, וועלכער איז באַוואוסט אין דער געשיכטע אַלס די פּאַריזער קאָמונע. אין מערץ 1871, האָבן די אַרבעטער פון פּאַריז באַשלאָסן צו עטאַבלירן אַ קאָמונע, וועלכע זאָל רעגירן לויט די נויטן פון דער אינדוסטריעלער שטאָדט.

פראַנקרייך איז אַלעמאָל געווען אַן אַגראַריש לאַנד, און האָט זיך רעגירט לויט די נויטן פון אַן אַגריקולטורישן פאָלק, נישט גענומען אין באַטראַכט די באַדערפענישן פון אַן אינדוסטריעלן צענטער. אין 1871 איז דער קאַמף צווישן די צוויי פראַקציעס געקומען צו אַ קלימאַקס, ווען די רעגירונג אונטער דער פירערשאַפט פון טיערז, האָט געשלאָסן אַ שלום מיט ביסמאַרק׳ן, וועלכער איז געווען אי אַ באַליידיגנדער אי אַ שווערער.

די פּאַריזער מאַסן זיינען געווען באַוואָפנט, ווייל די נייע רעפּובליק האָט געמוזט פאַרטיידיקן די שטאָדט קעגן דער דייטשי־שער אַרמיי. די רעגירונג האָט זיי אפילו עס נישט געוואָלט געבן, ווייל זי האָט געוואוסט אַז די פּאַריזער אַרבעטער זיינען אומצופרידן מיט זייער צושטאַנד.

ווען פּאַריז האָט זיך דערוואוסט פון דעם שלום איז זי געווען אומצופרידן, און ווען די נאַציאָנאַלע רעגירונג האָט אָפּגעשאַפט דעם מאָראַטאָריום, און האָט אויך אויפגעהערט צו צאָלן די סאָלדאַטן אין דער אַרמיי, האָט עס נאָך שטאַרקער אויפגערעגט די מאַסן.

זיי האָבן זיך נישט אונטערגעגעבן צו די פאָדערונגען פון דער רעגירונג, און אין דעם 18טן מערץ, האָבן די פּאַריזער צעטריבן די נאַציאָנאַלע אַרמיי ווען זי האָט פּרובירט פאַרכאַפּן אַ קאַנאָן אויפן מאָנטמאַרט. דאָס איז געווען דער אָנהויב פון דער רעוואָלוציע.

מיט עטלאכע טעג שפּעטער, איז אָפּיציעל די קאָמונע דערקלערט געוואָרן. מיט דער ערקלערונג איז די שטאָדט געוואָרן פול מיט פרייד. אומעטום האָט מען אין גיכן די רויטע פאָן אויסגעהאַנגען, אומעטום האָט מען געהערט דאָס באַגייסטערטע זינגען פון דער מאַרסעליעזע.

איידער מען האָט זיך דערקלערט אַלס אַ קאָמונע, האָט די שטאָדט געהאַלטן וואַלן דורך וועלכע 90 דעלעגאַטן זיינען דערוויילט געוואָרן צו דער שטאָדט רעגירונג. 200,000 מענער און פרויען האָבן דערוויילט זייערע פאַרשטייער, וועלכע זיינען אַלע געווען פאַר אַ באַפרייטער פּאַריז, אָבער וועלכע זיינען ניט געווען געאייניקט אין איין געדאַנק, ווי אַזוי די נייע רעגירונג זאָל אַרבעטן.

אַ טייל פון די אויסגעקליבענע זיינען געווען בלאַנקיסטן, און זיי האָבן זיך נאָר פאַראינטערעסירט מיט דעם פּאָליטישן אַספּעקט פון דעם סאָציאַליזם. זיי האָבן געגלויבט אין דיקטאַטור פון דעם פּראָלעטאַריאַט בכלל, און פון זייער פירער בפרט. זייער פירער לואי בלאַנק, איז אין דער צייט געווען אין געפענגעניש, און זיין פּאַרטיי האָט אָן אים גאָרנישט געקענט אויפטאָן.

אָן אַנדער טייל פון קאונסיל זיינען געווען מיטגלידער פון מאַרקס׳עס אינטערנאַציאָנאַל. זיי האָבן געגלויבט אין אַן עקאָנאָמישע און פּאָליטישע איבערקערעניש, איז עטאַבלירן אַ סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט. די גרופּע איז געווען די איינציקע אין

קאונסיל וועלכע האט פארשטאנען די נויטן פון די מענטשן, און האבן פרובירט עפעס טאן כדי צופרידנצושטעלן די נויטן. ווען מען האט פאנאנדערגעטיילט די רעגירונג אין דעוויזיעס זיינען די מערסטע פון די מארקסיסטן אריין אין דער ארבעט און איבער־בייט קאמיסיע. דארט האבן זיי פרובירט איינפירן:

1) אז ארבעטער עקסטשענדזש קאמיסיע;

2) עטאבלירן ארבעטער קאאפעראטיוון;

3) אז אמוניציע זאל נאר געמאכט ווערן פון די קאאפע־ראטיוון, און א צאל אנדערע פראגרעסיווע געזעצן.

די ארבעט פון דער קאמיסיע גיט אונז א גוטן באווייז אין וועלכער ריכטונג די קאמונע וואלט געגאנגען.

אין דער רעגירונג זיינען אויך אריינגעגאנגען פילע פראגרע־סיווע דעלעגאטן, מיט פארשידענע געדאנקען. אבער אין קיינע פון די ריכטונגען זיינען נישט געווען קיין גרויסע פירער און רע־גירער. די מארקסיסטן זיינען געווען די איינציקע וואס האבן עפעס אויפגעטאן.

אבער עס זיינען פאראן אנדערע און וויכטיקערע אורזאכן פארוואס די קאמונע האט ניט געקאנט פיל אויפטאן. טיערז, וועל־כער האט אין 1848 געקעמפט אויף דער זייט פון די רעוואלוצי־אנערן, האט באשלאסן צו באלאגערן די שטאדט. ער האט געפוילט ביי ביסמארקן אז ער זאל פריילאזן די פראנצויזישע געפאנגענע סאלדאטן און ביסמארק האט עס געטאן. די ארמיי פון טיערז האט געהאט 170,000 סאלדאטן, און די ארמיי פון דער קאמונע האט געהאט בלויז 16,000.

פון אפריל דעם 3טן ביז מאי דעם 22טן, איז אנגעגאנגען דער קאמף אן גרויסע געווינסן פאר ביידע זייטן. די נאציאנאלע רעגירונג אבער, האט געהאט אן ארמיי מיט א גוטער דערציאונג, א גוטער דיסציפלין, גרויסע קריגספירער, און נאך וויכטיקער איז געווען דאס וואס זי זיינען נישט געווען הונגעריק און נאקעט, און האבן געהאט גוטע רעזערוון.

די לאגע פון די קאמונארן איז געווען פיל אנדערש. זיי האבן געהונגערט, נאר זייער איינציקער צוועק איז געווען זיך צו פאר־

טיידיקן. זייערע פירער זיינען נישט געווען גוט באַקאַנט מיט דער מלאכה, און די דיסציפּלין איז געווען זייער אַ שלעכטע. אָפּטמאָל פלעגן די קאָמונאַרן נישט געטרויען אַז עמיצער אַנדערש זאָל פאַר נעמען זייער פּלאַץ אויף די באַריקאַדן, און פלעגן אַליין דאָרט בלייבן פאַר 20 אָדער 30 טעג נאָכאַנאַנד.

די פרויען און קינדער האָבן זיך אויך העלדיש אויסגעצייכנט אויף די באַריקאַדן. די פרויען האָבן צוגעגרייט דאָס ביסל שפּייז וועלכע די סאָלדאַטן האָבן געהאַט, זיי האָבן געהיט די פאַרוואונדעטע סאָלדאַטן, און אָפּטמאָל האָבן זיי צוזאַמען מיט די מענער געשלאָגן זיך אויף די באַריקאַדן.

פילע יונגע אינגלאך האָבן אויך געהאָלפן אין דעם העלדישן קאַמף. מיר קענען עס בעסער פאַרשטיין ווען מען קוקט אַריין אין „לאַ קאָמונע” אַ זשורנאַל פון יענער צייט. אין דעם נומער פון 12טן אַפּריל, ווערט באַשריבן ווי טיעבאַלט, אַ 14 יאָריקער אינגל, האָט געבראַכט וואַסער אין מיטן אַ גרויסן געשלעג, צו די קאָמונאַרן, און ווי אַזוי ער איז געלאָפן צום פראָנט און צעבראָכן אַ פּאַס מיט ווייַן ווען זיין באַטאַליאָן האָט געמוזט אַנטלויפן, און דערביי האָט ער געשריען, אַז די רעגירונג וועט קיינמאָל נישט דערלעבן צו טרינקען דעם וויין פון די קאָמונאַרן.

אָבער מיט העלדישקייט אַליין קען מען נישט דערגרייכן קיין ציל, אָדער געווינען אַ רעוואָלוציע. עס מוז זיין עפּעס מער, און דערפאַר איז דער סוף פון דער קאָמונע געווען אַזאַ מין ביטערער.

מאַי דעם 22טן האָט זיך די רעגירונג דערוואוסט אַז איין טייל פון שטאָדט איז נישט גוט באַוואָרנט. אַ גרויסע צאָל סאָלדאַטן האָבן זיך אַריינגע׳גנבה׳ט אין שטאָדט און דעם 23טן האָט זיך די שטאָדט שוין געפינען אין שונא׳ס הענט.

די קאָמונאַרן האָבן ניט געהאַט גענוג צייט זיך צו אָרגאַניזירן און די שטאָדט איז געווען אין אַ כאַאָטישן צושטאַנד. די ווערסאַיל טרופּן האָבן דער׳הרג׳ט אַלע מענטשן וועלכע זיינען זיי ניט געפעלן. נאָך אַ וואָך איז יעדע באַפעסטיגונג פון די אַרבעטער פאַרכאַפּט געוואָרן, און אויף דעם 29טן, מיט דעם אונטערגעבן זיך פון בעלוואַי, דעם אַרבעטער טייל פון שטאָדט, איז

די בלוטיקע וואָך געקומען צו אַן ענדע. די שטאָדט איז נאָך דעם טאָג געווען טויט שטיל אין דעם בוכשטעבליכן זין פון וואָרט. וואו מען איז געגאַנגען האָט מען טויטע קערפּערס געזען ליגנדיק אין די גאַסן. די לופט האָט געשמעקט פון דעם רויך פון די געוועזענע העלדישע פרייהייטס־ליבע קאָמונאַרן. דער איינציקער טומל איז געווען די שיסערייען פון דער אַרמיי, און דאָס געשריי פון די פאַראורטיילטע. די געריכטן זיינען נאָר געווען לפנים. יעדער איינער וועמען מען האָט געבראַכט פאַר אַ ריכטער האָט געוואוסט וואָס זיין אורטייל וועט זיין. אין די דאָקומענטן פון די משפטים געפינען מיר אַז איינעם אַ מיטגליד פון דער מאַרקסיסטישער פּאַרטיי האָט מען פאַרמשפּט אויף טויט, ווייל זיי האָבן געגלויבט אַז עס איז די פליכט פון דער רעגירונג אָפּצוראַמען פון וועג אַזעלכע פּערזאָנען.

די וועלכע מען האָט נישט געמשפּט אין פּאַריז, האָט מען אַרייַנגעפּאַקט אין וואַגאָנען, איינס אויף'ן אַנדערן, און אַוועקגעשיקט קיין ווערסאַיל. ווען די אַרעסטירטע פלעגן נעמען טומלען, פלעגן די סאָלדאַטן אַריינשיסן אין וואַגאָן, און אַזוי אַרום איינשטילן די געשרייען פון די מענער, פרויען, און קינדער וואָס האָבן זיך דאָרט געפינען. איידער די קאָמונאַרן האָבן געקאָנט אַריינקומען אין ווערסאַיל, האָבן זיי געמוזט דורכגייען די טויערן פון לאַמועט. דאָרט פלעגט דער קאָמענדאַנט יעדן טאָג באַשליסן אַז אַנדער גרופּע צו דערשיסן. איין טאָג איז עס געווען די ווייס האָריקע, און מיאוסע אַנאַנדער טאָג, א. א. וו.

די מערסטע פון די פאַרמשפּטע פלעגט מען נעמען צום פּער לאַשיי בית עולם, וואו מען פלעגט דערמאָרדן הונדערטער פּראָלעטאַריער יעדן טאָג. מען פלעגט זיי אַריינוואַרפן אין קברים, וואו אויב די קויל האָט זיי ניט דער'הרגעט זיינען זיי סיי ווי סיי דערשטיקט געוואָרן, ווען מען האָט זיי באַגראָבן. די וואַנט נעבן וועלכער זיי זיינען געפאַלן איז באַוואוסט אַלס די וואַנט פון די נאַציאָנאַלע פּאַרטיידיקער, און יעדן יאָר קומען דאָרטן טויזנטער סאָציאַליסטן פון אַלע לענדער, אָפּגעבן די בראַווע קעמפער זייער ערע.

אזא מין ביטערע נקמה, ווי די רעגירונג האָט גענומען האָט די מערב וועלט קיינמאָל פריער ניט געזען. אין אַ צייט ווען די אַנדערע לענדער האָבן פּרובירט איינפירן פאַרשידענע רע־פאָרמען, האָט די פראַנצויזישע רעגירונג געצוואונגען דאָרשטיקע פרויען צו טרינקען דאָס בלוט פון די געפאַלענע.

די טיערן רעגירונג האָט דערשטיקט דעם אויפשטאַנד. צווישן 30 און 40 טויזנט קאָמונאַרן האָבן באַצאָלט מיט זייער לעבן, און אַ גרויסע צאָל אַנדערע האָבן געשמאַכט אין די תפיסה'ס. אָבער איין זאַך האָבן זיי נישט געקענט דער'הרגענען אָדער פאַרשפּאַרן, און דאָס איז דעם ציל פאַר וועלכן די אַרבעטער האָבן געקעמפט. די קאָמונאַרן זיינען טויט, די קאָמונע איז מער נישט פאַראַן אָבער דער גייסט פון ביידע לעבט אין יעדן סאָציאַליסט.

מיר סאָציאַליסטן מוזן פיל לערנען פון די טעות'ן פון אונדזע־רע אונדערפאַרענע ברידער, און מיר מוזן די פעלערן אויסמיידן. אָבער זייער באַגייסטערונג, און זייער העלדישקייט מוזן מיר איבער־נעמען. מיר מוזן שטרעבן צו אָפּשאַפן דעם איצטיקן סיסטעם און איינפירן אַ סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט, וואו דער גייסט פון דער ערשטער פאַרייזער קאָמונע פון פרייהייט, גלייכהייט און ברידער־לאַכקייט זאָל הערשן. ביז יענער צייט טאָרן מיר נישט און קענען נישט רוען. מיר מוזן שטאַרק קעמפן, מיר מוזן שטאַרקער גלויבן אַז אונדזער גערעכטע שטרעבונג וועט דערגרייכט ווערן. שטייט אויף איר אַלע, אַלע שקלאַפן און העלפט ברעכן די אייזערנע וואַנט.

●

נחום קאַטאַוועסקי

קאַרל מאַרקס

קאַרל היינריך מאַרקס' לעבן איז פול מיט קאָנטראַסטן און עקסטרעמען. געבוירן געוואָרן אין אַ מיטל קלאַס יידישער פאַ־מיליע, האָט ער התונה געהאַט מיט אַ טאָכטער פון די דייטשישע

נאָבל־לייט; אַרויסגעקומען פון אַ פאַמיליע רבנים, האָט מען אויסגענוצט זיין נאָמען צו פאַרניכטן רעליגיע, דערצויגן געוואָרן אין אַ שיינער בורזשואַזנער היים, האָט ער געלעבט כמעט זיין גאַנץ לעבן אין אָרעמקייט; מיט זיינע געדאַנקען ערגעץ אין אוטאָפּיסטישע הימלען וואו מענטשן לעבן פריי און בשלום, האָט ער אויסגעלעבט זיינע טעג אין קאָנפליקטן מיט דער הערשנדיקער וועלט; איין און איינציקער צווישן די הונגעריקע מאַסן, האָט ער פאַראורזאַכט מורא צווישן קעניגן און ציטערניש צווישן רעגירונגען. קאַרל מאַרקס איז מיט איינמאָל דער באַליבטסטער און פאַרהאַסטער מענטש וואָס האָט ווען עס איז געלעבט אויף דער וועלט.

טריווס איז איינע פון די עלטסטע שטעדט אין ריינגעגנט. דאָרט האָט דער גרויסער צעזאַר צעשלאָגן די טריוועריִ, די שטאַרקסטע פון די בעלגישע שבטים וואָס זענען דאָרט געווען, און די שטאָדט האָט באַקומען זייער נאָמען. דאָרט געפינען זיך די עלטסטע רוימישע רעשטלאַך אין צפון אייראָפּא. דאָרט איז געבוירן געוואָרן קאַרל היינריק מאַרקס, דער נביא וואָס האָט אויפגעדעקט די פאַרפוילקייט פון אונזער היינטיקער סיסטעם.

זיין טאַטע היינריק מאַרקס, איז שוין נישט געוואָרן קיין רב ווי עס איז געווען די טראַדיציע פון דער משפחה, נאָר איז גאָר געוואָרן אַן אַדוואָקאַט. ער האָט געוואונען אַ הויכן פּלאַץ אין שטאָדט, צוליב זיין שטאַרקן כאַראַקטער און באַרימטער קלוגשאַפט. אויך איז ער אַ מין געמיש פון דענקער און אידעאַליסט. ער האָט געמיינט אַז מען קאָן צעשיידן דאָס לעבן פון די אידעאַלן פון דעם לעבן פון רעאַליטעטן, און אַז נאָר דער אידעאַל איז גערעכט. אַזוי זעען מיר ווי דער גייסט פון יענע צייטן איז באַהערשט געוואָרן פון די געדאַנקען פון העגעל. היינריק מאַרקס איז געווען דער מענטש פון זיין עפּאָכע אין וועלכער ער האָט געלעבט. ס'איז פאַרבליבן פאַר זיין זון אויפצועפענען דעם מענטשנ'ס אויגן און אַרונטערוואַרפן העגעל'ן פון זיין טראָן, צו פאַרפיקסירן אין מענטשליכן באַוואוסטזיין אַז ס'זענען דאָ אַזוינע זאַכן ווי אָרעמקייט און פאַרפאָלגונג, אַז די זאַכן זענען רעאַל, און גערעכטיקייט און חבר'שאַפט דאַרף מען מאַניפעסטירן אין דער

צוזאַמענלעבונג פון מענטש און מענטש און נישט איבערלאָזן די זאַכן צו די זיסע חלומות פון פילאָזאָפן און פּאָעטן.

און דאָך האָט דער טאַטע געהאַט זייער אַ גרויסן איינפלוס אויפן זון. ער האָט דירעקטירט זיין לייענען; ער איז געוואָר געוואָרן אַז קאַרל איז באַשאָנקען מיט אַן אויסערגעוויינלאַכער דענקונס־קראַפט און ער האָט די קראַפט דערצויגן ווי אַ מוטער דערציט איר קינד. ס'איז ניט געווען גרינג צו קאָנטראָלירן זיין זון'ס הייסן טעמפּעראַמענט און דאָס יונגע האַרץ וואָס האָט געזוכט אמת און גע־רעכטיקייט. די געדולד וואָס קאַרל'ס טאַטע האָט געוויזן אין זיינע האַנדלונגען האָבן געמיינט אַ סך אין דער אַנטוויקלונג פון'ם זון. קאַרל האָט אין זיינע שפּעטערדיקע יאָרן מיט גרויס ליבשאַפט צוריקגעקערט זיין טאַטן'ס שטאַרקע געפילן צו אים.

היינריק'ס אַ גוטער פריינט, דער באַראָן לודוויג וואָן וועסט פּיילן, האָט אויך געהאַט אַ גרויסן איינפלוס אויף דעם יונגן קאַרל'ן. די צוויי פאַמיליעס זענען געווען זייער נאָענט איינער צום אַנדערן, און דזשעני, די שיינע טאָכטער פון'ם באַראָן איז זייער אָפט געווען אין דעם יידישן אַדוואָקאַט'ס הויז, און קאַרל האָט זיך אַ סך מאָל געפינען ביי די וועסטפּיילן אין זייער ביב־ליאָטעק און שפּילצימער. אַסאָסיאַציעס פון די יונגע יאָרן האָבן זיי ביידע געפירט צו אַ שטאַרקע ליבע כאָטש דזשעני איז געווען אַביסעלע עלטער פון קאַרל'ן און האָט געהאַט מער מעגלאַכקייטן פאַר העכערער בילדונג און סאָציאַלער פאַרזיכערונג, האָט זי זיי אַלע אַוועקגעוואָרפן פאַר דער ליבע פון איר קינדהייט.

איצט געפינען מיר דעם יונגן מאַרקס'ן אין דער בערלינער אוניווערסיטעט. צווישן זיין גרויסע ליבע פאַר זיין דזשעני'ן און די פּאָעמעס וואָס ער האָט צו איר געשריבן, האָט ער אויך שטו־דירט אַלס אַדוואָקאַט. אָבער זיין גרעסטער פאַרגעניגן איז געווען צו לערנען פילאָזאָפיע. זיין ערשטן יאָר אין אוניווערסיטעט האָט ער שטודירט אַ סך פון די גריכישע גרונט מאַטעריאַלן. ער פּרו־בירט אויסאַרבעטען אַ מין פילאָזאָפיע פון געזעץ אָבער ער קאָן ניט ווייל ער איז געשטערט געוואָרן פון קאָנפליקטן צווישן „וואָס עס איז און וואָס עס דאַרף זיין." ער האָט שטודירט העגעל, פיכטע,

און קאַנט, און איז געזעסן ביז שפּעט אין דער נאַכט שטודירנדיק די פילאָזאָפן און ווי ער זאָגט אין איינע פון זיינע בריוו איז ער אַרויס אַ „נעגאַטיווער מענטש.“ אַלע זיינע גרונט אידייען זענען צעשטערט געוואָרן. ער האָט געמוזט געפינען נייע געטער פאַר זיין „פּוסטן מזבח.“ ער האָט אָנגעהויבן לייענען פייערבאַך, גראַל־מאַן, סאַוויגני, און אַריסטאָטעל. ער איז געוואָרן אַ מיטגליד אין דאָקטער׳ס קלוב וואו אַלע פּראָבלעמען — רעליגיעזע, סאָציאַלע, פּאָליטישע, וויסנשאַפטליכע, און פילאָזאָפישע זענען באַטראַכט געוואָרן מיט אַ קריטישן בליק פון די שאַרפסטע מוחות. ער האָט געפילט אַז העגעל׳ס פילאָזאָפיע איז אומגערעכט. די איינהייט וואָס העגעל האָט פאָראויזגעזאָגט צווישן דער וועלט פון מאַטעריע און דער וועלט פון דענקען — אידעאַלן, איז בלויז געווען מעטאַפיזיש, קאָנצעפּציע. עס איז געווען אָפּגעשיידט פון׳ם לעבן. ווי אַזוי, האָט ער געטראַכט, זאָל מען אַריינברענגען דעם אידעאַל אין די רעאַליטעטן פון מענטשליכער דערפאַרונג. מיר זעען ווי מאַרקס פּראָבירט נעמען דאָס לעבן אין זיינע יונגע הענט, און עס קריטיש אָנקוקן; ער האָט געוואָלט וויסן ווי אַזוי צו געפינען אמת און גערעכטיקייט.

די פאַרשידענע ערפינדונגען אין דעם ערשטן העלפט פון נײַנצטן יאָרהונדערט האָט אינגאַנצן איבערגעמאַכט די וועלט. ס׳איז געווען אַן אַלטע מעשה צו די סטודענטן פון עקאָנאָמיק. ס׳איז געווען די גרויסע סאָציאַלע ווירטשאַפט וואָס האָט געוויזן מאַרקסן אַ נייע אויסטייטשונג פון לעבן און געשיכטע. פעאָדאַלע כוחות האָבן זיך אויסגעשפּילט. דער גרויסער מיטל־קלאַס איז געוואַקסן פון טאָג צו טאָג אין רייכקייט. די מאַכט פון געלט איז געווען אין זייערע הענט. זיי האָבן אויסגעטייטשט אויף זייער שטייגער די רעגירונג.

מאַרקס איז פאַרכאַפּט געוואָרן אין פייערן פון אומצופרידנ־קייט וואָס האָבן געברענט הינטערן לעבן אין דייטשלאַנד און פראַנקרייך. אין די פאַרגאַנגענע יאָרן האָט מען שוין געזען אידעאַ־ליסטישע אָרגאַניזאַציעס וואָס האָבן געחלומט פון בעסערע טעג — ראָבערט אָוען אין ענגלאַנד, און סען סימאָן און פוריע אין

פראנקרייך. אָבער זייער פּראָטעסט איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן אויף סענטימענטאַלע הומאַניטאַרישע, עמאָציאָנעלע יסודות. מאַרקס׳ס צוגאַנג איז געווען אַ נייער. ער האָט שטודירט די פּראָצעסן פון עקאָנאָמיק, פּאָליטיק, און סאָציאַלע עוואָלוציע אין דער געשיכטע פון מענטשן. אַלס רעזולטאַט איז ער צוגעקומען צו באַשטימטע שלוסן וואָס זיינען געווען גרויסע איינפלוסן אין׳ם גאַנג פון דער געשיכטע אין׳ם לעצטן יאָרהונדערט.

די ליניע איז קלאָר געווען צווישן די אַלטע און נייע אין דער סאָציאַליסטישער טעאָריע. די אוטאָפּיסטן האָבן געבויט זייער טעאָריע אויף אַ הומאַניטאַרישן באַזיס. מאַרקס שטעלט אַוועק זיינע טעאָריעס אויף אַ וויסנשאַפטליכער אויסטייטשונג פון געשיכטע, און אַנטוויקלט זיינע טעזעסן דורך מאַטעמאַטישע באַווייזן. די אוטאָפּיסטן האָבן פאַרלאַנגט באַלדיקע אַקטיוויטעט—קאָנספּיראַציע און רעוואָלט. מאַרקס האָט געוואָלט אַ לאַנגע פּעריאָדע פון צוגרייטונג און דערציאונג פון׳ם אַרבעטער. עס קאָן ניט זיין קיין ענדערונג ביז וואַנען די עקאָנאָמישע אומשטענדן רופן זיי אַרויס. פעאָדאַליזם איז געפאַלן און דער קאַפּיטאַליזם וועט אויך מוזן פאַלן. אָבער דער סוף קאָן ניט זיין קיין נס. אַנשטאָט רעוואָלוציאָנערע אַקטיוויטעטן האָט מאַרקס געהאַט אָפענע פּראָפּאַגאַנדע. ביז יענע צייט וועט קומען דאַרפן אַלע אַרבעטער פון אַלע לענדער זיך פאַראייניקן און זיך גרייטן פאַר דעם מאָמענט ווען די מאַכט וועט איבערגיין אין זייערע הענט. ווען די 1848 רעוואָלוציעס האָבן אויסגעבראָכן איז גאַנץ אייראָפּע געווען גרייט צו אויסברעכן אין בירגער קריגן און אַזוי געגעבן אַביסל אמת צו די אוטאָפּיסטן. אָבער מאַרקס און זיין פריינט ענגעלס זענען געבליבן קאַלט בלוטיק.

אין די צייטן, ווען זיין ווייב איז געווען שטאַרק קראַנק און נאָענט צום טויט, אַליין אויך אַ קראַנקער, האָט ער זיך אונטערגענומען שרייבן דאָס גרויסע ווערק וואָס באַהאַנדלט זיינע עקאָנאָמישע טעאָריעס—„דאָס קאַפּיטאַל". ער האָט אָבער ניט פאַרענדיקט. די באַליבטע האַנט פון זיין פריינט ענגעלס, נאָך דעם טויט פון מאַרקס׳ן האָט צוזאַמענגענומען זיינע מאַנוסקריפּטן און האָט געשריבן די לעצטע ווערק.

מאַרקס איז געווען אויסערגעוויינלאַך אין זיין אויפפאַסן אינטערנאַציאָנאַלע סיטואַציעס. דורך זיין טיר זיינען דורכגעגאַנגען גרויסע פיגורן אין דער וועלט געשיכטע, פאַרהאַסטע מענטשן אין זייער צייט, אָבער זייערע נעמען זענען ביז היינט אַן אינספּיראַציע צו די אַרבעטער מאַסן.

מאַרקס׳ס חוש צום לערנען האָט זיך קיינמאָל ניט צופרידנ־געשטעלט, כדי צו פאַרשטיין די באַוועגונג פאַר פרייהייט צווישן די רוסישע מאַסן האָט ער אָנגעהויבן זיך לערנען רוסיש ווען ער איז שוין געווען 51 יאָר אַלט. מיט זיין מידלאָזער ענערגיע האָט ער, ווי ער האָט נאָר געקענט, באַוויזן די נוצלעכקייט פון אַ באַוואוסטזיניקן אַרבעטער קלאַס. אַ דאַנק אים און זיין איינפלוס איז די „לייבאָר פאַרטי" אין ענגלאַנד געוואָרן מער ווי בלויז אַ באַוועגונג פון אַרבעטער, ס׳איז אַ באַוועגונג פון אידייען און עס דערוואָרט איר גרויסע און וויכטיקע אויפטועז.

און דאָס איז געווען זיין שטעלונג ביזן סוף. ער איז פון דעם קיינמאָל ניט אָוועק. ס׳איז געווען צוליב אים און זיינע לעקציעס וואָס האָבן געגעבן אימפּעט צו דער דערציאונגס אַרבעט אין ענגלאַנד. ס׳איז ער וואָס האָט צוגעגרייט די „בריטיש לייבאָר פּאַרטי," וואָס איז באַוואוסט אַ דאַנק איר אינטעלעקטועלער פי־רערשאַפט, צו אָננעמען די אַרויספאָדערונג וואָס די שפּעטערדיקע יאָרן האָבן פאָרגעשלאָגן.

ער איז פון פראַנקרייך, דייטשלאַנד, און בעלגיע אַרויסגע־טריבן געוואָרן· פאַרטריבן צוליב זיינע ראַדיקאַלע און עקאָנאָ־מישע טעאָריעס וואָס די רעגירונגען האָבן געהאַלטן אַלס רעוואָ־לוציאָנער, האָט ער צום סוף געפונען גערעכטיקייט און אַ פּלאַץ זיך צו באַהאַלטן, אין לאָנדאָן.

דאָן איז געקומען אַ פּעריאָד אין זיין לעבן וואו ער האָט דורכגעמאַכט הונגער און האַרצווייטאָג. ס׳זענען געווען צייטן ווען די גאַנצע פאַמיליע האָט געוואוינט אין צוויי קליינע צימערן און עס איז ניט געווען גענוג עסן צו געבן צו די פאַרווייינטע קינדער. צוויי פון זייערע קינדער זענען געשטאָרבן פון ניט דערעסן. און דאָך ביי זיין זייט איז געשטאַנען זיין ווייב — איבערגעגעבן אין זיינע

אַלע אונטערנעמונגען. אַפילו אין די שרעקליכסטע צייטן האָט מאַרקס ניט גענומען קיין געלט פון די לאַנדאָנער אַרבעטער פאַר זיינע לעקציעס. די קינדער וואָס האָבן געוואוינט אין זיין געגנט זענען געווען שטאַרק איבערגעגעבן צו זייער „דעדי מאַרקס."

מאַרקס איז געווען דער גרינדער פון דער ערשטער אינטער־נאַציאָנאַלער אָרגאַניזאַציע פון אַרבעטער איבער דער וועלט — די אינטערנאַציאָנאַלע אַרבעטער אַסאָסיאַציע, וואָס מען רופט דעם ערשטן אינטערנאַציאָנאַל. ס'איז ער וועלכער האָט געגעבן אינהאַלט און פאָרם צו דער אַרבעטער באַוועגונג איבער דער גאָרער וועלט און האָט געוואונען פאַר די אַרבעטער מאָסן קורצערע שטונדן, בעסערע שכירות, און אַ מער יושר'דיקע פאַרטיילונג אין די פּראָ־פיטן געמאַכט פון זייער פּראָדוקציע.

אַזוי לאַנג ווי דער מענטש וועט האָבן אָרעמקייט און הונגער; אַזוי לאַנג ווי קינדער יאָרן ווערן באַרויבט פון זיסקייט און פריי־לאַכקייט; אַזוי לאַנג ווי מענטשן וועלן פילן אונטערדריקונג — אַזוי לאַנג וועט דער מאַרקסיסטישער גייסט לעבן און לאָזן זיך הערן. זיין שטימע און גייסט איז די שטימע און גייסט פון די גרעסטע רעוואָלוציאָנערן פון אַלע צייטן — אונדזערע נביאים. און זייער פּראָטעסט איז געווען זיין פּראָטעסט.

●

אַנעט ליפּשולץ

משה העם

ס'איז פאַר אונדז ניט קיין נייס, אַז אידן האָבן אין אַלע צייטן געלעבט פאַרשקלאַפט. אַפילו אין זייער אייגן לאַנד זיינען זיי געווען אונטערטעניק אַנדערע פעלקער. און אויך שפּעטער, זיינען זיי גע־צוואונגען געוואָרן צו לעבן אין די געטאָס פון דייטשלאַנד, ענגלאַנד, פראַנקרייך און איטאַליע. און ווען די רעפאָרמאַציע פון מאַרטין לוטער האָט זיך אָנגעהויבן אין דייטשלאַנד אין 16טן יאָרהונדערט

און האָט אַביסל אָפּגעשוואַכט די קאַטוילישע מאַכט, האָבן אידן געהאָפט אַז זייער לאַגע וועט ווערן אַביסל לייכטער.

לוטער האָט פאַרשפּרייט דעם געדאַנק אַז אידן זיינען ברידער פון קריסטוס, און גאָט האָט זיי אויסגעקליבן און זיי געגעבן די הייליקע שריפט. דאָס האָט אידן געשטאַרקט און זיי האָבן געהאָפט אַז איצט, נאָך אַזוי פיל יאָרן, וועלן זיי קענען לעבן ווי אַלע אַנדערע פעלקער — לעבן פריי אין דער סאָציאַלער און עקאָנאָמישער וועלט. אָבער, עס איז אידן ניט באַשערט געווען אַזאַ מין לייכטע באַפרייאונג. לוטער האָט נאָר געוואָלט צוציען צו זיך די אידן, דורך זיין באַווייזן ווי נאָענט די אידישע רעליגיע שטייט מיט דער רעליגיע פון זיין פאָלק. אָבער, ווען ער האָט געזען אַז אידן געבן זיך ניט אַזוי לייכט אונטער, האָט ער גערופן צו זיינע פּראָטעסטאַנטישע נאָכפאָלגער און זיי געזאָגט אַז מען דאַרף אידן פאַרפאָלגן אַזוי ווי אין שפּאַניע, ווייל קיין בעסערס קומט זיי ניט. און קיין פרייל אָכערע בשורה האָט ער זיי ניט געקענט אָנזאָגן. אַלע זיינען געווען גרייט פאַרפאָלגן אידן — פאַרגיסן אידישע בלוט. אין אַלע אידישע קהילות האָט מען געשלאָגן אידן. אויב ס'איז ניט געווען פאַרוואָס, האָט מען אויסגעטראַכט אַן עלילת דם און די שטאָדט איז געווען הפקר! מען האָט געקוילעט אידן אָן רחמנות.

אין שפּעטערע יאָרן, אין ווין, צ. ב., האָט מען אויסגענוצט אידן פאַר די געלט וואָס מען האָט געקענט פון זיי ארויסקריגן כדי אַרויסהעלפן אין געשעפטן און ספּעציעל אין מלחמה, און דערנאָך האָט מען זיי גאַנץ פיין אַרויסגעטריבן.

אומגעפער אין דער צייט האָט זיך אָנגעהויבן אין מערב אייראָפּאַ אַ באַוועגונג צו באַפרייען די מענטשהייט פון אַלטע טראַדיציעס און אַ פאָדערונג פאַר רעדע פרייהייט. און אין דייטשלאַנד איז אַרויסגעטראָטן לעסינג, אַ דייטש טאַקע, און האָט עפנטליך געפאָדערט באַפרייאונג פאַר אידן. עס איז אויך אַרויסגעטראָטן דער אידישער דיינקער, משה מענדעלסאָן און האָט געקעמפט צוזאַמען מיט לעסינג פאַר דער אידישער עמאַנציפּאַציע. נאָר מענדעלסאָן האָט איבערגעזעצט די ביבל, נישט אויף אידיש, נאָר אויף דייטש, און האָט פּראָבירט צוגעוואוינען אידן ריידן אַ ריינעם

דייטש אַנשטאָט אידיש־דייטש. און טאַקע זינט יענער צייט האָבן אידן אָנגעהויבן שטרעבן צו דער דייטשישער קולטור. זיי האָבן געשטרעבט צו בעסערע סאָציאַלע און עקאָנאָמישע אומשטענדן און פּראָבירט אויסנוצן זייער דייטשישע קולטור אַלס אַ מיטל דערצו. זיי האָבן ביסלאַכווייז אַוועקגעוואָרפן זייערע אידישע טראַדיציעס, די אידישע שפּראַך, און זיך אַוועקגעלאָזט אין די שטראָמען פון דער דייטשישער קולטור.

אומגעפער אין אַזאַ מין צייט, אין דער ערשטער העלפט פון 19טן יאָרהונדערט, איז דער גרויסער סאָציאַליסט און נאָך גרעסערער איד — געבוירן געוואָרן. משה העס איז אויסגעוואַקסן אין אַ גאַנץ פרומער אַטמאָספערע און פון רייכע עלטערן. פונדעסטוועגן, האָט ער זיך גע'חבר'ט מיט ראַדיקאַל געשטימטע חברים פון אוניווערסיטעט וואָס זיינען באַאיינפלוסט געוואָרן פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע. און אַחוץ דעם וואָס זיין זיידע פלעגט מיט אים לערנען וועגן אידן און זייער גאָט, איז אים זיין אידישקייט גאָרנישט ניט אָנגעגאַנגען. צוליב זיינע ראַדיקאַלע טענדענצן וואָס האָבן אַרויסגערופן אַ געגנערשאַפט פון זיין פאָטער, האָט משה העס פאַרלאָזט זיין היים.

ער איז אַרויס אין דער וועלט און געלעבט מיט און אויף זיינע אידייען, ווייל קיין געלט איז ניט געווען און קיין ברויט אוואדע ניט. נאָך אַ לענגערע צייט, האָט זיין פאָטער פּראָבירט שלום מאַכן מיטן זון און אים אריינגעמען צו זיך אין געשעפט. אָבער ווי משה העס האָט געזאָגט, „זיין באַרוף איז ניט דער סוחרישער באַרוף נאָר עס איז אַ באַרוף צו דערוועקן די דרימלענדיקע מענטשהייט צום מאָרגן און צום אויפשטאַנד"! און מיט יענעם הערשנדיקן געדאַנק, און העגעל און שפּינאָזאַ אונטער דעם אָרעם האָט ער פאַרלאָזן זיין היים אויף אייביק.

אין אַ קורצער צייט איז דערשינען זיין בוך, „די הייליקע געשיכטע פון דער מענטשהייט", וואָס האָט אַרויסגעוויזן דעם איינפלוס פון זיין זייד'ן. עס האָט געהערשט ביי אים די אידייע אַז מענטשלאַכע געשיכטע איז הייליק און איז אַן אַרבעט פון גאָט. און ער האָט צוגעפּאַסט די מענטשלאַכע געשיכטע צו זיינע אידייען.

אין אַ פּאָר יאָר אַרום איז פאַרגעקומען אַ געשעעניש וואָס האָט אויפגערודערט די קולטורעלע וועלט און אויך אונדזער משה העס.

די שרעקלאַכע געשעעניש איז געווען דער בלוט בלבול אין דמשק. עס איז טאַקע געווען אַ שרעקלאַכע פּאַסירונג, אָבער אַלע שלעכטע זאַכן ברייגנען מיט זיך אויך עפּעס גוטס. איך זאָג דאָס דערפאַר, ווייל איך גלויב אַז וואָלט אָט דער בלוט בלבול ניט פאַר־געקומען, וואָלט זייער מעגלאַך געווען אַז אין העס'ן וואָלט קיינמאָל ניט דערוועקט געוואָרן זיינע יידישע געפילן — ווייל ביז איצט איז זיין יידישקייט אים געלעגן וויניק אין זינען, אָבער כאָטש מען קען ניט צושרייבן ענדערונגען אין די אידייען פון אַ מענטש צו בלויז איין פּאַסירונג, האָט אָזאַ מין פּאַסירונג ווי דער בלוט בלבול אים דערמאָנט אַז ער איז אַ ייד — אַ טייל פון יענעם פאָלק וואָס ווערט געפּייניקט און פאַרפאָלגט פון דער גאַנצער וועלט... איינער אַ הייליקער פּאָטער איז פאַרשוואונדן געוואָרן. פון וואָס מען האָט אויסגעפינען, האָט ער זיך צעקריגט מיט אַ מאַכמעדאַ־נישן אָקסן טרייבער און דער טערק האָט אים דער'הרג'עט. און אַזוי ווי ער האָט זיך תמיד גע'חבר'ט מיט יידן, האָט איינער, אַ באַאַמטער פון פראַנצויזישן קאָנסיל, וועלכער איז געווען אַ גרוי־סער אַנטיסעמיט, גענומען די עצות פון די אַנדערע מאַנאַכן און האָט אַרעסטירט דרייצן יידן. מען האָט זיי אַזוי געפּייניקט אַז דריי זיינען געשטאָרבן און איינער האָט אָנגענומען דעם מאַכמע־דאַנישן גלויבן, אום מען זאָל אים אויפהערן פּייניקן. יידן האָבן גערופן זיצונגען איבער דער גאַנצער וועלט און פון לאָנדאָן האָט מען געשיקט אַ קאָמיסיע פון איינפלוסרייכע אידן ווי מאָזעס מאָנ־טיפיאָרע וואָס האָבן ענדלאַך געקראָגן אַ באַפרייאונגס דעקלאַראַציע פאַר די נייַן, געבליבענע, האַלב טויטע יידן.

אָט דער בלוט בלבול האָט ביי העס'ן אַרויסגערופן, ווי ער האָט עס אָנגערופן, אַ „ווייַ געשריי". ער האָט געוואָלט אויסשרייען צו דער וועלט איר נידערטרעכטיקע באַציאונג צו זיין פאָלק. עס איז ערשט איצט קלאָר געוואָרן פאַר אים די לאַגע פון זיין פאָלק, פון וועלכן ער איז אַ טייל. און ער האָט געזען אַז דאָס וואָס יידן זענען ביז איצט אַזוי פיל אויסגעשטאַנען פון אַלע פעלקער, און זייער

שטאָלץ האָט מען נישט געקענט פאַרוואונדן, איז געווען דערפאַר ווייל זיי האָבן געגלויבט אַז אַלץ איז אַ גאָט זאַך, און זיי האָבן געוואַרט אַז די צייט וועט קומען און זיי וועלן נקמה נעמען פאַר אַלע באַליידיקונגען און פאַרפאָלגונגען. אָבער איצט האָט העס אויסגעפינען, טראַכטן יידן נישט אַזוי און נעמען די פאַרפאָלגונגען און פאַלשע באַשולדיקונגען אַלס אַ באַליידיקונג פאַרן גאַנצן פאָלק — און וואָס טויג זיי, דאָס וואָס מען רופט עמאַנציפּאַציע — נו, גיט מען זיי אַ שטעלע — אַ פּאַרטרעטער, אַ מיניסטער — מען פאַרשטאָפּט דאָס מויל פון וויינענדיקן קינד מיט צוקערקעס... וואָס טויג דאָס אַלץ ווען יעדער פּראָסטער גוי קען טאָן וואָס ער וויל מיט דעם מענטש וואָס רופט זיך „ייד".

ווי מיר זעען, האָט דער בלוט בלבול טאַקע געהאַט אַ פּאָזיטיווע ווירקונג אויף משה העס. אָבער פונדעסטוועגן האָט העס דערפילט אַז דער געפיל ווערט אין אים דערשטיקט ווען ער זעט פאַר זיך דעם פּראָלעטאַריאַט פון איראָפּאַ. און ער איז ווייטער אָנגעגאַנגען מיט זיין אַרבעט און געקעמפט פאַר סאָציאַלע גערעכטיקייט. אָבער דער געפיל איז נישט פאַרשטיקט געוואָרן. ער האָט זיך אַלע מאָל צוריקגעקערט. און העס האָט ווידער געהאָלפן זיין פאָלק קעמפן קעגן דער וועלט. ער האָט איר געוויזן די וועגן, וועלכע ער האָט אויסגעקליבן אַלס די ריכטיקע און אָנגעזאָגט זיין פאָלק אַז אויב נאַציאָנאַליזם און עמאַנציפּאַציע קענען נישט אַרבעטן האַנט אין האַנט, דאַרפן זיי אויפגעבן די עמאַנציפּאַציע פאַר דעם נאַציאָ־נאַליזם. אָבער פונדעסטוועגן האָט ער געראָטן יידן אַז זיי זאָלן זיך אָנשליסן אין די קעמפנדיקע מאַסן פון דער וועלט, און צו־זאַמען מיט זיי, קעמפן קעגן דער אונטערדריקנדיקער סיסטעם אין וועלכער זיי לעבן.

העס האָט קיינמאָל נישט געקענט מוחל זיין די מענטשן, צווישן וועלכע ער איז געבוירן געוואָרן — די דייטשע יידן. און נאָך דער־פאַר, ווייל פאַר זיי איז געווען וויכטיקער די עמאַנציפּאַציע איידער דער נאַציאָנאַליזם. זיי זיינען געשטאַנען אין דייטשע מיליטערישע רייען און געקעמפט קעגן זייערע ברידער אין פראַנקרייך, און העס

אליין דערציילט אַז ווען ער איז געווען יונגער, האָט ער אָנגעשריבן מוזיק צום נאַציאָנאַלן ליד, האָט מען עס אים צוריקגעוויזן. און אין אַ ווינקל איז געשטאַנען אָנגעשריבן —„דו ביזט אַ ייד". דאָס האָט העס באַטראַכט אַלס אַ באַליידיקונג, ניט קעגן זיך, נאָר קעגן דעם גאַנצן יידישן פאָלק. און דערפאַר פילט ער אַזאַ מין „האַס" צו די דייטשע יידן, וועלכע האָבן מער ווי וועלכע עס איז אַנדערע יידישע באַפעלקערונג, געטאָן אַלץ אום צו פאַרלייקענען זייער יידישקייט—אַלץ, צו ריידן און פילן יידיש.

משה העס האָט זיך אַלעמאָל געשטעלט קעגן די מענטשן וואָס רופן אַן זייערע רעפאָרמען, פרייע גייסט ריכטונג, ווײַלע מיט זייער רעפאָרם מוזן זיי עפּעס פאַרשטעלן — איז קען דער גע־דאַנקען גאַנג פון פאָלק ניט זיין אַ פרייער און דערפאַר קען דאָס ניט אָנגערופן ווערן פרייע ריכטונג, און פאַרדינט ניט דעם כבוד וואָס מען גיט דעם אָפּ. דערפאַר גלויבט העס אויך, אַז די רעוואָלוציאָנערע צייט האָט אונדז טאַקע עפּעס געגעבן. זי האָט אונדז געגעבן אַ מאָדערנע געזעלשאַפט וואָס רעפאָרמירט ניט, נאָר זי גייט ווייטער — זי זוכט און שאַפט עפּעס ניי.

יידן, גלויבט משה העס, וועלן אַלעמאָל זיין פרעמד די פעלקער פון אייראָפּע, וואָס וועט זיי אפשר געבן רעכט אָבער בלויז צוליב גערעכטיקייט און הומאַניטאַרישקייט, אָבער קיין דרך ארץ פאַר זיי וועלן זיי קיינמאָל ניט האָבן, ווייל זיי באַהאַלטן הינטער זיך די נאַציאָנאַלע געפילן און האַלטן זיך מיט דעם פּרינציפּ, אָבער לעבן ניט מיט דעם פּרינציפּ. זאָל דער ייד בעסער קעמפן פאַר סאָציאַליזם און נאַציאָנאַליזם און ער וועט זיך פילן מער באַקוועם אין דער וועלט איידער נאָכגיין די פרעמדע פעלקער. און אָט דער געדאַנק — נאַציאָנאַליזם און סאָציאַליזם — האָט אים אָנערקענט אַלס דעם פאָטער פון פּועלי־ציוניזם.

נאָך די נאַפּאָלעאָנישע איבערקערענישן אין פראַנקרייך, האָט העס זיך אָפּגעזונדערט פון זיינע חברים מיט וועלכע ער האָט גע־אַרבעט און ער איז צוריקגעגאַנגען צו זיין שטודיום. ער האָט אָפּ־געגעבן אַסך צייט צו ראַסן געשיכטע, ספּעציעל די געשיכטע פון

זיין אייגענער ראַסע. ער איז געקומען צום באַשלוס אַז דאָס יידישע פאָלק וואָלט שוין לאַנג אונטערגעגאַנגען ווען ניט די ראַסן שטריכן, און ער נעמט אַלס ביישפּיל די צייכנונגען פון יידישע טיפּן אויף די שפּעטערדיקע עגיפּטישע מצבות וואו מיר קענען זען די ענלעכקייט צו דעם היינטיקן יידישן טיפּ. ער זאָגט אויך אַז ווען רוסן אָדער מאָנגאָליער האָבן חתונה געהאַט מיט יידן, פלעגן די קינדער אויסזען יידיש. אָבער דאָס איז זייער אַ שוואַכער פּונקט צוליב די גאָר וויניקע באַווייזן וואָס מיר האָבן אין דער גאַנצער פראַגע פון גע׳ירשנ׳טע אייגנשאַפטן, און דערפאַר קענען מיר זיך ניט אָפּשטעלן אויף דעם פּונקט.

משה העס האָט באַאיינפלוסט אַסך מענטשן וואָס זיינען געקומען נאָך אים, אַריינגערעכנט יענעם וואָס ווערט פאַררעכנט אַלס דער פאָטער פון׳ם וויסנשאַפטלאַכן סאָציאַליזם—קאַרל מאַרקס, ווייל דורך העס׳ קאָרעספּאָנדענץ פון פּאַריז האָט זיך מאַרקס אָנגעהויבן פאַראינטערעסירן אין סאָציאַלע פּראָבלעמען און איז פאַרבליבן אַ תלמוד פון העס ביז וואַנען זיינע אייגענע געדאַנקען האָבן זיך אָנגעהויבן אַנטוויקלען.

משה העס איז געווען אַן עמאַציאָנאַלער מענטש און דערפאַר האָט אים אָנגערירט דער גרויסער בלוט בלבול אַזוי אַז עס האָט זיין צונאַנג צו דער וועלט אַ היבש ביסל געביטן. העס האָט געקעמפט דורך זיינע אַרטיקלען און זיינע גרעסערע שאַפונגען. משה העס איז געווען אַן אינטעלעקט אָבער אַן אינטעלעקט מיט אַ האַרץ — צוויי וויכטיקע אייגנשאַפטן אין אַן אמת גרויסן מענטשן.

●

משה קאָהן

די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג אין רוסלאַנד

אַלס מענטשן וואָס פאַרשטייען מער אָדער וויניקער דעם גאַנג פון היסטאָרישע פּאַסירונגען, שעצן מיר אָפּ אַ היסטאָרישע עפּאָכע ניט לויט די דערגרייכונגען פון דער באַטרעפנדער עפּאָכע, נאָר

לויט די רעזולטאטן. און ס'איז טאַקע אַפּשאַצונג אין דעם ליכט וואָס באַשטעטיקט די וויכטיקייט פון די רעוואָלוציאָנע באַוועגונגען אין רוסלאַנד אין דעם 19טן יאָרהונדערט. זיי זיינען וויכטיק ווייל זיי זיינען אַן אָפּשפּיגלונג פון דער גרויסער אומצופרידנקייט וואָס האָט שפּעטער געפירט צו דער רוסישער רעוואָלוציע פון 1917.

די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען פון דעם לעצטן יאָרהונדערט און באַזונדערס פון דעם אָנהויב פון 20טן יאָרהונדערט, זיינען געווען פון צוויי סאָרטן—ערשטנס די פויערים אויפשטאַנדן און סאָלדאַטן רעוואָלטן, וועלכע זיינען געווען אַ דירעקטער רעזולטאַט פון עקספּלואַטאַציע און פאַרפאָלגונגען, ווי, למשל, אַן אויפשטאַנד פון אַ געוויסן רעגימענט סאָלדאַטן ווייל זייער קאָמאַנדיר האָט זיי באַשטראָפט; און צווייטנס, די ליטעראַרישע און פּאָליטישע קלובן פון מער אָדער ווייניקער באַוואוסטזיניקע אינטעליגענטן, אריסטאָקראַטן און אָפיצירן וועלכע האָבן פאָרמולירט פּראָגראַמען. ווי אומבאַשטימט און ניט אַנטוויקלט זיי זיינען ניט געווען האָבן זיי אויסגעדריקט די פאַרלאַנגען און שטרעבונגען פון נאָך ווייניקער אַנטוויקלטע רוסישע מאַסן. ביידע זיינען וויכטיק, ווייל עס איז געווען אַ צוזאַמענקום פון די אומבאַשטימטע ספּאָנטאַנע און ניט באַוואוסטזיניקע רעוואָלוציאָנערע געפילן פון די מאַסן צוזאַמען מיט דער קלאָר פאָרמולירטער, באַוואוסטזיניקער פּראָגראַם פון די אינטעליגענטן, וואָס האָט געפירט צו דער רוסישער רעוואָלוציע. אין דער צייט פון וועלכער מיר ריידן אָבער, האָבן די צוויי באַוועגונגען געהאַט ווייניק פאַרבינדונג און איך וועל דערפאַר דערמאָנען בלויז די ספּאָנטאַנע אומשטאַנדן און וועל זיך אָפּשטעלן אויף די מער אָדער ווייניקער באַוואוסטזיניקע באַוועגונגען פון דער אינטעליגענץ.

ס'איז געווען די נאַפּאָלעאָנישע מלחמות וואָס האָבן צוערשט געגעבן די רוסישע אָפיצירן, קליינבירגערטום און אַריסטאָקראַטיע אַ געלעגנהייט צו באַקענען זיך מיט די רעגירונגס פאָרמען אין אויסלאַנד. די צוריקגעקומענע אָפיצירן האָבן דערפילט די אָפּגעשטאַנענקייט אין דעם רוסישן פּאָליטישן אָרגאַניזם און האָבן זיך געגרייט עס צו ענדערן.

א גרופּע פון 50 אָדער 60 האָבן אין 1820 אָרגאַניזירט א קלוב. די פּראָגראַם האָט ענטהאַלטן פּונקטן וועגן דער באַפרייאונג פון די שקלאַפן, א קאָנסטיטוציאָנעלע מאָנאַרכיע און אַנדערע ענ־לעכע רעפאָרמען. זיי האָבן אַפילו דיסקוטירט א פּלאַן צו הרג'ענען דעם צאַר.

אין 1825 איז צאַר אַלעקסאַנדער געשטאָרבן און זיין ברודער קאָנסטאַנטין האָט זיך אָפּגעזאָגט פון ווערן צאַר. דאָן איז געווען א זעלטענע געלעגנהייט פאַר א רעוואָלוציע. ניקאָלאַי דער ערשטער, וועלכער האָט געדאַרפט ווערן צאַר, איז געווען ביי אַלעמען פאַר־האַסט. די מיטגלידער פון דער אָרגאַניזאַציע האָבן צוגעגרייט פּלע־נער פאַר אַן אויפשטאַנד. דער אויפשטאַנד האָט געזאָלט פּאַרקומען דעם זעלבן טאָג, ווען די אַרמיי האָט געדאַרפט געבן די טרייהייט שבועה צום נייעם צאַר.

זיי האָבן אַרויסגעשטעלט די פאָלגנדע פאָדערונגען: אָפּשאַפן די פעאָדאַלע סאָציאַלע אינסטיטוציעס, איינפירן פּאָליטישע און ציו־ווילע רעכט פאַר אַלע קלאַסן, און אָפּשאַפן די רעגירונג און עטאַב־לירן א נייע רעגירונגס־פאָרמע.

דעם 14טן דעצעמבער, אין דעם טאָג וואָס עס האָט געדאַרפט פּאַרקומען די טרייהייטס שבועה, זיינען די קאָנספּיראַטאָרן, וועלכע זיינען געווען אָפיצירן פון דער אַרמיי, געווען גרייט צו אַן אויפ־שטאַנד. א גרויסער טייל פון דער אַרמיי האָט טאַקע רעוואָלטירט, אָבער אומזיכערקייט האָט דערשטיקט דעם רעוואָלט.

איינער פון די פירער, טרובעצקאָי, וועלכער האָט בעדאַרפט זיין דער אָנפירער פון דעם אויפשטאַנד„ האָט אין דער לעצטער מינוט חרטה געהאַט, און איז ניט געקומען צום פאַרזאַמלונגס פּלאַץ.

ניט האָבנדיק קיין פירער, זיינען די רעוואָלטירנדע סאָלדאַטן צומישט געוואָרן. זיי האָבן זיך געוואַקלט אין דער צייט ווען מוט וואָלט געוואונען דעם רעוואָלט. זיי זיינען געשטאַנען אויפן פאַר־זאַמלונגס פּלאַץ און האָבן זיך ניט גערירט. זיי זיינען געשטאַנען אַזוי לאַנג ביז די לאָיאַלע טרופּן זיינען אָנגעקומען און זיי צעשאָסן. טויזנטער זיינען אויסגעשאָסן געוואָרן. איבער הונדערט פון די

פירער האָט מען פאַראורטיילט צום טויט, פילע פאַרשיקט אין סי־ביר און אין טורמעס.

נאָכן יאָר 1825 האָט ניקאָלאַי איינגעפירט אַ שרעקלעכע רע־אַקציע און יעדער שפּור פון דער רעוואָלוציע איז גלייך פאַרניכטעט געוואָרן. די איינציקע באַוועגונג וואָס איז וויכטיק געװען אַז מען זאָל זי דערמאָנען איז געווען אַ ליטעראַרישער קלוב געפירט פון אַ ביוראָקראַט מיטן נאָמען פּעטראַשעווסקי. דאָס איז געווען אין יאָר 1848.

פּעטראַשעפסקי'ס קאָלעגן, די דעקאַבריסטן, זיינען געווען אָפיצירן און ביוראָקראַטן. אָבער זיי זיינען פאַר'משפט גע־וואָרן אַלס אָנהענגער פון די אידעאָלן פאַר וועלכע מען האָט אַזוי שטאַרק געקעמפט אין אייראָפּע אין 1848. פּעטראַשעווסקי'ס גרופּע האָט אויסגעדריקט די געדאַנקען פון דער אינטערנאַציאָנאַלער רע־וואָלוציע פון 1848.

ווען דער ליבעראַלער אַלעקסאַנדער דער צווייטער איז געוואָרן צאַר, זיינען געווען גרויסע האָפנונגען אַז ער וועט פאַרבעסערן די שרעקלעכע סיטואַציע אין רוסלאַנד, אָבער אויסגעלאָזן האָט זיך פון דעם כמעט גאָרניט. ער האָט באַפרייט די פּויערים, אָבער זייער לאַגע איז געוואָרן נאָך ערגער ווי עס איז פריער געווען, ווייל ער האָט ניט געגעבן קיין לאַנד צו די פּויערים. דאָס האָט געשאַפן אַ לאַגע, אַז די אָרימע פּויערים האָבן געמוזט צאָלן צו די לאַנד־אייגנטימער געלט פאַר נוצן זייער לאַנד, אַזעלכע סומעס וועלכע זיינען געווען אומעגלעך פאַר זיי אויסצואַרבעטן. דערפאַר איז טאַקע פאַרשטאַרקט געוואָרן די שנאה פון די פּויערים צו די לאַנד־אייגנטימער

אין יענער צייט האָט זיך צווישן די אינטעלעקטואַלן (אינטע־ליגענציע) פאַרשפּרייט אַ באַוועגונג אונטער דעם נאָמען „זעמליאַ אי וואָליאַ" (לאַנד און פרייהייט). דאָס איז געווען אַ גרויסער שריט פאָראויס, כאָטש די באַוועגונג איז ניט געווען סאָציאַליסטיש. די רעגירונג האָט זי אָבער צושטערט אַזוי שנעל ווי זי האָט זיך דער־וואוסט דערפון. טשערנישעווסקי'ן, דעם גרעסטן, פּייאיקסטן און פּאָפּולערסטן פון די רעוואָלוציאָנערן, האָט מען פאַרשיקט אין סיביר.

דער גרעסטער קלאַפּ פאַר די רעוואָלוציאָנערע קרעפטן איז געווען די טאַקטיק פון אַלעקסאַנדערן. ער האָט, אַלס רעזולטאַט פון דעם אויפשטאַנד פון די פּאָליאַקן אין יאָר 1863, מיט איין האַנט אויסגעראָטן אַלע שפּורן פון רעוואָלוציע, מיט דער אַנדערער האַנט האָט ער איינגעפירט אַ פאַלשן ליבעראַליזם, וועלכער האָט אָפּגעשוואַכט דעם פּרעסטיזש פון די רעוואָלוציאָנערן צווישן די מאַסן.

מיט דעם אַריינדרינגען פון די פּרינציפּען און אידייען פון לאַסאַל, מאַרקס און ענגעלס אין די 70ער יאָרן, איז געקומען אַ נייער האָפענונגסשטראַל.

די פירערשאַפט ביי די רעוואָלוציאָנערן האָבן איבערגענומען פילאָזאָפן, אידעאַליסטן און סטודענטן, און זיי האָבן פאַרשטאַנען דאָס וואָס די אַריסטאָקראַטן און אָפיצירן האָבן ניט באַגריפן — אַז דער קאַמף פאַר פרייהייט איז דער קאַמף פון די מאַסן, און זיי זיינען געגאַנגען צו די פּויערים מיט זייער פּראָגראַם און פּראָפּאַגאַנדע. זיי האָבן געאַרבעט אונטער דעם אויפרוף „פּאָשלי וו'נאַראָד" — גיין צום פאָלק. כאָטש די פּויערים האָבן אָפּטמאָל ניט פאַרשטאַנען און האָבן אפילו פאַר'מסר'ט די פּראָפּאַגאַנדיסטן, דאָך האָבן זיי געהאַט אַן איינפלוס. ברעשקאָווסקאַיאַ איז געווען פון די וואָס זיי־נען געווען טעטיק אין דער אַרבעט.

די פּעריאָדע, פּונקט ווי אַ סך אַנדערע, האָט אָבער געהאַט אַ ביטערן סוף — דער צאַר האָט אָנגעהויבן אַ מלחמה מיט טערקיי און אַ טייל פון די רעוואָלוציאָנערן זיינען פאַרפירט געוואָרן אויף דעם פאַלשן וועג פון נאַציאָנאַליזם. די וואָס זיינען געבליבן ביי דער רעוואָלוציע האָט מען ברוטאַל פאַרפאָלגט. 3,500 מענטשן זיינען געווען פאַרמישט אין די פּאָליטישע פּראָצעסן פון דער צייט. די באַשולדיקטע האָבן אָבער אויסגענוצט יעדע געלעגנהייט צו פּריי־דיקן זייערע פּרינציפּן אפילו ביי די פּראָצעסן.

נאָך דער פאַראורטיילונג פון די רעוואָלוציאָנערן האָט אַ טייל פון דער באַוועגונג זיך גענומען צו טעראָר מיטלען. זיי האָבן זיך אָרגאַניזירט אין דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ", און עס איז געווען אַ

מיטגליד פון דער אָרגאַניזאַציע װעלכער האָט דערשאָסן אַלעק־סאַנדער דעם צװײטן.

זײַן נאָכפאָלגער אַלעקסאַנדער דער דריטער האָט געענטפערט מיט טעראָר געגן טעראָר, אָבער די רעװאָלוציע אין רוסלאַנד האָט אָנגעהױבן איר מאַרש פאָראױס.

די נאָכפאָלגנדעיאָרן האָבן געזען דעם אָנהױב פון די סאָציאַל רעװאָלוציאָנערן, דעם אָנהױב פון דער סאָציאַל דעמאָקראַטישער פאַרטײ אונטער דער פירערשאַפט פון פּלעכאַנאָװ׳ן, דער טעאָרע־טישער לערער פון די שפּעטערע סאָציאַליסטישע פירער. די סאָציאַ־ליסטן האָבן אָנגעהױבן צוקריגן מיטאַרבעטער. דער 19טער יאָרהונ־דערט האָט זיך פאַרענדיקט אין אַ רוסלאַנד װאָס איז געװען דורכ־געדרונגען מיט רעװאָלוציאָנערע באַװעגונגען.

דער 19טער יאָרהונדערט אין רוסלאַנד האָט געזען אַ צוזאַ־מענװוקס פון די שטרעבונגען פון די מאַסן מיט די אידעאַלן פון די רעװאָלוציאָנערן. ער האָט געלײגט דעם פונדאַמענט פאַר רע־װאָלוציע און סאָציאַליזם. אין 1917 איז די געבײדע אױפגעבױט געװאָרן, אָבער דער פונדאַמענט איז געלײגט געװאָרן דורך דער אַרבעט פון דער רעװאָלוציאָנערער באַװעגונג פון 19טן יאָרהונדערט.

●

שלום פּאַסטעל

אָנהױב פון יידישער סאָציאַליסטישער באַװעגונג

דער נײַנצנטער יאָרהונדערט האָט געבראַכט מיט זיך רעװאָ־לוציעס, מלחמות, נײַ װיסנשאַפטלאַכע דערפינדונגען, װי אױך פּראָגרעס אין דער אַנטװיקלונג פון דעם קולטור שטײגער פון די פעלקער פון דער װעלט. די געשעענישן און פאַרבעסערונגען האָבן אַן אומגעהױער גרױסן אײַנפלוס אין דעם צװאַנציקסטן יאָרהונ־דערט, אױך דעם אַלגעמײנעם און אױפן יידישן לעבן, און איבער־הױפּט אין יידיש סאָציאַליסטישע קרײַזן, װײַל אין דער צײַט איז

אויסגעוואקסן די יידישע סאָציאַליסטישע באַוועגונג. דער סוף פון דעם ניינצענטן יאָרהונדערט האָט געזעען דאָס געבורט, דעם אָנהויב, פון אַ באַוועגונג וואָס שפּילט אַזאַ גרויסע ראָלע אין אונדזערע לעבנס אין דעם לעבן פון יעדן באַוואוסטזיניקן ייד־סאָציאַליסט היינט צו טאָג.

די געבורט שטאָדט פון דער יידישער סאָציאַליסטישער באַ־וועגונג, קענען מיר זאָגן, איז געווען ווילנע. דאָס פּלאַץ — די דאָר־טיקע ראַבינער שולע. פון דאָנעט זיינען אַרויסגעקומען די גרינדער פון דער באַוועגונג. דער ערשטער פון זיי איז געווען אַרקאַדי פינקעל־שטיין. זיין אַרבעט, זיין גאַנצע סאָציאַליסטישע אַקטיוויטעט אויף דעם מאַטעריעלן געביט איז באַשטאַנען אין זיין אַ מיר פּראָפּאַגאַנדע מיניסטער, נישט ווי גאָעבלס חלילה, ער האָט אויסגעטיילט אומ־לעגאַלע ליטעראַטור צווישן די סטודענטן אין דער ראַבינער שול, דאָס הייסט ליטעראַטור וואָס האָט געהאַט אַ שייכות מיט אַזעלכע שרעקלאַכע ענינים ווי סאָציאַליזם, מיט רעוואָלוציע, מיט אַרבעטער, און אָרגאַניזאַציע. מען האָט אַנדעקט זיין אַרבעט און ער איז אַרויסגעטריבן געוואָרן פון ווילנע.

ער איז אַוועק און האָט זיך באַזעצט אין קעניגסבורג, וואו ער האָט קאָמוניקירט מיט דער צווייטער פיגור וואָס האָט ווייטער געטראָגן דאָס פּעקל ליטעראַטור וואָס פינקעלשטיין האָט איבער־געלאָזט. דאָס איז געווען אהרן זונדעלעוויטש. זונדעלעוויטש האָט אָבער צעשפּרייט און פאַרגרעסערט זיין סאָציאַליסטישע אַקטיוויטעט צו אַזאַ מדרגה וואו מען קאָן אים אָנרופן דער אָרגאַניזאַטאָר פון דעם ערשטן פּרוואו אָדער אפשר בלויז די ערשטע האָפנונג פאַר אַ יידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג.

די גאַנצע גרופּע זיינע איז באַשטאַנען פון 15 מענטשן, יעדער איינער פון זיי איז געווען אַ ייד. שפּעטער טרעטן דאָרט אויף אַריין ליבערמאַן, ווינער, דאַווידאָוויטשש, יאַכלסאָן, און אַנדערע, וועלכע, ווי מיר וועלן זען וועלן פאַרנעמען פּראָמינענטע ערטער אין דער שפּעטערדיקער באַוועגונג. זייער גאַנצע אַקטיוויטעט האָט געטראָגן דעם כאַראַקטער פון אַ לייען קרייז. זיי האָבן גע־לייענט און דיסקוסירט וועגן אומלעגאַלע ליטעראַטור. געווים זיינען

זיי געווען פאַרבונדן מיט דער אַלגעמיינער באַוועגונג, וואָס איז געווען אַ מוטער, אַ זייער יונגע, און אפשר ניט קיין זייער שטאַרקע מוטער, פאַר דער ווילנער גרופּע.

דורך אַ באַזוך פון ניקאַליי דעם צווייטן איז די גרופּע אַנטדעקט געוואָרן. מ'האָט אַרעסטירט עטלאַכע מיטגלידער, אַחוץ די פירער, ליבערמאַן, זונדעלעוויטש, יאַכלסאָן, וויינער, וועלכע זיינען אַוועקגעלאָפן קיין קעניגסבורג וואו זיי האָבן געלעבט אין געהיימניס מיט פינקעלשטיינען, וועלכער האָט זיי געגעבן נייע ידיעות פאַר זייער אָרגאַניזאַציע.

אָבער די אַרעסטן פון 1875 האָבן נישט געהאַט אַזאַ דעסטרוקטיוון עפעקט אויפן פאַריין ווי מיר וואָלטן געמיינט, אדרבא, זיי זיינען געווען ווי מיר זאָגן „גוד פּאָבליסיטי", אפשר אַן אַטראַקציע פאַר געוויסע מענטשן, אַזוי אַז די מיטגלידערשאַפט געפירט פון דאַווידאָוויטשן האָט דערגרייכט 27. די פאַרגרעסערונג פון דער מיטגלידערשאַפט האָט אָבער נישט געהאָלפן בשעת די גרופּע האָט דורך די אַרעסטן צוגעקראָגן צו זיך נישט נאָר סימפּאַטיקער, נאָר אַ גרעסערע צאָל קעגנער. די קעגנערשאַפט זייערע איז געווען די גאַנצע יידישע קהלה פון ווילנע. נאָך די אַרעסטן איז געקומען צו זיי דער פּאָליציי־מייסטער און געזאָגט אַזוי: „ביז איצט האָבן מיר אייך, די יידן, געהאַלטן פאַר שווינדלער, איצטער וועלן מיר אייך האַלטן פאַר בונטאָוושטשיקעס. דער שטאָט מגיד האָט גלייך פאַרפאַסט אַ דרשה אַטאַקירנדיק די ווילנער גרופּע יידישע סאָציאַליסטן אַלס אפיקורסים, נישט גלויביקע, א. ז. וו.

אין אַ קורצער צייט אָבער האָט זיך די גאַנצע גרופּע ליקווידירט. דער פּראָיעקט פון אַ ריין יידישער סעקציע איז דורכגעפאַלן. די באַגייסטערונג און ענטוזיאַזם פון די פירער איז געוואָרן מיט דער צייט וואָס שוואַכער. די סעקציע איז נישט רעאַליזירט געוואָרן, עס איז בלויז געבליבן אַן אינטעליגענט קרייזל, וועלכער האָט זיך פאַרנומען מיט סאָציאַליסטישער זעלבסטבילדונג, און האָט געקוקט אויף זיך ווי אַ הילף גרופּע פאַר דער רוסישער באַוועגונג, און מיר ווייסן אַז אַזוי שנעל ווי אַ גרופּע פאַרלירט דעם געפיל פון זעלבסטשטענדיקייט קאָן זי לאַנג ניט געדויערן.

עס איז נישט וויכטיק פאַר אונז ווי לאַנג עס האָט אָנגע־האַלטן די גרופּע. עס דאַרפן ביי אונדז בלייבן אין זיכרון צוויי זאַכן: ערשטנס וואָס פון דער גרופּע זיינען אַרויסגעקומען די פירער פון דער שפּעטערדיקער באַוועגונג, און צווייטנס וואָס דאָס איז געווען די ערשטע זעלבסטשטענדיקע סאָציאַליסטישע גרופּע וואו די מיט־גלידערשאַפט איז געווען באַגרעניצט אויסשליסלאַך צו יידן.

די „אגודת הסציאליסטים העברים", דער יידישער סאָצי־אַליסטישער פאַריין אין לאָנדאָן וואָס איז באַשטאַנען פון עטלאַכע צענדליק אימיגראַנטן פון רוסלאַנד, אַ סך פון זיי מיטגלידער פון דער צופאַלענער ווילנער גרופּע, איז געגרינדעט געוואָרן אין מאַי 1876. דער גייסטיקער פירער, דער איניציאַטאָר זייערער איז געווען דער סעקרעטאַר, אהרן ליבערמאַן. אַ דאַנק אים האָבן מיר איצטער די סטאַטוטן און פּראָטאָקאָלן פון דעם פאַריין וואו זייער פּלאַט־פאָרמע שטייט געשריבן אויף אַזאַ מין אויפן: „אונדזער צוועק איז צו פאַרברייטערן די סאָציאַליסטישע אידייען צווישן יידן ווי אויך צווישן אַנדערע פעלקער··· און צו פאַראייניקן די יידישע אַרבעטער צום קאַמף קעגן זייערע אונטערדריקער"· באַזונדערס האָט דער פאַריין געקאָנט צוציען צו זיך דעם עמיגראַנטן עלעמענט, וועלכער איז אַנטלאָפן פון פאַרשיידענע לענדער צוליב פאַרשיידענע אורזאַכן. אָט דאָס קאָן אפשר זיין איינע פון די סיבות פון דעם פּריצייטיקן אונטערגאַנג פון דעם פאַריין.

די עמיגראַציע קיין ענגלאַנד איז דערהויבן געוואָרן צו אַ מאַסן שטופּע דורך דער נויט אין רוסלאַנד, פּוילן, גאַליציע, רו־מעניע, דורך די מלחמות צווישן דייטשלאַנד און פראַנקרייך, און די מלחמות אין די באַלקאַנישע לענדער, אַזוי אַז דער באַריין האָט לייכט געקאָנט צוציען צו זיך די יידישע יוגנט בפרט ווען עס האָט זיך צעבושעוועט דער אַנטיסעמיטיזם אין די מזרח אייראָ־פּייאישע לענדער. יידישע אַרבעטער האָבן זיך אָנגעזאַמלט אין לאַנד ביז 55,000 און 12,000 פון זיי זיינען געווען שניידער. דער פאַריין האָט דעריבער אָרגאַניזירט אַ שניידער און בעלי־מלאכות יוניאָן, קעגן וועלכע עס טרעטן אַרויס געוויינטלאַך די בעלי־בתים און מייסטערס, וועלכע זיינען קעגן אָרגאַניזירן זייערע עקספּלו־

אַטירטע אַרבעטער. זיי, די בעלי־בתים, גייען אַזוי ווייט ווי צו מאַכן עפנטלאַכע אַטאַקעס אויף די פירער פון דער אָרגאַניזאַציע אַז זיי זיינען פשוטע מיסיאָנערן, וואָס ווילן דורך זייערע פאַלשע לאָזונגען אויסוואָרצלען דעם יידישן גלויבן פון דער יידישער יוגנט, פון דער נאַאיווער עמיגראַנטן יוגנט און מאַכן פון זיי קריסטן.

כדי בעסער צו פאַרשטיין די סאָציאַל פּאָליטישע סביבה אין וועלכער דעם יידישן סאָציאַליסטישן פאַריין איז אויסגעקומען צו אַרבעטן, מוזן מיר געדענקען אַז עס איז אין ענגלאַנד צו יענער צייט נישט געווען קיין שום שפּור פון אַן ענגלישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. דעם גרעסטן איינפלוס האָט געהאַט דער אַלטער דייטשער אַרבעטער בילדונגס פאַריין, וועלכן די דייטשע אימיגראַנטן האָבן געגרינדעט אין 1840. פון דאַנעט איז אַרויס דער קאָמוניסטישער מאַניפעסט בשעת אין 1847 זיינען דאָרטן אַריינגעטראָטן מאַרקס און ענגעלס און שפּעטער ק. ליבקנעכט. די השפּעה פון די דייטשן האָט זיך געפילט נישט נאָר אין דעם סאָציאַלן און פּאָליטישן כאַ־ראַקטער פון פאַריין, נאָר ווי מיר וועלן זען האָט זיך געפילט דער איינפלוס בנוגע שפּראַך און ליטעראַטור.

די אידייען זייערע זיינען געווען אין תוך רוסישע. אַנדערע סאָציאַליסטישע קרייזן האָבן זיך אָריענטירט אויסשליסלאַך אויף דער באַוועגונג אין רוסלאַנד, איבערהויבט אין אַזאַ צושטאַנד אין וועלכן עס איז געווען דער פאַריין. דאַך האָט זיך געפילט פולע זעלבסטשטענדיקייט פון רוסלאַנד אינם לאָנדאָנער פאַריין. דער פאַריין האָט געזוכט צוצוקריגן צו זיך דעם יידישן אַרבעטער אין לאָנדאָן און האָט זיך דערפאַר צוגעפּאַסט צו אים, און צו זיין עקאָ־נאָמישער און פּאָליטישער פּסיכאָלאָגיע.

מיר מוזן אויך געדענקען אַז אין דער צייט איז פאָרגעקומען דער קאַמף צווישן די לאַווריסטן און באַקוניניסטן, דאָס הייסט צווישן די אָנהענגער פון לאַווראָוו'ס טעאָריע פון סאָציאַליסטישער פּראָפּאַגאַנדע און אויפקלערונג און די אָנהענגער פון באַקונין'ען די פירער פון פאַריין זיינען געווען ענג פאַרבונדן מיט לאַווראָוון און האָבן אָנטייל גענומען אין זיין געדרוקטן אָרגאַן אין לאָנדאָן, דער „וופּעריאָד". גלייכצייטיק האָבן לאַווראָוו און זיינע אָנהענגער

געשטיצט דעם פאַריין פערזענלאַך און אויך דורך זיין צייטונג.

אויך כדי גוט צו פאַרשטיין די סאָציאַליסטישע סביבה אין וועלכער עס האָט פונקציאָנירט די ערשטע יידישע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציע, מוזן מיר אויך זיין באַקאַנט מיט די פירער פון דעם פאַריין וואָס האָבן געהאַט אַזאַ שטאַרקע ווירקונג אויף זיין כאַראַקטער.

די פירער זיינען געווען הירש סאַפּער, אַ קעסטלמאַכער, לאַזאַר גאָלדבערג און לוי ווינער, דער זעלבער ווינער פון דעם אַמאָליקן ווילנער קרייז. דער וויכטיקסטער פירער אָבער איז געווען ליבערמאַן. זיין השפעה אַלס סאָציאַליסט העברייאיסט האָט זיך געפילט אינם גרונט כאַראַקטער פון דעם פאַריין, ווי אויך אין די אויסערלאַכע איינצלהייטן. אַזוי אַרום האָט דער פאַריין באַקומען זיין העברייאישן נאָמען, און אויך האָט די שניידער און בעלי־מלאכות יוניאָן געטראָגן אַ העברייאישן נאָמען, „די חברים כל בעלי־מלאכה”. נישט אַלע אין דעם פאַריין ווי מיר קענען זען זיינען געווען איינשטימיק מיט ליבערמאַנס נאַציאָנאַלער אידעאָלאָגיע. הירש סאַפּער, צום ביישפּיל, איז געווען דער הויפּט פון אַ ריכטונג וואָס האָט זיך געשטעלט קעגן ליבערמאַנס נאַציאָנאַלן גייסט. עס איז באַקאַנט אַזאַ אינטערעסאַנטער פאַקט:

דער פאַריין האָט באַשטימט רופן די ערשטע עפנטלאַכע אַרבעטער פאַרזאַמלונג אַווגוסט דעם 19טן. ליבערמאַן האָט פאַרגעלייגט אַז אַזוי ווי דער טאָג פאַלט אוים אויף תשעה באב, זאָל מען אָפּלייגן די פאַרזאַמלונג אויף אַן אַנדער טאָג. קעגן זיין פאָרשלאָג איז אַרויסגעטראָטן סאַפּער וועלכער האָט זיך אויסגעדריקט אַזוי: „אונדז סאָציאַליסטן גייט נישט אָן דער טאָג... מיר ווייסן בלויז פון אונדזער זאַך וואָס איז צוגלייך די זאַך פון דער גאַנצער מענטשהייט און ניט מער”. דער נאַציאָנאַל געשטימטער אידעאַליסט האָט אים געענטפערט: „תשעה באב און יידישע יום טובים אין אַלגעמיין מוזן האָבן די זעלבע באַדייטונג פאַר אונדז סאָציאַליסטן וואָס פאַר אונדזערע אַנדערע ברידער. דער טאָג תשעה באב איז אַ טאָג ווען מיר האָבן פאַרלוירן אונדזער אומאָפּהייניקייט און מיר טרויערן וועגן

דעם 1800 יאָר. עס דאַרף האָבן פּאַר אונדז אַלס מיטגלידער פון אַ פאָלק וועמעס פּאָליטישע פרייהייט וואָלט געווען אַזוי וויכטיק אין דער געשיכטע, אַזויפיל ווערט פון אַ נאַציאָנאַלן שטאַנדפּונקט און פון אַ סאָציאַלן שטאַנדפּונקט אַז מיר זאָלן די זיצונג אָפּלייגן". די זיצונג האָט מען אָפּגעלייגט.

ליבערמאַן האָט אין דעם פאַריין צוגעקראָגן צו זיך חסידים ווי אויך קעגנער, וועלכע זיינען אָפּטמאָל אַרויסגעטראָטן פון פאַריין זאָגנדיק אַז כל זמן דער פאַריין טראָגט אַ יידיש־נאַציאָנאַלן כאַ־ראַקטער און פאַרמאָגט אַזאַ נאָמען, קען ער גאָרנישט אויפטאָן.

אין דעם פאַריין האָט מען גערעדט אַ מין יידיש־דייטש. בלויז יידיש האָט דער אימיגראַנטן עלעמענט פאַרשטאַנען. די אינטעליגענטן אָבער האָבן נישט געקאָנט אָדער אפשר נישט גע־וואָלט קענען יידיש און האָבן דערפאַר גערעדט דייטש, ביז עס איז געוואָרן אַ סינטעז צווישן די צוויי שפּראַכן. מיט אַזעלכע כוחות ווירקנדיק אויף דעם לאָנדאָנער פאַריין, קאָנען מיר זיך פאַרשטעלן זיין סאָציאַל־עקאָנאָמישן סטאַטוס און כאַראַקטער.

דעם 28טן דעצעמבער 1876, איז פאָרגעקומען די לעצטע זיצונג פון דער „אגודת הסציאליסטים העברים".

די אָפּאָזיציע פון די מייסטערס און בעלי־בתים איז געוואָרן וואָס שטאַרקער. צו דעם וואָס דער פאַריין האָט צוגעקראָגן קעגנער פון דרויסן האָט זיך אויך אָנגעפאַנגען אַן אינערלאַכער קאָנפליקט.

די מיטגלידער אַליין, מסתמא געפירט אָדער אָנגערעגט פון ליבערמאַנ'ס אַ קעגנער, האָבן אויסגעטראַכט אַז ער איז געווען שולדיק אין די ווילנער אַרעסטן. „דורך זיינע סאָציאַליסטישע אינטריגעס", האָבן זיי געזאָגט און דורך מישן זיך אין דער פּאָ־ליטיק קאָן ער פירן צו דער זעלבער לאָגע דאָ אין לאָנדאָן. עס איז ביי די מיטגלידער געפאַלן זייער מוט, די סאָציאַליסטישע פּראָ־פּאַגאַנדע האָט פאַרלוירן איר חן און זינען. עס איז געוואָרן אַ פּראָגע צו עס לוינט זיך טאַקע צו אַגיטירן צווישן אַרבעטער, און דער פאַריין האָט באַשלאָסן זיך צוריקצוציען פון אַזעלכע אַקטי־וויטעטן און זוכן מיטלען ווי אַזוי צו פאַרגרעסערן זייער מיט־גלידערשאַפט.

בשעת מעשה האָט דער קריזיס אין פאַריין געפירט צו אַ פּער־זענלאכן קאָנפליקט, וועלכער האָט דערגרייכט צו אַ מין צעשפּאַל־טונג פון פאַריין אין צוויי ריכטונגען. הירש סאַפער, ליבערמאַנ׳ס קעגנער, איז אַרויסגעטראָטן מיט אַ פאָרשלאָג צו בייטן דעם נאָמען פון פאַריין צו „אַלגעמיינער בילדונגס פאַריין״, אַן סיסטעמאַטישער בילדונג, האָט ער געזאָגט, זיינען מיר הילפלאָז. ליבערמאַן האָט זיך געווינטלאך קעגנגעשטעלט, נאָר סאַפער האָט אים באַליידיקט פאַר די אויגן פון אַלע מיטגלידער. ער האָט זיך אויסגעדריקט אַזוי: „פאַרוואָס איז אונדזער גאַנצע אַרבעט נישט געלונגען? פאַרוואָס זיינען מיר סאָציאַליסטן פאַרהאַסט אין לאָנדאָן? דאָס איז אינגאַנצן ליבערמאַנס שולד, ער האָט גאָרנישט געטאָן פאַרן פאַריין, ער האָט אים בלויז געשאַדט מיט זיינע שעדלאכע מיינונגען. ליבערמאַן מיינט נאָר זיך אַליין גרוים צו האַלטן״, א. א. וו. אפילו וויינער, ליבערמאַנס אַ געטרייער חסיד, האָט געזאָגט אַז הגם די באַשול־דיקונגען קעגן ליבערמאַנען זיינען אַלע נישט אמת, איז דאָך די מיינונג פון אייניקע מיטגלידער אַז ליבערמאַן מוז דעם פאַריין פאַרלאָזן.

אַזוי דראַמאַטיש האָט ליבערמאַן דער אידעאַליסט פאַרענדיקט זיין טעטיקייט אין דעם פאַריין. זיין אוועקגיין האָט אָבער נישט גע־האָלפן. עס האָט געפעלט זיין פּאַטאָס, זיין איבערגעבנקייט צו דער אַרבעט, זיין גלויבן אין אַ ייִדישער סאָציאַליסטישער באַ־וועגונג. אויף זיין אָרט איז געזעסן סאַפער מיט זיינע נאַאיווע, קאָסמאָפּאָליטישע אידייען פון זעלבסטבילדונג און אָרגאַניזאַציע.

נאָך זיבן חדשים עקזיסטענץ איז דער פאַריין ליקווידירט געוואָרן. דער קאַסירער איז אַוועקגעלאָפן מיט די 80 פונט אין קאַסע קיין אַמעריקע, און אַלץ וואָס איז דערפון געבליבן איז דער פּראָטאָקאָל בוך פון וועלכן ליבערמאַן איז געווען דער מחבר.

אַזוי איז געלעגט געוואָרן דער באָדן פאַר אַ אידישער סאָ־ציאַליסטישער באַוועגונג אין אייראָפּאַ. אָבער מיט ליבערמאַנען איז די סאָציאַליסטישע אַקטיוויטעט אַריבער־געטראָגן געוואָרן קיין ניו יאָרק.

אינגיכן איז ליבערמאַן באַגאַנגען זעלבסטמאָרד. אין זיין נאָטיץ ביכל האָט מען געפונען די פאָלגנדע געזעגענונגס ווערטער: „אדיע, וועלט. איך וועמעס לעבן פאַרמאָגט גאָרנישט, א חוץליידן, מוז שטאַרבן״.

זיין חלום ווי מיר זעען איז נישט פאַרווירקלאַכט געוואָרן. ער האָט געמוזט אַרבעטן מיט אַנגעלאָפענע אימיגראַנטן וועלכע האָבן געוואָלט וויסן נאָר פון איין זאַך, פון פּרנסה. עס האָט געפעלט דער אידעאַליזם וואָס ער, ליבערמאַן, האָט פאַרמאָגט. די „אגודת הסציאַליסטים העברים״ איז אויך נישט געווען וואָס ער האָט געוואָלט. אַנשטאָט דורכפירן א ריין סאָציאַלע רעוואָלוציע מיט די שיינע אידעאַלן פון דעם נביאישן סאָציאַליזם האָט ער זיך פאַרנומען מיט א שניידער יוניאָן.

**
*

אבער פון דער שניידער יוניאַן, פון דער „אגודת הסאָציאַליסטים העברים״ איז אויסגעוואַקסן א באַוועגונג נישט פון אַנטלאָפענע עמיגראַנטן, נאָר פון אידעאַליסטישע יידן סאָציאַליסטן, איבערגעגעבן צו דעם יידישן אַרבעטער, צו די סאָציאַליסטישע אידייען וואָס זיינען פאַרשריבן אין ליבערמאַנס פּראָטאָקאָל בוך: „צו פאַרברייטערן די סאָציאַליסטישע אידייען צווישן יידן ווי אויך צווישן אַנדערע פעלקער, צו פאַראייניקן דעם יידישן אַרבעטער צום קאַמף קעגן זיינע אונטערדריקער, און צו שטרעבן פאַר שלום, פרייהייט, און גלייכבארעכטיקונג פון פעלקער״.

לאה מייערס

לאָמיר זיך געזעגענען

ערשט טאָג—שוין נאַכט.
שוין פיר יאָר פאַראיבער
און טייערע חברים,
איר לאָזט אונדז שוין איבער

צוזאַמען געאַרבעט,
אינאיינעם פאַרבראַכט,
געשמועסט, געלערנט,
געזונגען, געלאַכט.

עס זיינען פאַראיבער
די גאָלדענע טעג,
דער קאַמף פאַרין אמת
זאָל זיין אייער וועג

ס׳וואַרט אויף אייך, חברים,
אַ וועלט פול מיט ליידן,
איר קענט ניט, איר וועט ניט
גלאַט זיצן און שווייגן.

באַוואָפנט מיט קענטניש,
מיט וויסן באַזאָרגט,
גייט פאָרווערטס, חברים,
צוריק ניט קיין טראָט.

עסייען

שמעון ראבינאוויטש
און
מארטין קאן

מאָדערנע שטרעמונגען אין יידנטום

די עסיי איז אַ שטודיע איבער מאָדערנע טענדענצן אין יידנ־טום מיט אַ ספּעציעלן אינטערעס אין צוויי שטאַנדפּונקטן וועלכע מיר באַטראַכטן אַלס וויכטיקע.

די צוויי שטאַנדפּונקטן האָבן אַ סך געמיינשאַפטלאַכעס. עס זיינען פאַראַן אין זיי ענלאַכקייטן וועלכע מען קען גלייך דערזען. עס זיינען אָבער פאַראַן אונטערשיידן וואָס מוזן ניט פאַרגעסן ווערן. מיר וועלן די ענלאַכקייטן ווי אויך די אונטערשיידן באַטראַכטן צוליב זייער פונדאַמענטאַלער וויכטיקייט אין מאָדערנע יידישע פּראָבלעמען.

מיר האָבן אויסגעקליבן די פילאָזאָפיעס פון רבי סאָלאָמאָן גאָלדמאַן און דר. חיים זשיטלאָווסקי אַלס די באַזיסן פון אונדזער שטודיע, ווייל אין די שטאַנדפּונקטן פון די צוויי געלערנטע געפי־נען מיר די מיינונגען פון גרויסע טיילן פון אונזער פאָלק וועלכע באַטראַכטן אַסימילאַציע אַלס שעדלאַך. רבי גאָלדמאַן איז אַ פירער אין דער ציוניסטיש־העברעאיסטישער באַוועגונג און איז דער רב אין אַ באַדייטנדיקן קאָנסערוואַטיוון טעמפּל אין שיקאַגאָ. דר. זשיטלאָווסקי איז אַ פירער אין דער יידישיסטישער אַרבעטער באַוועגונג וועלכע האָט זיך אָוועקגעריסן פון דער גאַנצער טעמפּל־סינאַגאָגע סביבה. ער איז פאַררעכנט ביי פילע אַלס דער ערשטער יידישער דערציער און עסעאיסט אין זיין צייט. דיביידע פירער זעען איין אַז די היינטיקע אינסטיטוציאָנאַליזירטע יידישע רעליגיע איז ניט מער קיין דאָמינירנדיקע קראַפט צווישן דער יידישער באַפעלקערונג. זיי ביידע ווילן איבערבויען די יידישע קולטור מיט אַ ניכטערן בליק אויף אונדזער זיך בייטנדיקער ציוויליזאַציע.

רבי גאָלדמאַן און דר. זשיטלאָוווסקי — כאָטש זיי קומען פון צוויי פאַרשיידענע סביבות, זיינען זיי אָבער ביידע אין צוזאַמענ־שטוים מיט די זעלבע פּראָבלעמען אַלס יידן אין דער מאָדערנער וועלט. זייערע ענטפערס צו אונדזערע פּראָבלעמען זיינען ניט די זעלבע, אָבער זיי לויפן פּאַראַלעל איינער צו דעם אַנדערן.

די פּראָבלעמען וואָס שטייען פאַר דעם יידנטום היינט זיינען, אין קורצן:

1) ווי אַזוי קענען מיר לייזן די עקאָנאָמישע לאַגע פון די יידן?

2) וואָס פאַר אַ ראָל זאָל רעליגיע שפּילן אין אונזער יידישן לעבן און וועלכע פאָרמען זאָל זי אָננעמען?

3) ווי אַזוי זאָל אַסימילאַציע אויסגעמיידט ווערן, אָדער, צו שטעלן די פראַגע מער קאָנקרעט, וואָסערע עלעמענטן פון אונדזער רייכער קולטור זאָלן מיר אָנהאַלטן, און ווי אַזוי קענען מיר דאָס נוצן אַלס פונדאַמענט אויף וועלכן צו בויען אַ נייעם יידישן לעבן?

זשיטלאָווסקי און גאָלדמאַן שטימען איין אַז אַסימילאַציע איז נאַציאָנאַלער און קולטורעלער זעלבסטמאָרד, און אַז מיר מוזן האָבן אַ פּראַקטישע פּראָגראַם פון דערציאונג צו פּרעזערווירן ווערט־פולע טראַדיציעס און אין דער זעלבער צייט זיך צופּאַסן צו מאָ־דערנע סיטואַציעס.

לאָמיר, דעריבער, באַטראַכטן די שטאַנדפּונקטן פון די צוויי לערער.

די שטעלונג פון רבי גאָלדמאַן:

רבי גאָלדמאַן שרייבט אַלס „אַ פּאַרטיידיקער פון רעליגיע און נאַציאָנאַליטעט". זיין רעליגיע איז ניט באַזירט אויף דאָגמאַ, אָבער־גלויבן אָדער סופּערנאַטוראַליזם. זיין נאַציאָנאַליסטישער בליק איז ניט אַ „ביאָלאָגישער" אָדער אַ שאָוועניסטישער און האָט גאָרניט צו טאָן מיט דעם סאָרט נאַציאָנאַליזם וואָס מען געפינט ביי אימ־פּעריאַליסטישע „דזשינגאָאיסטן".

מענטשן, טענה'ט רבי גאָלדמאַן, ווילן אַרויסקריגן פונ'ם לעבן אמת, יושר און שיינקייט. מיט איין וואָרט, זיי זוכן אויס־לעבונג. די אויבנדערמאָנטע ווערטן זיינען ניט קיין נייע קאָנצעפּטן

פֿאַרקערט, זיי זיינען גאָר אַלטע. אָבער מיר מוזן זוכן אַ נייע —
טעכניק, געבויט אויף מאָדערנעם וויסן און אויף מאָדערנע דער־
פֿאַרונגען, אויב מיר ווילן דערלעבן זען די ווערטן פֿאַרווירקלאַכט.
עס איז די פֿליכט פֿון מאָדערנער רעליגיע, צי זי רופֿט זיך מיטן
נאָמען קריסטנטום, אָדער יידישקייט, אָדער קאָנפֿוציאַניזם, צו גע־
פֿינען און אָנווענדן די טעכניק וועלכע וועט מעגלאַך מאַכן די
פֿאַרווירקלעכונג פֿון די ווערטן. אַלס אַ ייד, איז גאָלדמאַן פֿאַר־
אינטערעסירט אין דער ראָל וועלכע דאָס יידישע פֿאָלק דאַרף שפּילן
אין דער דערגרייכונג פֿון אָט דעם ציל.

„דאָס יידנטום," זאָגט גאָלדמאַן, „מוז אוועקשטויסן פֿון זיך
די פּוסטקייט פֿון דאָגמאַ... מוז זיך באַפֿרייען פֿון אַ וועלט אָנשוי־
אונג באַזירט אויף ספּעקולאַציע אין דער לופֿט און אויף חלומות".
לאָמיר אַלס אַ פֿאָלק אויפֿהערן צו זוכן מעטאַפֿיזישע אַבסאָלוטן און
זיך פֿאַראינטערעסירן מער מיט קאָנקרעטע מענטשלאַכע סיטואַציעס
און מיט פּראָבלעמען וואָס שפּראָצן אַרויס פֿון מאָדערנער סאָציאַ־
לער קעגנזייטיקער ווירקונג. לאָמיר ניט אונטערשיידן צווישן גייסט
און מאַטעריע. אַזעלכע דואַליזמען ברייננגען אַרויס נאָר דאָס היפּאָ־
קריטישע; אַזאַ מין טערמינאָלאָגיע איז ווערטלאָז אין אַ צייט פֿון
וויסנשאַפֿט, און דאָס באַנוצן זיך מיט אַזאַ טערמינאָלאָגיע איז
סתּם געפּלוידערט.

אונדזער האָפֿנונג ליגט אין אַ וויסנשאַפֿטלאַכן צוגאַנג און רע־
ליגיע טאָר ניט באַטראַכטן וויסנשאַפֿט אַלס אַ שונא, נאָר פֿאַרקערט,
אַלס אַ שותּף.

רבי גאָלדמאַן פֿאַררעכנט אָרטאָדאָקסיע און רעפֿאָרמיזם אין
יידנטום אַלס באַנקראָטירט, גייסטיק און אינטעלעקטועל, און אַז די
ביידע צווייגן פֿון דער יידישער רעליגיע געבן ניט קיין האָפֿנונג פֿאַר
דעם יידנטום. די קאָנסערוואַטיווע אָפּצווייגונג, ווידער, האָט נאָך
ניט פֿאָרמולירט קיין קלאָרע קאָנקרעטע פּראָגראַם און קען נאָך
ניט געבן קיין קלאָרע ענטפֿערס צו פֿונדאַמענטאַלע פּראָבלעמען.

די אָרטאָדאָקסיע אַנטזאָגט זיך אָנצונעמען נייע אידייען,
כאָטש זי איז געצוואונגען צו מאַכן קאָמפּראָמיסן מיט נייע דער־
פֿאַרונגען. זי איז נאָך אַלץ צוגעבונדן צום שולחן ערוך, כאָטש די

ליכט פון יעדער זון־אויפגאַנג באַווייזט אַז דער שלחן ערוך האָט שוין אָפּגעלעבט זיין נוצן. גאָלדמאַן איז זייער פאַרביטערט קעגן די פירער פון די אָרטאָדאָקסן. „קען עמיצער מיר אָנווייזן אויף איין אַרבעט פון אַ דענקענדן אָרטאָדאָקס וואָס ווען האָבן אַן איינפלוס צען יאָר פון היינט ? פירן זיי אָן אַ באַוועגונג פון וועלכע מען קען זען לעבעדיקע רעזולטאַטן? האָבן זיי באַשאַפן אין דער לעצטער צייט אַן אינסטיטוציע וועלכע וואַקסט?... עס רעדט זיך ביי זיי זייער גרינג וועגן הייליקע אַנטפּלעקונג... עס איז ניט גענוג צו איבערחזרן אַז מיר שטעלן זיך איין פאַר דער „טראַדיציאָנעל היס־טאָרישער אָרטאָדאָקסיע".

„די רעפאָרם באַוועגונג", זאָגט גאָלדמאַן, „האָט אונז אויך געגעבן ניט מער ווי צומישטקייט." עס איז קלאָר אַז די פאַרקריפּ־לונג און פאַרפּריסטליכונג פון דער רעליגיע וואָס די רעפאָרמיסטן האָבן באַוויזן האָט אַ סך צו טאָן מיט דער איינגע'עקשנ'טקייט פון די אָרטאָדאָקסן. „רעפאָרמיזם מיינט אויס יידנטום" זאָגט גאָלדמאַן.

נו, וואָס איז רבי גאָלדמאַנ'ס באַציאונג צום יידנטום?

ער באַטאָנט שטענדיק אַז יידנטום איז ניט בלויז אַ באַשטימ־טע סעריע פון אויפפיר געזעצן צוזאַמענגעשטעלט אין אַ קאָדעקס. יידנטום קען ניט זיין באַגרענעצט און איינגעשפּאַרט אין באַשטימ־טע מעטאַפּיזישע דאָגמען און באַשטימטע אָפיציעלע צערעמאָ־ניעס. מען מוז קוקן אויף דעם יידנטום, זאָגט רבי גאָלדמאַן, אַלס אַ קולטור, אַלס דעם אויסדרוק פון דעם יידישן גייסט און אַלס אַ גאַנצקייט וואָס איז דאָס יידישע לעבן. יידנטום מיינט די באַוואוסט־זיניקייט פון אַן אינדיווידועלע נאַציאָנאַלע פּערזענליכקייט וועלכע פאַרמאָגט אייגענע טראַדיציעס און אייגענע קולטורעלע רייכטימער. דאָס יידנטום מוז זיך אָפּגעבן מיט פּרעזערווירן איר נאַציאָנאַלע פּערזענליכקייט און אייגנאַרטיקייט. אַ הויפּט נויטווענדיקייט, זאָגט גאָלדמאַן, איז צו אונטערשטרייכן די באַדייטונג פון נאַציאָנאַליטעט. מיר מוזן פאַרשטאַרקן אַ נאַציאָנאַליזם געבויט ניט אויף פאַלשע ראַסן טעאָריעס, נאָר אויף אַ שטרעבונג אָנצוהאַלטן דעם היסטאָ־רישן לעבנס פּראָצעס.

אזא באַנעם פון דעם יידנטום פירט לאַגיש צו אַ שטאַרקן ווידערשטאַנד קעגן אוניווערסאַליזם און קאָסמאָפּאָליטאַניזם. אַסימי־לאַציע איז ניט קיין אויסוועג פאַר די יידן. קאָסמאָפּאָליטאַניזם איז אַן אילוזיע, און אַפילו ווען עס וואָלט געווען אַ מעגליכקייט אין דער מאָדערנער וועלט, וואָלט עס ניט געווען אַ ציל צו וועלכען מען וואָלט געדאַרפט שטרעבן. גאָלדמאַן פרעגט ביי די פּריידיקער פון קאָסמאָפּאָליטאַניזם: „קען מען האָבן איין אוניווערסאַלע שפּראַך? וועלכע שפּראַך זאָל עס זיין? וואָס וועט ווערן פון די אַנדערע עקזיסטירנדע שפּראַכן? און וואָס איז מיט די גרויסע וועלט ליטע־ראַטורן? וועט די נייע אוניווערסאַלע שפּראַך פּרעזערווירן פאַר אונז די עלעגאַנטע שיינקייט פון דאַנטע, האָמער, שעקספּיר און געטע?״ איז ניט דער געדאַנק אַליין פון אַ מאָנאָטאָנער איינקייט אין קולטור אַ דערשרעקענדער און אַן עקלהאַפטער געדאַנק?

דער קאָסמאָפּאָליט וויל אונדז איינרעדן אַז נאַציאָנאַליזם מיינט עגאָאיסטישע אַמביציעס און אימפּעריאַליסטישע שטרעבונ־גען. אָבער נאַציאָנאַליזם קען אויך מיינען אַן אָפּשאַצונג און אַ ליבע צו דעם גייסט און אייגנאַרטיקן שאַפונגס גייסט פון אַ פאָלק.

אזא סאָרט נאַציאָנאַליזם, טענה'ט גאָלדמאַן, דינט צו שאַפן אַ קולטורעלע מאָזאַאיק וועלכע באַרייכערט די מענטשהייט אין אַל־געמיין. „מיר נעמען אַן די נאַציאָנאַליטעט פון ישראל אַלס אַקסיאָ־מאַטיש, און אין אונזער פּראָגראַם מוזן מיר בסדר אין זינען האָבן דעם פונדאַמענטאַלן אַקסיאָם״.

אונדזער פּראָגראַם מוז זיך צוערשט אָפּגעבן מיט דער פּראָב־לעם פון שפּראַך. און שפּראַך מיינט ליטעראַטור, זאָגט גאָלדמאַן. שפּראַך אָן ליטעראַטור איז בלויז דיאַלעקט. די העברעאישע שפּראַך מוז זיין דער באַזיס פון וועלכער עס איז ווירקלאַכער פּראָגראַם פאַר דעם יידנטום. ווען מיר רעדן וועגן דער העבעראישער שפּראַך האָבן מיר אין זינען די גרויסע ליטעראַטור וואָס די יידן האָבן באַשאַפן אין העברעאיש. אונדזער גאַנצע יידישע דערציאונגס פּראָגראַם וועט מוזן געווידמעט ווערן צו באַקענען די יוגנט מיט אונדזער רייכער קולטור און זיי פאַראינטערעסירן אין די גרויסע דערשיינונגען אין דער העברעאישער ליטעראַטור.

צוווייטנס, דאַרפֿן מיר שטודירן אונזערע דינים, מנהגים און ריטואַלן, וועלכע פֿון זיי זיינען שוין ניט מער נוצבאַר און וועלכע, פֿאַרקערט, מיר וואָלטן גענדאַרפֿט אָנהאַלטן און פֿאַרשפּרייטן. אין גלות איז עס שווער פֿאַר אַלטע מנהגים צו שטאַרבן און נייע געבאָרן צו ווערן. דער צענטער פֿון דער אַנטוויקלונג פֿון די נאַציאָנאַלע ווערטן וועט מוזן זיין אין גלות די סינאַגאָגע.

אין גלות וועלן מיר מוזן אונטערשטרייכן די נויטווענדיקייט פֿון דער סינאַגאָגע. עס איז נאָך אַלץ אַ שטאַרק בינדנדער איינפֿלוס אויף אַסך יידן. „יעדע פּראָגראַם פֿאַר דעם איבערבוי פֿון דעם יידישן לעבן קען ניט נאָר ניט איגנאָרירן די סינאַגאָגע, נאָר מוז איר געבן דעם הויפּט פּלאַץ אַלס צענטער פֿון אַקטיוויטעט".

מיר מוזן אָבער, זאָגט גאָלדמאַן, איבערבויען די סינאַגאָגע. זי מוז פֿאַרבעסערט און פֿאַרשענערט ווערן און מוז זיך ווידמענען צו די הויפּט באַדערפֿנישן פֿון די יידן. מיטגלידערשאַפֿט אין אַ סינאַגאָגע מוז מיט זיך פֿאָרשטעלן גרופּן־לאָיאַליטעט, אַ פֿאַרלאַנג אָנצוהאַלטן דעם יידישן לעבנס פּראָצעס.

אָבער וויכטיקער פֿאַר אַלץ איז בײַ גאָלדמאַנ'ען דער אויפֿבוי פֿון אַ נאַציאָנאַלער היים לאַנד. בלויז אין אַ היים לאַנד וועלן אונדזערע פּראָבלעמען געלייזט ווערן. מיר וועלן זיך דאַן ניט דאַרפֿן אויסלעבן מיט דער סינאַגאָגע, נאָר מיר וועלן לעבן אַלס יידן אין דער ברייטער עפֿנטלאַכקייט פֿון אונדזער אייגן לאַנד.

די נויטווענדיקייט פֿון אַ נאַציאָנאַלער היימלאַנד אין פּאַלעסטינע אַלס דאָס לאַנד איז דער קאַרדינאַלער פּרינציפּ ביי רבי גאָלדמאַן. רבי גאָלדמאַן איז איבערהויפּט אַ ציוניסט.

עטלעכע ציטאַטן פֿון דעם לעצטן קאַפּיטל פֿון רבי גאָלדמאַנ'ס בוך, וואָס הייסט "A Rabbi Takes Stock" וועלן מער ווי אַלץ קלאָר מאַכן רבי גאָלדמאַנ'ס עמאָציאָנעלע צוגעבונדנקייט צו פּאַלעסטינע. דער נאָמען פֿון דעם קאַפּיטל איז כאַראַקטעריסטיש: „וואו דער ייד פֿילט זיך ווי ביי זיך אין דער היים".

„ירושלים, ירושלים, די פּאַרוויסטעטע און פֿאַרלאָזענע — ירושלים — דאָס כשוף וואָרט האָט אָפּגעקלונגען איבערן גאַנצן גלות... געהויבענע אייראָפּעאישע אינטעלעקטואַלן, פּערזענלאַכקייטן

וועלכע האָבן צוגעצויגן צו זיך די אויפמערקזאַמקייט פון דער וועלט האָבן אויפגעכאַפּט דעם ווידערקלאַנג פון דעם וואָרט... ווער קען לייקענען אַז ציון האָט ווידעראַמאָל טריאומפירט, אַז ציון האָט ווידער ביי גרויסע דערגרייכונגען? יידישער שאַפונגס כוח האָט ווי־דער אָפּגעלעבט. די העברעאישע שפּראַך האָט אַרויסגעשפּראָצט פון איר קלאַסישן קבר; נאַציאָנאַליסטישע יידן האָבן אויפגעבויט אַ ליטעראַטור רייך אין איר שיינקייט, אין פּאַטאָס און אָריענטאַלישער זעלטנקייט.

„קומט מען נאָר אין באַרירונג מיטן לאַנד, צום ערשטן מאָל, ווער קען טראַכטן פון פּאָליטיק, אָדער אפילו פון עקאָנאָמישן צו־שטאַנד... מען ווערט צו טיף גערירט פון יעדן ווינקל וואוהין מען וואַרפט אַן אויג, אַז מען זאָל קענען זוכן וועלכע עס איז חסרונות... מעגלאַך אַז מען קען דאָס צושרייבן צו דעם אומבאַוואוסטזיניקן דראַנג צו באַשאַפן דעם ערשטן דור פון ניט ראַפינירטע נאָר אמתע ארץ ישראל יידן”...

„פּאַלעסטינע איז דעם יידנ׳ס היים... דורך דורות און דורות האָט דער ייד געוואַנדערט פון לאַנד צו לאַנד, פון ברעג צו ברעג און ערגעץ ניט געפונען קיין מקום מנוחה, איבעראַל איז ער באַ־געגנט געוואָרן מיט שפּאָט און האַס... דער ייד קערט זיך אום, קערט זיך אום צוריק קיין ארץ ישראל... צום כותל מערבי... דער וואַנ־דערער קומט אַהיים”...

אַ ליידנשאַפטלאַכער ציוניזם־העברעאיזם איז רבי גאָלדמאַנ׳ס שליסל צו דער לייזונג פון מאָדערנעם יידנטום.

די שטעלונג פון דר. חיים זשיטלאָווסקי.

צו געבן אַ פּאָרזיכטיקן, אָלץ איינשליסנדיקן אַנאַליז פון דר. חיים זשיטלאָווסקי׳ס ווערק איז אַ צו־גרויסע אויפגאַבע. דאָס דאַרף געטאָן ווערן פון אַ גרויסן געלערנטן, וועלכער זאָל זיך קענען פאַר־גלייכן צו זשיטלאָווסקי׳ן. עס איז דעריבער באַזונדערס שווער און פון אונדזער זייט קען עס אפילו באַטראַכט ווערן פאַר אַ געוואַגט־קייט צו מאַכן דעם פאַרזוך איבערצוגעבן דעם תמצית פון זיינע ווערק אין אַזאַ באַגרעניצטער עסיי. די ווערק און די לערע פון דר.

זשיטלאָווסקי זיינען אוניווערסאַל אין זייער פאַרנעם און האָבן צו טאָן מיט סאָציאַלע, עקאָנאָמישע, פּאָליטישע און קולטורעלע פּראָב־לעמען. זיי זיינען ארויסגעוואַקסן פון טיפער אינטעלעקטועלער פאַר־טראַכטונג און פון פּאָזיטיווע מעשים פון אַ מענטשן אין וועמען דער חוט המשולש פון אינטעלעקט, פּעסטקייט און ליידנשאַפט זיינען קאָמבינירט אויף אַזאַ פּערפעקטן אופן, אַז דער מענטש מעג פאַררעכנט ווערן אַלס איינער פון יענע גייסטיקע זיילן מיט וועמען עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע עפּאָכע אין יידישן דענקען און יידישן לעבן בכלל.

זיינע אַרבעטן אויף די געביטן פון ליטעראַטור און וויסנ־שאַפט, פון בילדונג און רעוואָלוציאָנערן אויפקלער האָבן אים גע־בראַכט באַרימטקייט. נאָר יענע פּאַזע פון זיין לעבן און זיין קאַ־ריערע, וועלכע האָבן אים געמאַכט אַזוי באַליבט בא זיין אייגענעם פאָלק, איז זיין ליידנשאַפטליכע איבערגעבנקייט צו דער באַוועגונג פון איבערבויען דאָס יידישע לעבן אַזוי, אַז האַלטנדיק הויך די יידישע קולטור זאָל עס צו דער זעלבער צייט ווערן אַ פּראָדוקטיווער און שאַפנדיקער וועזן אין דער אוניווערסאַלער ברידער משפחה פון פעלקער.

דר. זשיטלאָווסקי איז אַ ייד און אַ סאָציאַליסט. אין פאַרלויף פון זיין לאַנגער קאַריערע האָט ער געפירט אַ שווערן קאַמף צו ברײנגען זיין פאָלק די ביידע אַספּעקטן פון זיין פילאָסאָפיע—יידיש־קייט און סאָציאַליזם. יידן האָבן זיך גערן צוגעהערט צו זיין לערע וועגן דעם איבערבוי פון יידישן לעבן, האָבן אָבער ניט געצאָלט קיין איבעריקע אויפמערקזאַמקייט צו זיין עקאָנאָמישער טעאָריע, וועלכע ער האַלט פאַר אַן אַבסאָלוטער נויטוועדיקייט צו דער פאַרווירק־ליכונג פון די יידישע חלומות... זיינע ראַדיקאַלע חברים, ווידער, וועלכע האָבן צוזאַמען מיט אים געעקמפט אין דער רוסישער רע־וואָלוציאָנערער באַוועגונג פאַר דעם אַלגעמיינעם איבערבוי פון דער עקאָנאָמיק און פון דער פּאָליטיק, האָבן זיך באַצויגן גאַנץ קאַלט צו זיינע פאָדערונגען, אַז דאָס יידישע פאָלק מוז אָנערקענט ווערן אַלס אַ באַזונדער קולטור פאָלק. טרויעריקער פון אַלץ איז אָבער געוועזן די לאַגע דערמיט וואָס ניט קוקנדיק אויף דעם עקאָנאָמישן

און קולטורעלן חורבן וואָס האָט געדראָעט די יידן סיי אַלס יידן און סיי אַלס פּראָדוצירער, האָבן זיי זיך פאַרהאַלטן גלייכגילטיק צום גאַנצן ענין און מיט אַ צי מיט די אַקסלען האָבן זיי זיך אונטער־געגעבן צו קולטורעלע אַסימילאַציע און עקאָנאָמישן אונטערגאַנג.

זשיטלאָווסקי'ס ענטפער אויף די שוואַכקייטן איז ניט קיין אומקלאָרער חלום פון עפּעס אַ צוקונפטיקער אידעאַליסטישער פאָל־קאָמענהייט, ער פוצט ניט אויס זיין פּראָגראַם אין רמזים'דיקע ווערטער, נאָר ער גיט אַ פּאָזיטיוון פּלאַן ווי אַרום אַריינצוגעבן אין יידנטום אַ פונק פון יענער אַלגעמיינער איבערגעבנקייט וועלכע האָט אין סאַמע אָנהויב געמאַכט דאָס יידישע פאָלק פאַר אַ גרויס פאָלק.

אָבער איידער ער קומט צו צו דער אידייע פון קולטורעלן נאַ־ציאָנאַליזם, האָט ער געפונען פאַר נויטיק פאַרטיק צו ווערן מיטן קאָסמאָפּאָליטאַניזם...

די קאָסמאָפּאָליטן האָבן אַלעמאָל געהאַלטן אַז פּראָגרעס און נאַציאָנאַליזם זיינען קעגנגעזעצטע—אַנטיטעטיש... זייער טענה איז געווען, אַז וואָס מער אַ פאָלק לאָזט זיך ווארעמען פון די שטראַלן פון וויסנשאַפט און אינטעלעקטואַלן פאָרטשריט אַלץ שנעלער ווערט די נאַציאָנאַלע אייגנשאַפט פון פאָלק אָפּגעבליאַקעוועט. קוקן מיר אָבער אַריין אין די געשעענישן פון לעצטן יאָרהונדערט און פון איצטיקן יאָרהונדערט, דערציילט אונדז די געשיכטע פונקט דאָס פאַרקערטע.

דער אינטערנאַציאָנאַליזם וואַקסט טאַקע, אָבער בלויז מיטן וואוקס פון מאַטעריעלע אָפּהענגיקייט פון די פעלקער, און דאָס איז אמת בלויז אויף די געביטן פון דער עקאָנאָמיק, פּאָליטיק און וויסנ־שאַפט. קומט עס אָבער צו די געביטן פון קולטור, ווי קונסט און ליטעראַטור, מוזיק און פילאָזאָפיע איז די לאַגע אינגאַנצן אַן אַנ־דערע. צום סוף פון 19טן יאָרהונדערט און איצט אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט ווערט אין די ספערן פון קולטור געביטן מער בולט די נויגונג צו קולטורעלע פאַרשיידנאַרטיקייט. (ניט נאָר איז דער קולטורעלער נאַציאָנאַליזם געוואַקסן צו נייע הויכן, נאָר, אומגע־

רעכט, האָבן לײדער, זיך אַנגעהויבן באַװײַזן די פאָרמען פון װײט ניט קײן געזונטן נאַציאָנאַליזם).

א צװײטע השערה װאָס דער קאָסמאָפּאָליטאַניזם האָט אַרױס־געבראַכט איז די באַהױפּטונג, אַז דער מענטשלאַכער שכל איז פאָלקאָמען און אַלמעכטיק און ער װעט שױן אױסגעפינען פאַר אַלע פעלקער דעם בעסטן תירוץ אױף די באַזונדערע קולטור פּראָבלעמען זײערע. װעט מען זען ערגעץ װאו א נאַציאָנאַלן אונטערשײד, װאָס טײלט אָפּ אײן פאָלק פון אַ אַנדערן, װעט מען גלײך באַשטימען: אױב דער אונטערשײד שטימט מיט דעם מענטשלאַכן שכל, איז ער דער קלוגסטער ענטפער אױף אַ װעלכער עס איז פּראָבלעם פון מענטשלאַכן לעבן, דאַן װעט עס ניט בלײבן קײן נאַציאָנאַלער אונ־טערשײד. דער שכל װעט צװינגען אַלע פעלקער אָנצונעמען אָט דעם ענטפער. װעט אָבער דער אונטערשײד זײן להיפּוך צו דעם אַלגע־מײנעם שכל, װעט ער לאַנג ניט געדױערן, װײל די שטראַלן פון שכל'דיקן פּראָגרעס װעלן אַרײַנדרינגען אין אַלע טונקעלע װינ־קעלאַך פון פאָלקס לעבן און װעלן אים פאַרטרײבן מיט שפּאָט און שאַנד.

דערױף ענטפערט דר. זשיטלאָװסקי אױסדריקלאַך, אַז „דער שכל האָט ניט די קראַפט אױסצוגעפינען אױף אַלע פעלדער פון דער קולטור אַזעלכע ענטפערס, װאָס זאָלן זײן אַ „מוז" פאַר יעדן דענקענדן מענטשן. פאַראַן פעלדער פון דער קולטור, װאו פאַר־שײדענע נאַציאָנען ברענגען אַרױס פאַרשײדענע ענטפערס, װאָס האָבן אָבער אַ גלײַכן װערט פאַר דער מענטשהײט, און מיט קײן לאָגיק, מיט קײן װיסנשאַפט װעט מען ניט קאָנען באַװײַזן פאַר װאָס אײן ענטפער זאָל שטײן העכער אײדער דער אַנדערער".

אַלס בײַשפּיל פון אַזא קולטור פעלד צײגט זשיטלאָװסקי אָן אױף שפּראַך. „אָט שטײט פאַר מיר אַ חפץ, אױף װעלכן עס שטײט מײן טינטער און ליגט מײן שרײב פּאַפּיר. װי זאָל מען דעם חפץ אָנרופן: טיש, סטאָל אָדער שלחן? װאָס איז דער בעסטער ענט־פער, דער ריכטיקסטער, דער אַלגעמײן־מענטשלאַכער ענטפער אױף דער פראַגע?" — מוזן מיר קומען צום באַשלוס אַז עס איז ניטאָ קײן „בעסטער" ענטפער. פאַרן רוס איז דער בעסטער ענטפער

„סטאָל", פאַרן העברעער „שלחן" און פאַרן יידישיסט „טיש". אַלע דריי ענטפערס זיינען גלייך גוט און גלייך אַגעמאָסטן אין דעם אַלגעמיין־מענטשלאַכן שכן".

אָנהאַלטנדיק ווייטער דעם זעלבן געדאַנקען גאַנג פרעגט דר. זשיטלאָווסקי, וועלכע ביירענשע פּאָעזיע איז בעסער: די וואָס בייראָן האָט אַרויסגעבראַכט אין ענגלאַנד, אָדער די וואָס געטהע האָט באַשאַפן פאַר דייטשלאַנד, אָדער די וואָס פּושקין און לערמאָנטאָוו האָבן אויסגעדריקט אין רוסלאַנד? קיינע פון זיי איז ניט די בעסערע. דער אַלגעמיין מענטשלאַכער „ביירעניזם" האָט זיך ביי יעדן פאָלק אויסגעדריקט אויף אַ באַזונדער נאַציאָנאַלן אופן, וועלכן נאָר אָט דאָס פאָלק האָט געקאָנט באַשאַפן און קיין אַנדער פאָלק האָט עס פאַר אים ניט געקאָנט טאָן. ביירעניזם האָט באַאיינפלוסט די גאַנצע וועלט; דאָס איז געווען פּראָגרעס. יעדעס פאָלק האָט זיין אייגענע פאָרם פון ביירעניזם; דאָס איז געווען נאַציאָנאַליטעט; זיי גייען האַנט אין האַנט. די נשמה פון אַ פאָלק, דאָס איז זיין קולטור און די אַלגעמיין מענטשלאַכע קולטור איז נאָר מעגלאַך אין דער פאָרם פון איינצעלנע נאַציאָנאַלע קולטורן, און וואָס מער עס פּראָגרעסירט די אַלגעמיין מענטשלאַכע קולטור, אַלץ רייכער און שטאַרקער ווערט די נאַציאָנאַלע קולטור. וואָס שטאַרקער דער פּראָגרעס, אַלץ שטאַרקער די נאַציאָנאַליטעט.

דר. זשיטלאָווסקי'ס ערשטע באַהויפּטונג פון וועלכער ער ציט זיין לאָגישן שלוס פאַר אייגענטימלאַכער קולטורעלער נאַציאָנאַליטעט איז—שפּראַך. דאָס איז זיין ערשטער פאַרבאַדינג פאַרן יידנטום. אי פאַר דער קולטור ווערט אי פאַר דער היסטאָרישער באַגרינדונג פון יידיש. יידיש איז ניט קיין היסטאָרישער צופאַל — עס האָט זיך ניט בלויז געטראָפן וואָס יידן האָבן אָנגעהויבן ריידן יידיש. נאָר די יידישע שפּראַך האָט אירע וואָרצלען טיף אין די געזעלשאַפטלאַכע, עקאָנאָמישע, נאַציאָנאַלע און קולטורעלע באַדערפענישן פון יידישן פאָלק. זשיטלאָווסקי פילט, אַז יידיש איז אַ פאָלקשפּראַך און דעריבער דאַרף די שפּראַך אָנערקענט ווערן פון די יידישע געלערנטע אַזוי גוט ווי פון די יידישע מאַסן.

דעם ערשטן אַרגומענט וואָס מען הערט קעגן יידיש איז, אַז

די שפּראַך איז אַ פּראָסטער זשאַרגאָן. אָט די פּאַרשפּרייטע מיינונג איז אַ פאַלשע, ווייל זי רעכנט זיך ניט מיט די היסטאָרישע מאָדעלן פון אַלע שפּראַכן אין דער וועלט. מען מוז קודם כל געדענקען אַז אַלע שפּראַכן זיינען אַמאָל געווען אין אַזאַ צושטאַנד וואָס מען רופט זשאַרגאָן.

איז פונדעסטוועגן יידיש נאָך אַלץ אַ זשאַרגאָן, אָדער האָט זיך שוין די שפּראַך אַנטוויקלט צו אַ העכערער מדרגה? די פראַגע, זאָגט זשיטלאָווסקי, איז גאָר ניט וויכטיק. אויב איינער זאָגט אַז יידיש איז אַ זשאַרגאָן, זאָגט ער בלויז אַז די יידישע שפּראַך איז נאָך יונג. און יוגנט איז אָבער קיינמאָל קיין חסרון, ניט בײַ שפּראַכן, ניט בײַ מענטשן.

איז יידיש באמת אַ זשאַרגאָן? האָט שלום אַש געשריבן אין זשאַרגאָן זיין טרילאָגיע צוליב וועלכער ער האָט געזאָלט ווערן אַ נאָבעל פּרייז געווינער? האָט מענדעלי (ש. י. אבראַמאָוויץ) איבער־געלאָזט דעם ווירדיקן העברעאיש און פאַרביטן אויף אַ זשאַרגאָן? זיינען די ליטעראַריש קלאַסישע ווערק פון שלום עליכם, פּרץ, רייזין, לייוויק, פינסקי און הירשביין פּשוטע פּלאַפּלערייען. קאָן מען אין אַ זשאַרגאָן ריכטיק אויסדריקן די באַגריפן פון עקאָנאָמיע, סאָ־ציאָלאָגיע, ליטעראַטור, קונסט, מאַטעמאַטיקע און פיזיקע. אין יידיש ווערן אָט די אַלע באַגריפן אויסגעדריקט קלאָר און דייטליך, ווי אין וועלכער עס איז אַנדער געזונטער און לעבעדיקער שפּראַך.
עס איז אמה, גיט זשיטלאָווסקי צו אַז יידיש האָט ניט קיין גענוג רייכן וואָקאַבולאַר אויסצודריקן אייניקע פון די קלענסטע פּרטים אין ביאָלאָגיע, געאָלאָגיע און ענלאַכע. אָבער דאַרף מען דען באַ־שולדיקן די שפּראַך דערפאַר, אָדער די פּאַרטיידיקער פון יידיש? עס דאַרפן גיכער באַשולדיקט ווערן יענע כוחות, די עקאָנאָמישע און פּאָליטישע, וועלכע האָבן דעם אידן ניט געגעבן די מעגלאַכקייטן צו שטודירן די נאַטור און הנאה צו האָבן פון איר. די שפּראַך איז ניט מער ווי אַ שפּיגל פון דער קולטור וועלכע זי פאַרטרעט. די אנטוויקלונג פון דער שפּראַך וועט ניט אָפּשטיין פון דער אַלגע־מיינער און וויט פאַרשפּרייטער אַנטוויקלונג פון די מענטשן.

אָבער פאַרוואָס יידיש און ניט העברעאיש? זשיטלאָווסקי גיט דערויף דריי ענטפערס:

1. ווען מיר זאָלן זאָגן אַז די יידן פון דער גאַנצער וועלט זאָלן האָבן איין שפּראַך, דאַן קען ניט זיין קיין שום באַגרינדעטער אַרגומענט, וועלכער זאָל קענען באַווייזן אַז די איינציקע שפּראַך פון די יידן זאָל ניט זיין יידיש, ווען די גרעסטע צאָל יידן אויף דער וועלט ריידן די שפּראַך.

2. די נאַציאָנאַלע און קולטורעלע נויטן פון דער מאַיאָריטעט און די נאַטירלאַכע אַנטוויקלונגס טענדענצן, וועלכע ווערן אַרויסגערופן פון די אויבנדערמאָנטע נויטן, וועלן פאָדערן, אַז יידיש זאָל זיין די נאַציאָנאַלע שפּראַך.

3. העברעאיש קען אויך צוגעלאָזט ווערן ווי אַ נאַציאָנאַלע שפּראַך פאַר יענע אידן וועלכע וועלן פאָדערן נאַציאָנאַלע גלייכבאַרעכטיקונג פאַר זייער שפּראַך. די רעכט פון דער גרופּע העברעאיסטן מוז הייליג אָפּגעהיט ווערן און טאָר ניט פאַרשוועכט ווערן אַזוי לאַנג ווי זיי אַליין וועלן ניט אַריבערטרעטן זייערע דעמאָקראַטישע רעכט און וועלן אַרויפצווינגען זייער אַרט דענקען אויף די מאַסן.

איצט טרעפן מיר אָבער אָן אַ נייע שוועריקייט. עס איז דאָך ניטאָ קיין יידישע היימלאַנד וואו דער חלום פון אַ רייכער נאַציאָנאַלער קולטור זאָל פאַרווירקלאַכט ווערן און פון וואַנען עס זאָל זיך אַרויסגיסן די השפּעה אויף די יידן אין דער גאָרער וועלט.

זשיטלאָווסקי איז אַ טעריטאָריאַליסט. ער זעט איין אַז פאַר דער פאָלקאָמענער פאַרווירקליכונג פון די יידישע האָפנונגען מוז מען האָבן אַ טעריטאָריע, אָדער טעריטאָריעס, וועלכע זאָלן דינען אַלס דער פונדאַמענט פאַר אַ געזונטן יידישן לעבן. ער גלויבט ניט אַז ארץ ישראל ווי עס איז, איז בכוח צו לייזן פאָלשטענדיק די יידישע פּראָבלעמען און אַז עס קען פאָלשטענדיק באַזייטיקן די ליידן פון די שטענדיק עמיגרירנדיקע יידישע מאַסן. און ועל כולם איז ער קעגן דעם בלינדן, עמאָציאָנאַלן ציוניזם, וועלכער האָפט אַז אַלע יידישע פּראָבלעמען וועלן ווערן געלייזט אַזוי שנעל ווי זיי וועלן אַריין אין זייער באַליבטן ציון. אַזאַ יידישע היימלאַנד,

וועלכע זאָל באַשטיין פון לופט מענטשן, עקספּלואַטירטע מאַסן, קליינע קרעמערלאַך און דאָמינירענדיקע קאַפּיטאַליסטן, האָט ביי זשיטלאָווסקין קיין ווערט און איז גלייך ווי גאָר קיין היימלאַנד. ער גלויבט אַז יענע וואָס זיינען פּאַראינטערעסירט אין ציוניזם און יענע וואָס זיינען פּאַראינטערעסירט אין סאָציאַליזם זאָלן אַרבעטן האַנט אין האַנט אַלס חלוצים.

איידער די יידן קומען אריין אין זייער היימלאַנד (און דאָס וועט דאָך ניט פּאַסירן מאָרגן אָדער איבערמאָרגן), מוזן די יידן זיך באַטראַכטן ווי אַ טייל פון דער אַרבעטנדיקער מענטשהייט פון דער וועלט. די פּראָבלעמען פון דער דערשלאָגענער און עקספּלואַטירטער מענטשהייט מוזן ווערן זייערע פּראָבלעמען. עס איז ניט כדאי צו שטרעבן צו אַן אייגענער היימלאַנד ביז מען וועט פריער ניט אַנטוויקלען אין דער פּסיכאָלאָגיע פון יידן אַ ליבע צום לאַנד, פאַר די אַרבעטנדיקע הענט און מוחות, אַ פּראָדוקטיווע פּסיכאָלאָגיע, וועלכע זאָל פאַר זיי דערמעגלאַכן, ווען זיי וועלן אַריין אין זייער אייגענעם לאַנד, אַ קאָאָפּעראַטיווע געזעלשאַפט, וועלכע זאָל זיין אַ מיטגליד אין דער געזעלשאַפט פון סאָציאַליסטישע פעלקער.

עס בלייבט נאָך איבער צו באַטראַכטן די ראָליע פון רעליגיע אין יידישן לעבן. זשיטלאָווסקי דענקט אַז רעליגיע איז אַ ריין פּערזענלאַכע זאַך און אַז יעדער מענטש איז בארעכטיקט נאָכצוקומען זיין רעליגיעזן גלויבן. ער שטרייכט אָבער דערביי זייער שטאַרק אונטער, אַז רעליגיאָזיטעט קען ניט זיין די מאָס דורך וועלכער מען זאָל באַשטימען די יידישקייט. אַ אידישער אַטעאיסט איז פּונקט אַזוי פיל ייד ווי אַן אָרטאָדאָקסישער רב. ווען דאָס וואָרט ייד זאָל זיין דעפינירט בלויז אויף רעליגיע אַליין, דאַן וואָלטן מיליאָנען יידן, וועלכע האָבן זיך אָפּגעריסן פון דער פרומקייט, אויסגעשלאָסן געוואָרן פון יידישן פאָלק. אָבער צו דער זעלבער צייט פאָדערט ער אַז רעליגיע זאָל ניט ווערן באַטראַכט און זאָל ניט אויסגעמעקט ווערן פון יידישע רעקאָרדס, אַזוי אַז די צוקונפטיקע דורות זאָלן דאָס ניט וויסן. זשיטלאָווסקי׳ס צוגאַנג צו רעליגיע איז דער צוגאַנג פון אַ היסטאָריקער און ער זאָגט: „רעליגיאָנען און געטער ווערן געבאָרן אין קדושה, עלטערן זיך אין טומאה,

גוסס'ן און שטאַרבן, פאַרוואַרפענע, פאַרגעסענע, ערגעץ וואו הינ־טער אַ פּלויט און שטייען אויף תחית המתים צו אַן אייביקן לעבן אין דעם גן עדן פון דער מענטשלאַכער פּאַעזיע. אַ גאָט, אַ טייוול, אַ „גאָר נישט", אַ געטליך בילד, — דאָס איז די ביאָגראַפיע פון די געטער. הייליגער, תמימות'דיקער גלויבן; פיינטלאַכער אָפּשיי און קאַמף; קאַלטע גלייכגילטיקייט; פּאַעטישע בענקשאַפט נאָך דעם העכסטן אין דער וועלט — דאָס זיינען די לעבנס פאַזן פון אַ רעליגיע".

מיר האָבן ביז איצט געגעבן דאָס וואָס מיר דענקען איז געוועזן אַ געניוינע, כאָטש אַ קורצן, איבערבליק פון די שטאַנדפּונקטן פון רבי סאַלאָמאָן גאָלדמאַן און דר׳ חיים זשיטלאָווסקי אין באַצוג צו דער יידן־פראַגע. כדי צו געבן די צוויי געלערנטע אַ געלעגנהייט אויסצודריקן זייערע שטאַנדפּונקטן דורך אונדזער עסיי, האָבן מיר פּראָבירט צו שרייבןביידע פריערדיקע טיילן מיט דעם ענטוזיאַזם פון יעדן פון די צוויי מענטשן, כדי זייערע מיינונגען זאָלן פרע־זענטירט ווערן מיט דער איבערצייגונג וועלכע זיי וואָלטן געוואָלט איבערגעבן צו דעם לעזער.

איצט אָבער, אין אונדזער אָפּשאַצונג פון די צוויי שטאַנד־פּונקטן, וועלן מיר נאַטירלאָך אויסדריקן אונדזער אייגענעם שטאַנד־פּונקט. דער לעזער מעג גלייך וויסן אַז אונדזער פּאָזיציע איז ניט נייטראַל, נאָר מיר נעמען אָן איינע פון די צוויי פּאָזיציעס אַלס מער צופרידנשטעלנדיקע.

די הויפּט פּראָבלעם, ווי עס זעט אויס אי גאָלדמאַן, אי זשיט־לאָווסקי, וואָס שטייט פאַר די יידישע מאַסן איז צו פאַרשטאַרקן די פאַרבינדונגס קראַפט פון אונדזער קולטור, און צוריקצוהאַלטן אונדזער פאָלק פון אַסימילאַציע. ביידע זעען אין די נויטווענדיקייט פון באַטראַכטן דאָס יידנטום אַלס אַ נאַציאָנאַליטעט, אָבער אין דער זעלבער צייט וויזן זיי צוריק וועלכן עס איז צוגאָב פון שאָוויניזם.

דער ערשטער אונטערשייד וואָס מיר געפינען אין די צוויי שטעלונגען האָט צוטאָן מיט שפּראַך, ניט חלילה אויב אַ נאַציאָ־נאַלע שפּראַך איז נויטיק, נאָר, וועלכע זאָל זיין די נאַציאָנאַלע שפּראַך — יידיש אָדער העברעאיש. דר. זשיטלאָווסקי, זאָגט יידיש;

רבי גאָלדמאַן זאָגט אַז דאָס דאַרף זיין העברעאיש. די אַרגומענטן וואָס זשיטלאָווסקי גיט פאַר יידיש קען מען, לויט אונדזער מיינונג, גרינג פאַרשטיין. יידיש האָט זיך אַנטוויקלט ביי די יידישע מאַסן דורך זייער גאַנצן גלות לעבן און האָט אָפּגעשפּיגלט די גאַנצע מאָדערנע יידישע פאָלקס פּסיכאָלאָגיע. און וואָס איז וויכטיקער, יידיש האָט שוין דערגרייכט צו אַ שטופּע פון אַ פולער אַנטוויקלטער שפּראַך, וועלכע איז ניט נאָר אַ פאָלקס שפּראַך, נאָר אויך אַ ליטע־ראַרישע און וויסנשאַפטלאכע שפּראַך, און איבערהויפּט אַ שפּראַך וועלכע ווערט גענוצט אין אַלע טיילן פון דער וועלט ביי דעם גרעסטן טייל פון די אידן.

בשעת יידיש האָט געהאַלטן אין אַנטוויקלען זיך, איז העב־רעאיש גענוצט געוואָרן ביי דער יידישער אַריסטאָקראַטיע — די רעליגיעזע אַריסטאָקראַטיע. דאָס גאַנצע פאָלק האָט ניט גענאָסן פון העברעאיש, ווייל די העברעער זיינען געווען פּאַראינטערע־סירט אין האַלטן די שפּראַך פאַר זייער אייגענעם נוצן, אַזוי אַרום אַנצוהאַלטן זייערע פּאָזיציעס אַלס גייסטיקע און אינטעלעקטועלע פירער פונם פאָלק. דערפאַר זיינען די מאַסן געווען אָפּגעזונדערט פון די וועלכע האָבן געדאַרפט דינען אַלס אונדזערע פירער. מער ווי איין יידישער שרייבער האָט איינגעזען ווי באַגרעניצט עס איז געווען זיין עולם, ווען ער האָט געשריבן אין העברעאיש. מענדעלע איז אַוועק פון העברעאיש צו יידיש, ווען ער האָט איינגעזען אַז בלויז דורך אַזאַ מין שריט וועט ער קענען דערגרייכן די ברייטע מאַסן מיט זיין סאָציאָלאָגישער מיסיע. י. ל. פּרץ איז נאָך אַן אויס־געצייכנטער ביישפּיל פון די וואָס האָבן אָנגענומען יידיש אַלס די פאָלקס שפּראַך.

דר. זשיטלאָווסקי'ס אויסזעצונג צו העברעאיש אַלס די נאַ־ציאָנאַלע שפּראַך איז ניט באַזירט אויף אַן עמאָציאָנעלער פאַר־ביסנקייט. ער גיט אָן בעסער די היסטאָרישע אַרגומענטן פאַר יידיש און איבערהויפּט די מאָדערנע סאָציאָלאָגישע און אַלגעמיין קול־טורעלע אורזאַכן פאַר יידיש אַלס די נאַציאָנאַלע שפּראַך. עס מוז אָבער אין דער זעלבער צייט קלאָר זיין אַז זשיטלאָווסקי מאַכט ניט

אוועק העברעאיש מיט דער האנט. די העכסטע דערגרייכונג פאר אים וואלט געווען א צוויי שפראכיק פאלק.

רבי גאלדמאן׳ס אויסזעצונגען קעגן יידיש זיינען שווער צו פארשטיין, און נאך מער, שווער אנצוטאפן מיט דער האנט. אין זיין אויבנדערמאנטן בוך, דערמאנט ער די יידישע שפראך בלויז פיר מאל; איין מאל אין באצוג צו דעם ארטאדאקסישן רבי אין אמעריקע, וועלכער פארקריפלט דאס מיט ענגלישע עלעמענטן; איין מאל אין פארבינדונג מיט א דראמע פון שלום אש׳ן; איין מאל אין פארבינדונג מיט א בוך פון שלום עליכם׳ן און איינמאל אין באצוג דעם סאוועטן פארבאנד.

וואס אנבעלאנגט די צוויי גרויסע יידישע שרייבער קענען גאלד־מאן׳ס ווערטער ניט טראגן קיין אנדער כאראקטער ווי לויב. אבער ווען עס קומט צו אסך פון די באקאנטע אמעריקאנער ארטאדאקסישע רבנים, ווייסט רבי גאלדמאן אזוי גוט ווי מיר, אז זיי שטעלן מיט זיך מער ניט פאר די יידישיסטישע באוועגונג ווי עס טוט דער געוויינלאכער איירישער פאליציאנט אין די יידשע געגענטן אן ניו יארק. זיי נוצן דאס וואס איז פארשימלט אין דער שפראך אדער בעסער געזאגט א קארופטירטע פארמע פון דער שפראך — צו דער־גרייכן זייערע רעליגיעזע צילן.

עס איז שווער צו פארשטיין וואס רבי גאלדמאן מיינט, ווען, רעדנדיק פונם סאוועטן פארבאנד און זיין רעליע אינם יידישן לעבן, פרואווט ער דארט צו מאכן אן אונטערשיד צווישן „דזשו" און „איד". גאלדמאן׳ס טענות אז דער יידישיזם אין סאוועטן פאר־באנד פירט צו שנעלער אסימילאציע, זיינען ניט קיין זיכערע. און מיר מוזן געדענקן אז דער סאוועטן פארבאנד דערמוטיקט קולטור־רעלע אויטאנאמיע פאר נאציאנאלע מינאריטעטן, דעריבער לעגט זיך ניט אויפן שכל אז אט די דערמוטיקונג ווערט געגעבן צוליב דעם כדי די יידן זאלן זיך גיכער אסימילירן. עס איז נאר פאראן די טענדענץ אין ראטן פארבאנד אז אסימילאציע זאל זיך דארט פארשפרייטן, האבן כאטש די נאציאנאלע מינאריטעטן די פרייהייט צו עפענען שולן אין וועלכע די מינאריטעטן קענען לערנען זייערע קינדער זייער אייגענע שפראך. עס איז אמת אז ביז איצט איז

העברעאיש פארבאטן אין רוסלאנד. דאס איז צום באדויערן, אבער דאס באפרייט ניט די ציוניסטן פון זייער חטא צו פארבאטן יידיש אין ארץ ישראל. נאך אלעמען, איז דאס ארץ ישראל און ניט סאָוועט רוסלאנד וועלכע דארף ווערן דאס יידיש היימלאנד. וואס וועט פאסירן מיט יענע יידן, וועלכע וועלן זיין געצוואונגען צו לערנען זיך העברעאיש, אבער וועלן דאך באשטיין צו האבן יידישע שולן, יידיש טעאטער און יידישע צייטונגען? ביז איצט האט מען אזעלכע אינסטיטוציעס ניט דערלויבט אין ארץ ישראל. דר. גאָלדמאן צאלט ניט געגוג אויפמערקזאמקייט צו דער פראגע פון יידיש. ער האט זיך פארגעסן אדער ער האט פארזען די צאלרייכע יידישע שולן, טעאטערס, זשורנאלן און צייטונגען אין יידיש איבער דער גארער וועלט. נאכאלעמען איז דאך יידיש א פאקטאר אין לעבן פון די יידן איבער דער גאנצער וועלט, און אונדז שיינט, אז אין א בוך איבער מאדערנעם יידנטום מוז מען זיך אפשטעלן מער אויף דער יידישער שפראך, מען מוז ניט בלויז דערמאנען יידיש פארבייגייענדיק.

וואס איז שייך די עקאנאמישע פראבלעם, זאגט גאָלדמאן אויך ניט געגוג. עס פארשטייט זיך אז ציוניזם אליין מיט דער ליבע צו לאנד האט אין זיך אויך שוין טיילווייז די עקאנאמישע פראבלעם אין זינען. עס פארשטייט זיך אז פון די וואס קומען אין לאנד ווערן א גרויסער טייל פארמערס, אבער וואס הערט זיך עפעס מיטן „לופט מענטשן”— וועט ער זיך אריינכאפן קיין ארץ ישראל? וועט דער יידישער קאפיטאליסט האבן די אויבערהאנט אין פאלעסטינא? וועט ספעקולאציע, עקספלואטאציע און אנדערע קראנקייטן פון מאדערנעם קאפיטאליזם ווערן איבערגעפלאנצט קיין ארץ ישראל און שטערן דעם אויפבוי, און ענטוויקלונג פון לאנד? און וואס הערט זיך מכוח דער יידיש־אראבישער פראגע און וואס הערט זיך עפעס וועגן דער ראליע וואס פאלעסטינא וועט דארפן שפילן אין דער בריטישער אימפעריאליסטישער שפיל?

רבי גאָלדמאן רעדט מיט געפיל וועגן ארץ ישראל און ער זאגט „אזוי שנעל ווי מען קומט אריין אין לאנד ווערט מען אזוי גערירט, אז מען פארגעסט גאר צו טראכטן וועגן דער עקאנאמישער

לאַגע" און אַ. וו." גאָלדמאַנ'ס פאַרטיידיקונג פון ארץ ישראל איז אַ פּראַכטפול שיינע, אָבער ווי עס שיינט האָט ער אַליין זיך גע־כאַפּט, אַז פון אים רעדן אַרוים מער די עמאָציעס, ווייל ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אין עטלאַכע פּאַראַגראַפן צו באַרעכטיקן דעם סענ־טימענטאַליזם פון אַ יידן ווען ער רעדט וועגן פּאַלעסטינאַ. ער ציינט אויך אַז וועלכע פּראָבלעמען אין דעם מאָדערנעם ארץ ישראל מיר מוזן פאַרקוקן אויב מיר ווילן זיך ניט געפינען אין דער זעלבער קאַטעגאָריע פון יענעם זון, וועלכער האָט נאָך דרייסיק יאָר אָפּ־וועזנהייט זיך צוריקגעקערט צו זיין מוטער און האָט געפונען הסרונות, אַז דער מאַמעס פאַרטוך איז קויטיק און די מעבעל צע־בראָכן. אָט דער טיף פון עמאָציאָנאַלן ציוניזם פאַרמאַכט די אויגן און זעט ניט די שווערע פּראָבלעמען וועלכע מען וועט ניט קענען אויסמיידן.

פון דעסטוועגן איז ניט קוקנדיק דערויף וואָס מיר אונטער־שיידן זיך אַזוי פיל פון רבי גאָלדמאַנ'ס פּראַקטישער פּראָגראַם, זיינען מיר אים פונדעסטוועגן דאַנקבאַר פאַר זיינע הויפּט פאַקטן און פאַרבאַדינגונגען צו דער ליזונג פון יידישן פּראָבלעם. ער זעט, ווי עס שיינט, אַז יידנטום באַשטייט ניט בלויז פון אַ צאָל געזעצן אין אַ שלחן ערוך, אָדער אַז עס דאַרף באַשטיין פון אַ צאָל „יידישע מעטאַפיזישע דאָקטרינען" און מער גאָר ניט. ער באַשטייט דוקא דערויף אַז יידנטום מוז באַטראַכט ווערן ווי אַ קולטור, — ווי אַן אויסדרוק פון אַלגעמיינעם יידישן לעבן.

אין דעם זיינען מיר מסכים מיט רבי גאָלדמאַן, אָבער וויטער זיינען מיר מער איבערציינגט אין דר. זשיטלאָווסקי'ס אַנאַליז פון די יידישע פּראָבלעמען און זיינע עצות ווי אַרום די פּראָבלעמען צו ליזן.

פערל לאק

אוטאָפּיעס

אַלע האָבן מיר חלומות. אַ חלום ווערט געבוירן פון אומ־צופרידנקייט, און אפשר ווייל דער קאָפּ רייסט זיך צו די הימלען. ער איז געבויט אין כמעט יעדן פאַל פון עפּעס שענערס און בע־סערס פון דעם עקזעסטירנדיקן. אָבער מיט אונדזער איצטיקן מאַ־טעריעלן בליק אויף דעם לעבן, האַלטן מיר ווייניק פון טרוימען. אָבער אַזעלכע שאַפונגען פון אונדזער פאַרשטעלונגס קראַפט האָבן געגעבן אַ גרויסן שטויס פאַרויס די אַנטוויקלונג פון מענטשן. מיר וואוינען אין די לענדער וועלכע מיר חלומען אויס. צעפרידנקייט און זאַטקייט, און גלייכגילטיקייט פירן צו שימל. און פון ניט באַ־פרידיקונג, און דעם אומרו וואָס זי טראָגט מיט זיך, קומען אַרויס חלומות, שטרעבונגען און אידעאַלן וואָס פירן צו פּראָגרעס. מיט הויכע אידעאַלן דערגרייכן מיר מער ווי מיר וואָלטן פאַר זיך געשאַפן קאָנקרעטע נאָענטערע און קלענערע צילן. דזשאָרדזש הער־בערט האָט געזאָגט, „דער וואָס ציט זיך צו די הימלן קלייבט אַן פאַר זיך מער ווי דער וואָס זעט בלויז דעם שפּיץ פון אַ בוים".

אוטאָפּיע איז דער חלום פון אַ שטאָט אָדער אַ לאַנד, וואו עס הערשט אַ האַרמאָניש צוזאַמענלעבן פון מענטשן, סיי פּאָליטיש, מאָראַליש, סאָציאַל און עקאָנאָמיש. אָבער דער חלום לאָזט זיך ניט פאַרווירקלאַכן, ער שטייט אין נעפּל און ווינקט צו אונדז: „קומט אַריין".

אוטאָפּיעס אָדער אידייען וואָס שטרעבן צו אַ שענער און בע־סער לעבן באַווייזן זיך כמעט אין יעדער עפּאָכע פון דער מענטשלאַ־כער געשיכטע. אָבער ספּעציעל לאָזן זיי זיך מערקן אין אומנאָרמאַלע צייטן. אין איבערגאַנג פּעריאָדן פון רעליגיע און מאָראַל, אין אַן אַנגעשטרענגטער און פאַרצווייפלטער סאָציאַלער צייט, אין עקאָנאָ־מישע קריזיסן און אין צייטן פון מלחמה און רעוואָלוציע. דער אומ־רואיקער איבערגאַנג און די וואַקלענדיקייט און פאַרפּוילטקייט פון געזעלשאַפטן האָבן סטימולירט די סאָציאַלע דענקער און פילאָזאָפן

צו פאַרשן, צו פּלאַנען, צו פאַרמולירן אַ פּערפעקטע זיכערע געזעלשאַפט.

אין יעדער צייט צעטיילן זיך מענטשן לויט זייער געדאַנקען־גאַנג אין דריי גרופּן: די וואָס לעבן אין דער פאַרגאַנגענהייט, די צוריקגעהאַלטענע וואָס האָבן מורא אַז זיי וועלן זיך אָפּבריען מיט דעם מאָרגן און דער היינט איז פאַר זיי צו קאַלט טרייסטן זיי זיך מיט דעם נעכטן. די צווייטע גרופּע איז די וואָס שלייכט זיך דורך אין לעבן מיט האַלב פאַרמאַכטע אויגן און איז שטענדיק גרייט זיך אָננעמען פאַר דעם עקזיסטירנדיקן, מעג עס זיין גוט אָדער שלעכט, צופרידן זיינען זיי מיט אַלץ. די דריטע גרופּע באַשטייט פון די וואָס מען קען ניט אַזוי לייכט צופרידנשטעלן, די ראַנגלענדיקע וואָס צילן און זוכן דערגרייכונגען און קענען ניט אַקצעפּטירן די פעלערן פון זייער צייט. אין אָט דער גרופּע געפינען מיר די אוטאָ־פּיסטן. זיי זיינען קריטיקער פון זייער צייט, זיי זעען פאַלשקייטן און חסרונות דעריבער אַנטוויקלט זיך ביי זיי אין דער פאַנטאַזיע דאָס שענערע און העכערע—דער אידעאַל—דער העכסטער שפּיץ פונם לייטער.

די ערשטע באַדייטנדע אוטאָפּיסטן זיינען געווען רעליגיעזע גרופּעס. זיי האָבן פאָראויסגעזען אַ רעליגיע אַ ריינע, אַ קלאָרע וואָס וואָלט געדאַרפט באַאיינפלוסן אַ געזונט סאָציאַל לעבן. אָבער זיי זיינען געווען צו ווייט איבער זייער צייט. זייערע געזעלשאַפטן האָבן נאָך געהאַט די פאַלשע פרימיטיווע באַגריפן פון רעליגיע. רעליגיעזע סעודות און פייערונגען האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין ווילדע זויפערייען, אין טרינקען, אין אָרגיעס און אין קרבנות ברענגען. און זייערע אָרדענונגען זיינען באַשטאַנען פון שקלאַפן און הערשער. די אידעאַליסטן צווישן זיי האָבן געפּרואווט ווירקן און דערהויבן די מענטשן דורך פאַרדאַמען דאָס עקזיסטירנדיקע און באַווייזן וואָס עס וואָלט באַדאַרפט זיין נאָר מע האָט זיי ניט געהערט און מע האָט זיי ניט פאַרשטאַנען.

צווישן די רעליגיעזע אוטאָפּיסטן האָבן מיר די נביאים וואו מען קען זען די אוטאָפּיסטישע געדאַנקען ביי כמעט אַלע אָבער ספּעציעל אין ישעיהוס טרוים פון שלום וואו אַ לעמפּערט וועט וואוינען

מיט א שעפעלע און א קינד וועט זיי פירן. און אויך אין דער דער־הויבענער אומפעלערבארקייט פון דער משיח אידייע. צוזאמען מיט די נביאים האבן מיר יעזוס קריסטוס מיט זיין ווידערגעבורט קאנ־צעפציע, סיינט אגוסטין און סאוואנאראלע און נאך אנדערע, וועלכע האבן געשאפן סאצאלע אוטאפיעס אין רעליגיעזע מלבושים, אדער וואו רעליגיעזער ריטואל האט געשפילט די וויכטיקסטע ראלע.

א פאר דורות נאך די נביאים וואס האבן געקעמפט פאר גע־רעכטיקייט אין בבל און אין ארץ־ישראל זעען מיר אין גריכנלאנד א פיגור וואס האט בעאיינפלוסט אלע אוטאפיסטישע געדאנקען און סיסטעמען נאך אים. פלאטאן האט געלעבט אין א צייט ווען די רעגירונג און דאס פאליטישע לעבן אין גריכנלאנד האט זיך גע־נומען צעפאלן. עס איז קארופטירט געווארן און האט גענומען דעגענערירן. די קארופציע האט גענומען אונטערגראבן די שטאט רעפובליק אלס א הערשנדער איינס און ארויסשטעלן דיקטאטערס און דערהויבן איינצעלנע. דאס האט זייער געווירקט אויף פלא־טאנען און ער האט געשאפן א ווערק וואו ער האט אויסגעארבעט א סיסטעם פון א פרייער שטאט רעפובליק וואו דער יחיד האט געלעבט פאר דעם שטאט און דער שטאט פאר דעם איינצעלנעם. זיין געעזלשאפט האט ער גערופן „רעפובליק". עס איז א ווערק מיט א וועלטלאכן פארנעם און דאך איז זי אויסגעארבעט אין קאנקרעטע דעטאלן פון טאג־טעגלאכן לעבן. זיין רעפובליק איז געבויט אויף פיר פרינציפן: חכמה, העלדישקייט, מעסיקייט און גערעכ־טיקייט. ער צעטיילט די מענטשן אין פיר קלאסן. דער ערשטער קלאס—די געלערנטע וואס זיינען די הערשער. דער צווייטער קלאס די סאלדאטן און באשיצער. דער דריטער קלאס די מאסע וואס בא־שטייט פון ארבעטער און האנדלס מענטשן. דער פערטער קלאס—די שקלאפן. צווישן די ערשטע צוויי קלאסן איז ניטא קיין אונטער־שיד ווייל פלאטאן דערהויבט די באשיצער פון שטאט צו א הויכער מדרגה. האט ער ווירקלאך דריי קלאסן. די אויפגאבע פון דעם ארבעטר קלאס א חוץ די פיזישע ארבעט איז מעסיקייט און גע־הארכזאמקייט. פלאטאן זאגט: אויב אלע וועלן טאן זייערע בא־שטימטע אויפגאבן וועט דאס לעבן זיין אזוי קא־ארדינירט אז עס

וועט זיך שאַפֿן אַ ברידערלעכע קאָ־אָפּעראַציע. פּריוואַט אייגענטום איז אינגאַנצן אָפּגעשאַפֿט. דערציאונג און אונטעררריכט, וויסנשאַפֿט, קונסט און יעדע פֿאָרמע פֿון לעבן ווערט קאָנטראָלירט פֿון דעם שטאַט. דאָס טוט ער כדי אָפּצושאַפֿן דאָס געפֿיל פֿון מיין און דיין. און ער גייט אַזוי ווייט אַז ער שאַפֿט אָפּ די פֿאַמיליע. ווייל פֿון דער פֿאַמיליע, זאָגט ער, שטאַמט דער חשק צו פֿאַרמאָגן זאַכן. די פֿאַ־מיליע וועט אויך איבערברעכן דעם בונד פֿון יחיד צום שטאַט און וועט שאַפֿן אַ באַציאונג צו דעם „איינס". און דאָ וועט זיין גאַנצער ציל פֿאַרלאָרן גיין. קינדער ווערן געבוירן בלויז פֿאַר דעם שטאַט. פֿרויען און מענער וואוינען באַזונדער, און קינדער האָדעווען זיך אין אינסטיטוציעס. די פֿרוי אין פּלאַטאָנ׳ס צייט איז ניט געווען מער ווי אַ שקלאַף ביי איר מאַן. אין זיין רעפּובליק האָט ער זי דערהויבן און אַפֿילו געגעבן אַמטן אין דער רעגירונג. די פֿרוי האָט זיך אויך געדאַרפֿט שלאָגן אין מלחמה. מלחמה האָט ער גענוצט בלויז אַלס פֿאַרטיידיגונגס מיטל. געלט, האָט ער געזאָגט, איז בלויז אַ קאָרופּציע מיטל. מוז געלט אינגאַנצן אָפּגעשאַפֿט ווערן.

אָבער זיין גאַנצע האָפֿנונג פֿאַר אַ פֿאָלקאָמען צוזאַמענלעבן פֿון מענטשן האָט ער געלייגט אויף בילדונג און דערציאונג. און ער אַרבעט אויס אַ שווערן לאַנגן פּלאַן פֿון לערנען וואָס וועט דער־ציען פֿילאָסאָפֿן און וויסנשאַפֿטלער. זיין חלום איז זען זיין לאַנד רעגירט פֿון פֿילאָסאָפֿן.

פֿיזישע איבונגען שפּילן אַ גרויסע ראָלע אין דערציאונג, ווייל אין אַ קראַנקן קערפּער קען ניט זיין קיין געזונטער גייסט.

די מענטשן אין דער רעפּובליק וועלן אויסוואַקסן געזונט און אינטעלעקטועל אָבער קיין עמאָציעס און געפֿילן קאָנען זיי ניט האָבן. פֿאָלקאָמענע מענטשן אָבער בלאַסע און קאַלטע און עס וועט זיי פֿעלן אַביסל האַרציקע וואַרעמע בלוט. נאָך אַ חסרון איז וואָס פּלאַ־טאָן האָט אַ שקלאַפֿן קלאַס און דאָס מיינט אַז די האַרמאָניע וועט ניט זיין אַ זייער שיינע נאָר עס וועט זיך לאָזן הערן דאָ און דאָרט אַ ביטערער טאָן. אָבער זיין אוטאָפּיע שפּיגלט אָפּ דאָס לעבן פֿון זיין צייט און גיט איר דאָס העכסטע — דאָס שטרעבן צו פֿאָלקאָמענקייט.

במעט צוויי טויזנט יאָר נאָך פּלאַטאָן איז ניט געשאַפן געוואָרן קיין אוטאָפּיע וואָס זאָל האָבן אַ באַדייטונג. אָבער אין פופצנטן יאָרהונדערט אין דער ווידערגעבורט פון קולטור און נייע לעבן געפינען מיר אין ענגלאַנד אַ פּערזאָן וואָס האָט געשאַפן אַ ראָמאַן וואו ער אַנטוויקלט אַ פרייע געזעלשאַפט וואָס ער רופט „אוטאָפּיע".

טאָמאַס מאָר האָט געלעבט אין דער צייט פון הענרי דעם אַכטן וועלכער האָט טאַקע מאָר'ן געטויטעט צוליב זיין איינגעאַקשנטקייט בנוגע זיינע אידייען. ער האָט געהאַט אַן אַמט אין קעניגלאַכן הויף אָבער ער האָט געזעען די צעפוילטקייט פון זיין געזעלשאַפט. די אויסערגעוויינטלאַכע לוקסוסן אויף איין זייט און די שוידערלאַכע אָרעמקייט אויף דער צווייטער זייט. און ווען ער האָט געבויט זיין אוטאָפּיע האָט ער איינגאַנצן אָפּגעשאַפט קלאַסן.

ער איז געווען בעאיינפלוסט פון פּלאַטאָן אָבער מאָר'ס אוטאָפּיע איז געווען מער מענטשלאַך און רעאַל פון פּלאַטאָ'ס רעפּובליק. אַזוי ווי פּלאַטאָן שאַפט ער אָפּ געלט און פּריוואַט אייגנטום נאָר די אוטאָפּיע איז געבויט אויף אַ שטאָדט־שטאַט פּלאַן. עס איז אַן אינזל מיט דער הויפּט שטאָט אין מיטן. די עקאָנאָמישע באַזע איז אַגריקולטור און אַלע מוזן קענען די מלאכה אַפילו די וואָס וואוינען אין די שטעדט. אוטאָפּיע ווערט רעגירט פון איין מענטשן און זיין קאַבינעט וואָס ווערן אויסגעקליבן פון אַלע. די פאַמיליע שפּילט די הויפּט ראָלע אין דער אָרדנונג. מאָר זאָגט אַז קינדער קענען נאָר דערצויגן ווערן אויף אַ געזונטן אופן אין אַ פאַמיליע. פאַמיליען לעבן מוז זיין האַרמאָניש. איינע פון די ערגסטע פאַרברעכן אין אוטאָפּיע איז ווען אַ מאַן חבר'ט זיך מיט אַ פרעמדער פרוי, אָדער דאָס ניט געטריי־קייט צו זיין פאַמיליע. דערציאונגס מיטלען זיינען פּראַקטישע. נאָך אַ געוויסע צאָל יאָרן פון אַלגעמיינער וויסנשאַפט קלייבט יעדער אויס אַן אַרבעט און ספּעציאַליזירט זיך אין איר. די מלאכות גייען איבער בירושה פון עלטערן צו קינדער. אַרבעטן מעג מען בלויז זעקס שעה ווייל אַ מענטש דאַרף האָבן צייט זיך אויסצורוען און אויסצולעבן. אַלע פיר יאָר איז דאָ אַ יום טוב לכבוד דעם אַריינברענגען די פּראָדוקטן פון פעלד. לוקסוסן זיינען ניטאָ. קליידער זיינען איינפאַכע. גאָלד און זילבער ווערן גענוצט פאַר טעפּ, און קייטן פאַר באַשטראָפטע

שקלאַפּן און שפּילצייג פאַר קינדער. דער ווערט פון אייזן איז העכער ווי פון גאָלד ווייל אייזן איז מער ניצלאַך. מענטשן עסן באַגלייט דורוכאויס פון מוזיק אין געמיינשאַפטלאַכע עס צימערן וואָס ווערן אויך גענוצט פאַר אויסלעבונגס צענטערן.

מאָר האָט אויך אויסגעאַרבעט בוי פּלענער פון די שטעדט, אויף יעדער גאַס וואוינען דרייסיק פאַמיליעס—פופצן אויף איין זייט און פופצן אויף דער צווייטער זייט. יעדע גאַס האָט אַ קאָמיטעט—יעדער קאָמיטעט אַ פירער וואָס רעגירט איבער די דרייסיק פאַ־מיליעס.

די אָפיציעלע רעליגיע איז די קאַטוילישע אָבער עס הערשט אויך רעליגיעזע פרייהייט. טאָמאָס מאָר האָט געזען די נויטן און אומגערעכטע טעות׳ן אין זיין געזעלשאַפט און אויף זיי האָט ער גע־בויט זיין אוטאָפּיע. ער שאַפט ניט אין גאַנצן אָפּ שקלאַפעריי און מלחמה. די רעגירער אין זיין אוטאָפּיע זיינען ניט קיין דעמאָקראַ־טישע.

איין זאַך האָט אים אויסגעפעלט וואָס פּלאַטאָ האָט געהאַט, כאָטש ביי פּלאַטאָן איז עס געווען צו שטרענג און קאָנצענטרירט. דאָס געפיל פון קאָמונאַלן וואוילזיין איז ניט געווען ביי די אוטאָ־פּיסטן. ווייל ערשטנס האָט ער געמאַכט דאָס פאַמיליע לעבן צו וויכטיק. און צווייטנס איז די רעגירונג געווען צו ווייט אַוועק פון די מענטשן. זיי האָבן ניט געפילט קיין פּערזענלאַכע באַציאונג צו איר.

אָבער איין אוטאָפּיסט האָט יאָ געפונען דעם מיטלפּונקט צווישן פּלאַטאָ און מאָר. און דאָס איז געווען קאַמפּאַנעלאָ, אַן איטאַ־ליענער, וואָס האָט געשאַפן אַן אוטאָפּיע „דער שטאָט פון דער זון״.

נאָך עטלאַכע אוטאָפּיעס זיינען געשאַפן געוואָרן אומגעפער אין דער זעלבער צייט פון מאָר—פרענסעס ביקאָנ׳ס „ניו עטלענ־טיס״ וואָס איז געבויט געוואָרן אויף זייער אַ טעכנישן אופן וואו מאַשינען שפּילן די הויפּט ראָלע, און הערינגטאָנ׳ס „אשיאנא״.

אָנהויב ניינצנטן יאָרהונדערט האָבן מיר אַ גאַנצע רייע אוטאָ־פּיעס וואָס זיינען כמעט אַלע געשאַפן געוואָרן פון פראַנצויזן. די סאָציאַלע געשעענישן וואָס האָבן געפירט צו דער פראַנצויזישער

רעוואָלוציע האָבן אויך געבראַכט די שאַפונגען פון נייע סיסטעמען. פוריע, סען סימאָן, באַבעף, קאַבעט—אַלע האָבן זיי געשאַפן נייע געזעלשאַפטן וואָס זיינען דורכאויס בעאיינפלוסט פון פּלאַטאָן, מאָר און קאַמפּאַנעלאַ. זיי האָבן זיך אונטערשיידט פון די פריער־דיקע צוליב דער אַנטוויקלונג פון לעבן וואָס איז פאָרגעקומען צווישן דעם פּופצנטן און דעם ניינצנטן יאָרהונדערט, און האָבן זיך אונ־טערשיידט איינע פון די צווייטע אויך אַ דאַנק דעם וואָס די פּער־זענלאַכקייטן פון זייערע שאַפער זיינען געווען אַזוי פאַרשידן. אָבער קיין איינע פון זיי איז ניט געווען מער פּראַקטיש און רעאַליסטיש פון מאָר'ן וואָס האָט געשריבן מיט פיר הונדערט יאָר פאַר זיי. זייער אומפּראַקטישקייט קומט אפשר פון דעם וואָס ניט איינער פון זיי האָט רעפּרעזענטירט דעם אַרבעטמענטשן. כמעט אַלע זיינען זיי געווען דעקלאַסירטע, אַרויסגעוואָרפענע פון בורזשואַזנעם קלאַס, ווייל זיי האָבן ניט געקענט צוזען די אומאָרדנונג און לײדן פון זייער צייט. עטלעכע אוטאָפּיעס האָבן זיי געפּרואווט פאַרווירקלאַכן אָן דערפאָלג, מיט דער אויסנאַם פון ראָבערט אווען. אויף אים וועלן מיר זיך אָפּשטעלן, ווייל ער האָט געהאַט אַ גרויסע ווירקונג בנוגע רעפאָרמען אין ענגלאַנד און שפּעטער אין אַמעריקע. ער איז דוקא ניט געווען קיין פראַנצויז נאָר אַן ענגלאַנדער. זיין אַרומיקע סביבה איז געווען ענגלאַנד אין דער צייט פון דער אינדוסטריעלער רעוואָ־לוציע ווען די מאַשין האָט פאַרנומען די אַרבעט פון מענטשן און געבראַכט מיט זיך אַרבעטסלאָזיקייט און עקספּלואַטאַציע פון פרויען און קינדער אין די פאַבריקן.

ראָבערט אָווענ'ס פאָטער האָט געהאַט אַ זאַקן פאַבריק און דאָרט האָט זיך ראָבערט אויפגעהאָדעוועט, דערביי זיך גוט באַ־קאַנט מיט דעם לעבן פון די אַרבעטער. שפּעטער האָט ער זיך אַרויפ־געאַרבעט און מיט אַ שותף געקויפט די ניו לענערק וועב מילן וואו ער האָט ענדליך איינגעפירט זיינע רעפאָרמען.

ראָבערט אָווען האָט געגלויבט אַז די מענטשלאַכע נאַטור איז אַ פיינע, נאָר די אַרומיקע אינסטיטוציעס מאַכן איר קאַליע. ער האָט אויך געגלויבט אַז פּראָדוקציע איז פיין נאָר די צעטיילונג איז שלעכט. בלייבט עס אַז די געזעלשאַפט דאַרף שאַפן אַ גוטע, ניט אַ

פאַרקרומטע סאָציאַלע מאָראַלישע און עקאָנאָמישע סביבה. און דאָ ווי די אַנדערע אויטאָפּיסטן האָבן געגלויבט, דאַרף מען עס איינפירן דורך דערציִאונג און קאָרעקטע עקאָנאָמישע אָרגאַניזאַציעס. דאָס האָט ער געפּרואווט טאָן אין זיינע מילן מיט אַ געוויסער מאָס פון דערפאָלג.

זיין דערפאָלג קומט אפשר פון דעם וואָס ער האָט ניט אָנגע־הויבן מיט אַזאַ גרויסן פאָרנעם ווי זיינע קאָלעגן. זיי האָבן גע־וואָלט רעפאָרמירן די גאַנצע מענטשהייט מיט איין מאָל. ראָבערט אָווען האָט אָנגעהויבן מיט קליינע רעפאָרמען. צוערשט האָט ער אויסגעבויט אַ שטעטל לעבן זיינע מילן. ער האָט געמאַכט אַ צען שעה'דיקן אַרבעטס טאָג, האָט איינגעפירט סאַניטאַרע באַדינגונגען אין זיינע פאַבריקן. ער האָט געגעבן קראַנקן בענעפיט און האָט ניט דערלאָזט אַז קינדער אונטער צען יאָר זאָלן אַרבעטן. ער האָט אויפגעבויט קינדערגאָרטנס און גימנאַזיומס און שולן· ער האָט אויסגעקעמפט איבער גאַנץ ענגלאַנד בילדונגס און אַרבעט געזעצ־געבונג. ווי מיר זעען איז אָווען געווען מער רעפאָרמיסט ווי אוטאָ־פּיסט און די אַנדערע אוטאָפּיסטן אין זיין צייט וועלכע מען האָט אויך גערופן רעפאָרמיסטן אוטאָפּיסטן, זיינען געווען מער אוטאָפּיס־טיש געשטימט.

אָבער אַלע האָבן זיי זיך געאייניקט אויף עטלאַכע געדאַנקען. זיי האָבן געוואָלט באַפרייען די גאַנצע מענטשהייט און ניט איין קלאַס וואָס האָט זיך טאַקע געניטיקט אין פרייהייט. זיי זיינען ניט געווען קלאַסן באַוואוסטזיניק און דאָס איז געווען איינע פון זייערע גרעסטע חסרונות. אַלע זיינען זיי געווען פאַר דער אָפּשאַפונג פון פריוואַט אייגנטום. אַלע האָבן געגלויבט אַז די מענטשלאַכע נאַטור איז אַ פיינע נאָר די סביבה און די אינסטיטוציעס דער'הרג'ענען זי. זיי האָבן געגלויבט אין דערציִאונג אַלס מיטל פון אויסבעסערונג. און אַלע ווי איינער האָבן זיי געמאַכט גליק דעם ציל פון לעבן, מיט זייער ווייניק אויסנאַמען, וואָס האָבן געשטעלט גערעכטיקייט הע־כער. נאָר זייערע פּלענער האָבן ניט געקאָנט רעאַליזירט ווערן ווייל זיי האָבן ניט געהאַנדלט מיט דעם מענטשן ווי ער איז אויף דער

וועלט, נאָר ווי זיי האָבן אים זיך פאָרגעשטעלט אין זייערע אויס־געגלייכטע געזעלשאַפטן.

נאָך די רעפאָרמיסטן אוטאָפּיסטן זיינען כמעט ניט געשאַפן געוואָרן קיין אוטאָפּיעס אַ חוץ די גאָר מאָדערנע וו. וועלס׳ „מאָדערן אוטאָפּיע" און בעלאַמי׳ס „לוקינג בעקוואָרדס". אָבער זיי ווערן פאַרלאָרן אין דער היינטיקער פּאַנאָראַמע פון סאָציאַלן איבערבוי וואו די וויסנשאַפטליכע טעאָריעס פון מאַרקס, ספּענסער, און דאַר־ווין פאַרנעמען די גרעסטע פּלעצער.

דער אוטאָפּיסטישער אונטערגאַנג איז געקומען ווייל זיי האָבן זיך ניט באַנוצט מיט אַ דינאַמישער געשיכטס פילאָסאָפיע. ביי זיי איז דאָס לעבן באַטראַכט געוואָרן ווי אַ סטאַטישער ענין דינאַמיש־קייט איז זייער נייטיק אין נייער סאָציאַלער פאַרווירקלאַכונג. זיי האָבן געזען דעם פאָלקאָמענעם שטאַט אַ גאַנצן אַ פאַרטיקן און דעם פּראָצעס פון אַנטוויקלונג האָבן זיי ניט באַגריפן און זיך מיט דעם ניט גערעכנט.

די אוטאָפּיעס זיינען אָבער געווען אַ רייץ און האָבן סטימולירט אַ פיגור ווי קאַרל מאַרקס אויסצואַרבעטן אַ וויסנשאַפטלאַכע טעאָ־רעטישע פּראָגראַם וואָס וועט ענדלאַך פאַרווירקלאַכן ניט אַ אוטאָ־פּיע ווייל אוטאָפּיעס וועלן קיינמאָל ניט זיין (עס וועט עקזעסטירן בלויז אין אונדזערע פאַנטאַזיעס), נאָר אַ פרייע גערעכטע געזעל־שאַפט וואו מענטשן וועלן נישט צופרידן זיין אַז זיי וועלן ניט שטרעבן צו עפּעס העכערס.

מיט אַלע זייערע באַגרענצונגען און חסרונות זיינען די אוטאָ־פּיעס אָבער געווען דער קוואַל פון וואַנען אונדזערע ראַדיקאַלן האָבן געשעפּט מאַטעריאַלן און באַגייסטערונג אויסצואַרבעטן די קאָמו־ניסטישע און סאָציאַליסטישע פילאָזאָפיעס.

זיי זיינען געווען פאַראויס שיינענדיקע ליכט וואָס האָבן געוויזן דעם וועג פאַר סאָציאַלע אַנטוויקלונג און פּראָגרעס. זיי זיינען געווען דער עמוד האש, וואָס האָט געלאָכט, געדרייצט און געצונדן אַ פייער און ליכט אין אונדזערע הערצער. ווען מיר געבן אַ בליק אויף דער גאַנצער געשיכטע זעען מיר אַז זיי פאַרוואַנדלען זיך אין אַ דין באַ־

ליכטיקע שנור וואָס ציט זיך דורך אַלע צייטן און פּעריאָדן. זי איז אַ קלאָרע שנור, אַ ליכטיקע נאָר אַ רויט פּעדימל האָט געדאַרפֿט זיך אַריינפלעכטן אין איר. אַ פּעדעמל וואָס איז פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מעכטיקן שטראָם פֿון מענטשלאַך בלוט אַלס דער פּרייז פֿון מענטשלאַך גליק. ווי ווייט איז נאָך די אמת׳ע אוטאָפּיע, ווי ווייט ביז די אוטאָפּיע וועט ווערן אַ ווירקלאַכקייט? ווער ווייסט? לאָמיר דערווייל נישט איינשטימען מיט ראָבערט אָווען און רייניקן און לייכטערן דעם מענטש און לאָמיר צעהאַמערן די סביבה און דאָן....

●

אונעט ליפּשולץ

סאָציאַלע מאָטיוון אין דער יידישער ליטעראַטור

ווי מיר ווייסן איז די אידישע ליטעראַטור געשאַפֿן געוואָרן פֿון די טיפענישן פֿון פֿאָלק.

דאָס וואָס זיי האָבן געשאַפֿן, קען מען פֿאַרשטיין, זיינען ניט געווען שיינע נאַטור בילדער, אָדער פֿאַנטאַסטישע מעשה׳לאַך, ווייל דאָס האָבן זיי ניט געזען. זיי האָבן געזען די גויט אַרום זיך, די עלנטקייט פֿון אידישן פֿאָלק און זיין לעבן, און דערפֿאַר האָט זיך אַרויסגעוויזן אין זייער פּראָזע און פּאָעזיע דאָס געפֿיל פֿון מיטלייד און אומצופרידנקייט מיט זייער לעבן.

מענדעלע מוכר ספרים, וואָס איז אונדז באַקאַנט אַלס דער זיידע פֿון דער אידישער ליטעראַטור, האָט דוקא ניט אַרויסגעוויזן דירעקטע סימפּאַטיעס צום אידישן פֿאָלק. אָבער, אַ חוץ דעם, וואָס זיינע רייד זיינען געווען ביטערע, האָט דאָס בלויז פֿאַרדעקט זיינע אמת׳ע געפֿילן. ער האָט טאַקע ליב געהאַט זיין פֿאָלק נאָר ער האָט זיך געבייזערט אויף אים. פֿונדעסטוועגן האָט זיין ליבע געשמייכלט דורך די שורות.

אין זיין בוך „פֿישקע דער קרומער", קענען מיר זען ווי ער שילדערט אַז רחמנות, דאָס לעבן פֿון דער אידישער מאַסע. די

וויכטיקסטע זאַך וואָס מענדעלע וויל אַרויסברענגען איז די סביבה, דאָס לעבן פון די אידישע מאַסן. מיר קענען זען, צ. ב., ווי די אָרעמעלייט גייען בעטלען איבער די הייזער. דאָס בעטלעריי ווערט אין גיכן אַ פּראָפעסיע, אַ געשעפט, ווי טויזנטער אַנדערע געשעפטן און ער בייזערט זיך און שטראָפט. אין זיין נאָוועלע, „דאָס קליינע מענטשעלע", ווייזט ער אויך די אָרעמקייט פון די אידישע מאַסן. אָבער דאָרטן, שטעלט ער זיך אויף דער זייט פון די אָרעמע, פאַר־האַסט די רייכע, די „קליינע מענטשעלעד", וואָס דענקען נישט, זעען גאָרנישט ניט, טראַכטן וועגן זיך אַליין — דאָס אייביקע געיעג נאָך געלט. ער ברייגנט אַרוים ווי די סביבה ווירקט אויפן קינד פון אידישן פאָלק. אַלצדינג ווערט פאַרגעסן און דאָס אידישע קינד ווערט אויך פאַרגעסן. די „קליינע מענטשעלאך", וואָס זיינען די איינציקע וואָס קענען העלפן אין דעם קינדס דערציאונג, זיינען צו פאַרנומען, טראַכטנדיק וועגן זיך אַליין. און צוליב דעם ווערן די קינדער פאַרנאַכלעסיקט. צום סוף פאָדערט מענדעלע נייע שולן, לערער, און אויך מענטשן דערצו — לערער וואָס פאַרשטייען און האָבן ליב קינדער. ער פאָדערט אויך אַ שול, וואו די קינדער קענען זיך אויסלערנען פאַרשידענע מלאכות און נישט דאַרפן געצוואונ־גען ווערן דורך נויט און אָרעמקייט, זיך פאַרקערעווען אויף די וועגן פון די בעטלערס, אָדער נאָך ערגער, די „קליינע מענטשעלאך".

אַנדערש אָבער, איז געווען אונדזער צווייטער זיידע — דער זיידע פון דער סאָציאַליסטישער ליטעראַטור — מאָרים ווינטשעווסקי. ס'איז אמת, אַז מענדעלע האָט באַדאַרפט שאַפן די אידישע שפּראַך, אָבער ער האָט געהאט קאָנקרעטן מאַטעריאַל מיט וואָס צו שרייבן. מאָרים ווינטשעווסקי אָבער, האָט געשריבן אין אַ צייט ווען עס איז ניט געווען קיין שטאַרקע אַרבעטער באַוועגונג. די אומצופרידענע אויסדריקן פון די אַרבעטער, זיינען געווען אַזוי שוואַך, אַז מען האָט זיי קוים געקענט באַמערקן. רייכע און אָרעמע מענטשן גלייך, האָבן געטראַכט, אַז אַזוי וויל גאָט, און אַזוי וועט מוזן זיין.

ער האָט אַלעמאָל געטראַכט פון דעם אָרעמען אַרבעטער און האָט געבויט זיינע לידער אויף וואָס ער האָט זיך פאָרגעשטעלט פאַרן אַרבעטער אין דער צוקונפט. אין די פּאָר שורות פון זיינע

לידער, קענען מיר זען ווי אזוי עס ווירקט אויף אים דער צושטאַנד פון דעם אַרבעטער׳ס לאַגע.

לידער פון שטערן און הימלען בײנאַכט
לידער פון הערלאַכקײט אין דער נאַכט
לידער פון גרעזלאַד, קוויטלען, פּראַכט
גײען מײן אויער פאַרבײ אַן אַ שפּור.
לידער געזונגען מיט אַ געוויין
לידער געיאָמערט מיט אַ געזאַנג
לידער פון פאָלקס־לײדן, נאָר די אַלײן
האָבן אַ זין פאַר מיר, האָבן אַ קלאַנג.

דוד עדעלשטאַט, וועלכער איז געבוירן געוואָרן מיט אַ צען יאָר שפּעטער, האָט אויך געשילדערט די נויט און אָרעמקײט פון דעם אַרבעטער.

ער איז אויך ניט געווען קײן זײטיקער אין דעם אַרבעטער קאַמף. ער האָט אָבער געקעמפט דירעקט פאַרן אַרבעטער קלאַס. זײן ציל איז געווען די סאָציאַלע רעוואָלוציע. מיט זײנע לידער האָט ער אַרויסגעבראַכט גרויס באַגײסטערונג צווישן די אידישע אַרבעטער. דאָס קענען מיר זען אין די פאָלגענדע פּאָר שורות פון זײנס אַ ליד.

מיר ווערן געהאַסט און געטריבן
מיר ווערן געפּלאָגט און פאַרפאָלגט
און אַלעם דערפאַר וואָס מיר ליבן
דאָס שמאַכטנדע אַרבעטער פאָלק.

איצט גײען מיר אַריבער צו אײנעם, וואָס איז פאַררעכנט אַלס אײנער פון די גרעסטע דיכטער פון סוף 19טן יאָרהונדערט — מאָריס ראָזענפעלד.

זײן טאַלאַנט, אַלס דיכטער האָט זיך ערשט אָנגעהויבן אַרויס־ווײזן ווען ער אַלײן איז געוואָרן אַן אַרבעטער — אַ שנײדער. ער האָט געשריבן וועגן אַלץ וואָס האָט אים גערעגט — וועגן נאַטור, לידער פון ליבע, און א. וו., אָבער זײנע סאָציאַלע לידער, וואָס זײנען פּאָעטישע אויסדריקן פון זײנע אײגענע איבערלעבונגען, זײנען פאַררעכנט אַלס די פײנסטע און שטאַרקסטע.

ער האָט זייער געליטן איבער דעם, וואָס דער ארבעטער האָט באַדאַרפט האָרעווען פון פאַרטאָג ביז שפּעט ביינאַכט, ווערן פאַר־שוואַרצט ביי דער ארבעט און דאָך ניט האָבן וואָס צו עסן. אָט דאָס געפיל דריקט ער אויס אין צוויי קליינע לידער — „דער בלייכער אָפּערייטאָר״, און „דער אַלטער שניידער״.

אין דעם ערשטן שטעלט ער פאָר ווי דער בלייכער אָפּערייטאָר זיצט און האָרעוועט ביי דער מאַשין, און עס פאַלן טראָפּנס שווייס אויף זיין אַרבעט, און ער פרעגט:

איך בעט אייך, ווי לאַנג וועט נאָך יאָגן
דער בלייכער, די בלוטיקע ראָד?
אָ, ווער קען זיין ענדע מיר זאָגן
ווער וייס יענעם שרעקלאכן סוד?

אין דעם צווייטן, דערציילט ער אונדז וועגן אַ אַלטן שניידער וואָס האָט כמעט ביי יעדן גרויסן מייסטער געאַרבעט און האָט פאָרט ניט קיין געלט און אפילו ניט וואָס צו עסן. ער איז די מייסטערס דוקא געפעלן, ווייל ער שווייגט, ער פּראָטעסטירט ניט. נאָר די יונגע אַרבעטער קוקן מיט רחמנות אויף זיין געבויגענעם רוקן און קראַנקען פּנים:

און זיי זעען שוין דעם שוואַרצן ציגל
פאַר זיין ערלאַכקייט די שטראָף
זיי זען, פּונקט ווי אין אַ שפּיגל
אין דעם אַלטן זייער סוף.

יוסף באָושאָווער איז באַוואוסט אַלס אַרבעטער און אויך רעוואָלוציאָנערער דיכטער. זיין גאַנץ לעבן איז געווען פאַרבונדן מיט דעם אַרבעטער קאַמף. איין זאַך, אָבער, איז געווען אינטערע־סאַנט צו זען אין זיינע לידער — דאָס איז זיין אָפּטימיזם. ער האָט אַלע מאָל געהאַט האָפנונג, סיי אין זיינע נאַטור שילדערונגען, און סיי אין זיינע אַרבעטער לידער. דאָס קענען מיר זען צ. ב. אין די פאָלגענדע שורות פון זיין ליד, „פרייהייטס ליד״.

נאָך ביינקט די וועלט נאָך פרייהייטס זיסן פרידן
נאָך לעבט די צוקונפט אין דעם שקלאַפנס ברוסט
דער וועלט אורטייל איז פאַר איר אַנטשידן

עס שטרעבט דער מענטש צו איר אין לעבנס־לוסט
נאָך האָט דער ארבעטער זיין זעלבסט־באוואוסטזיין
נאָך איז דער מענטשן פונק אין אים ניט טויט.

אברהם רייזען איז אויך באוואוסט ביים פאָלק אלס ארבעטער דיכטער. דאָס אָרעמע לעבן, די נויט און פארביטערטקייט פון דעם אידישן פאָלק, האָט זיך איינגעגעסן אין זיין נשמה און האָט אים באווירקט אויף זיין גאַנצן לעבן. ער האָט געזען ווי אָרעמקייט איז געוואָרן אַ געוויינטלאַכע זאַך אין דעם לעבן פון אידישן פאָלק. די אידייע דריקט ער אויס אין איינע פון זיינע קליינע לידער, „ווי קום איך?" דאָ רעדט ער אין נאָמען פון יידישן כלל און ער פרעגט: „ווי קום איך צו זינגען, ווען מיין לעבן איז אַזוי עלנט און פאַר־ביטערט?" ער האָט אַלעמאָל גערעדט צום פאָלק אין זיין אייגענער שפּראַך און דערפאַר איז ער אַנערקענט אלס דער דיכטער פון דעם אידישן פאָלק.

ער האָט באַטראַכט דעם ארבעטער'ס לאַגע און האָט צוגעגעבן אַז זי איז אַ שלעכטע. אָבער אַלץ וואָס ער האָט געטאָן וועגן דעם איז געוויזן אונדז זיין מיטלייד. ער גיט צו אַז מיר זיינען שוואַך, אָבער ער שטעלט זיך ניט העכער פון אונדז, נאָר ער רעדט פאַר אונדז, מיט אונדז, אין אונדזער נאָמען, ווי מיר זעען אין זיין ליד „מיר קבצנים".

אַז מיר ריידן, לאָזן מיר אַראָפּ דעם קאָפּ
און די ווערטער, שטיל, געוואוינגענע,
ווי עס פּאַסט פאַר קבצנים.

ער האָט זיך אוועקגעגעבן צום פאָלק. דאָס איז געווען די איינציקע זאַך, האָט ער געזאָגט, וואָס ער האָט געקענט טאָן אַרויס־צוווייזן זיין ליבע צו איר און ער איז געווען גליקלאַך דאָס צו טאָן. דאָס זאָגט ער אונדז אין די פאָלגנדע פאַר שורות פון זיינס אַ ליד:

איך האָב מיר אַ שבועה געגעבן
ניט וועלן קיין גליק און קיין פרייד
נאָר שענקען און ווידמענען מיין לעבן.
דעם מענטשלאַכן עלנט און נויט.

און איצט קומען מיר צום באַליבטן פאָלקס שרייבער — שלום עליכם.

שלום עליכם איז געווען זייער נאָענט צום יידישן פאָלק. ער האָט געשילדערט דאָס לעבן פון די פאָלקס מאַסן מיט גרויס ליבע. ס'איז אמת אז ער האָט געלאַכט פון אים, אָבער זיין געלעכטער איז געווען אַ שפּילעוודיקער. דורך זיין געלעכטער קען מען זען ווי טרויעריק עס איז געווען די לאַגע פון די פאָלקס מענטשן. נעמט צ. ב. זיין באַוואוסטן טיפּ, מנחם מענדל — עס לאַכט זיך אונדז טאַקע, ווען מיר זעען ווי ער לויפט, פליט ארום איבער די שטעט זוכן פּרנסות, אָבער פאַרוואָס איז ער אַזוי ארומגעפאָרן? דערפאַר ווייל ער האָט ניט געקענט פאַרדינען אין זיין אייגענעם שטעדטל — עס האָט אים געפעלט פעסטער באָדן, אַ עקאָנאָמישע באַזע.

אין זיין בוך „מאָטל פּייסי דעם חזן'ס" אַ חוץ דעם וואָס ער שילדערט דאָס חדר אינגל וואָס פאַרלירט זיין גאַנצע יוגנט אין די חדרים, אַ חוץ דעם, זעען מיר די אָרעמקייט און עלנט פון זיין פאַמיליע. ניט אומזיסט נעמט זיך אליהו צו די אַלע געשעפטן פון טינט און קוואַס און שעמעריצי — און, ווי דעם אָרעמאַן איז באַשערט, גייען ניט די געשעפטן.

צוליב די סיבות זיינען זיי געפאָרן קיין אַמעריקע — ניט נאָר זיינען ז י י געפאָרן — נאָר אַנדערע זיינען אויך געפאָרן צוליב די זעלבע סיבות. דאָ קענען מיר זען ווי שלום עליכם ברענגט ארויס די אורזאַכן פון עמיגראַציע קיין אַמעריקע. און אַז זיי זיינען שוין געקומען אין אַמעריקע, קען מען זען פון דעם שרייבערס שילדערן די לאַגע וואָס איז געשטאַנען פאַר די אריבערגעקומענע מאַסן. און אַזוי פאַרשטייען מיר איצט, אַז אין זיינע הומאָריסטישע באַשרייבונגען פון דעם אידישן פאָלק איז געלעגן אַ וויכטיקער מאָטיוו.

דאָס זעלביקע ווערן מיר אויך געוואָר פון פּרץ'ס שריפטן. פּרץ האָט אָבער, ניט נאָר באַוויזן די נויט און די שרעקלאַכע לאַגע פון דעם אַרבעטער. ער האָט אים פאַרגעשטעלט אַלס אַ מענטש מיט כאַראַקטער. ער האָט אים אַוועקגעזעצט אויבנאָן, לעבן גאָט — ער האָט אים באַשיינט.

אין זיין דערציילונג „זיבן גוטע יאָר" זען מיר ווי טוביה און זיין ווייב זיינען באַגליקט מיט זיבן גוטע יאָר. אַלצדינג האָבן זיי — און גאָלד וויפיל נאָר זיי ווילן. זיי רירן זיך אָבער ניט צו צו זייער גרויסן אוצר ווייל זיי האָבן דערויף ניט געאַרבעט. רייכטום, וואָס קומט אָן אַזוי גרינג, גלויבט שרה, טוביה'ס ווייב, גיט גאָט בלויז פאַר אָרעמע מענטשנ'ס וועגן. זי האָט גענוצט זיין גאָלד פאַר שכר לימוד. די תורה איז גאָט'ס תורה, און פאַר אַ גאָט זאַך, מעג מען באַצאָלן מיט זיין גאָלד, אָבער מער גאָרנישט ניט. און פאַר זייער אָרנטלאַכקייט, וואָס זיי האָבן באַוויזן, בענטשט זיי גאָט מיט אייביקע גוטע יאָר.

אין זיין באַוואוסט ליד „די צוויי ברידער" ברענגט ער אַרויס אין פּאָעטישער פאָרם דעם גאַנצן קלאַסן קאַמף. ער באַ־ווייזט אונדז דעם הינטער גרונד פון דעם קלאַסן קאַמף.

פּרץ האָט אויך געשילדערט די עקספּלואַטאַציע פון די אידישע בחורים און מיידלאַך מיטן אָנקומען פון אינדוסטריאַליזם. — צ. ב. זיין ליד „די דריי נייטאָרינס", אָדער „ביים פרעמדן חופּה־קלייד". אין זיין דראַמע, „ביי דעם פרעמדן חופּה־קלייד", זען מיר ווי די מאָדיסטקעס זיצן איינגעבויגן און נייען. זיי זיינען דאַר און בלייך פון מידקייט און שווערע אַרבעט. טרערן רינען אַראָפּ אויף דעם חופּה־קלייד און די ערשטע מאָדיסטקע פרעגט, ווען וועט זי שוין קענען אַוועקלעגן איר אַרבעט און זיך קענען אָפּרוען אַביסל. דער כאָר ענפערט איר אַז אין אַ שטילער גאַס איז פאַראַן אַ שטיבעלע וואו ער גייט זיך אָפּרוען אויף אייביק. דאָן קומען פאַר געשפּרעכן וואו פּרץ באַווייזט אונדז זיין באַציאונג צו די ליידן און קאַמפן פון אַרבעטער קלאַס.

פּרץ האָט אויך אין זיינע חסיד'ישע און פאָלקסטימלאַכע געשיכטעס געפּרואווט באַוויזן די נשמה פון דעם יידן הינטער דער פאַרשמאַלצענער קאַפּאָטע. ער האָט דערהויבן און באַלויכטן דעם יידן.

פּרץ האָט אונדז געלערנט אין זיינע שאַפונגען צו שטרעבן פאַר די בעסטע און העכסטע אידעאַלן פון לעבן.

אונדזערע שפּעטערע שריפטשטעלער, ווי אַש, לייוויק, אָפּאַטאָשו, האַלפּערין, און צענדליקע אַנדערע זיינען געראַנגט געוואָרן פון דעם לעבן אַרום, און מיט זייער טאַלאַנט האָבן זיי באַלויכטן איין בילד נאָכן אַנדערן. זיי האָבן דאָס טרויעריקע לעבן געמאַכט העלער, ליכטיקער. זיי האָבן די אָרעמעלייט תיקון געגעבן. זיי האָבן אונדז גייסט און שיינקייט געגעבן.

אונדזערע שרייבער האָבן זיך קיינמאָל ניט געשפּילט. זיי האָבן מיטגעליטן און געשאַפן. פון די ערשטע נביאים ביז דעם יונגסטן יידישן דיכטער, לעבט און ליטערט זיך דער יידישער שאַפונגס גייסט אין דעם לעבן און ליידן פון די פאָלקס מאַסן. די ליטעראַטור איז אונדזער וועג ווייזער, פירער, און אפשר אויך דערלייזער

●

שלום פּאַסטל

יידישיסטישע באַוועגונג

די יידישיסטישע באַוועגונג איז זייער אַ יונגע, בלויז אומגע־פער 35 אָדער 40 יאָר אַלט. עס איז אָבער וויכטיק אַז ווען מיר רעדן וועגן דעם קאַמף פאַר דער יידישער שפּראַך, זאָלן מיר אָנ־רירן די פריערדיקע וויכטיקע פּאַסירונגען און אינצידענטן וועלכע האָבן געווירקט אויף דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער שפּראַך.

יידיש האָט עקזיסטירט אַלס אַ נישט קריסטאַליזירטער דייטש־ישער דיאַלעקט פאַר עטלאַכע הונדערט יאָר. עס איז די נאַטור פון מענטשן אַז זיי זאָלן זיך נישט קענען לייכט צופּאַסן צו דעם וואָס איז פאַר זיי פרעמד. דאָס איז אמת אין וויסנשאַפט, און אויך בנוגע שפּראַך. דערפאַר האָט עס גענומען אַ לענגערע צייט איידער דאָס פאָלק האָט אָנגעפאַנגען זיך אויסלעבן אין דער יידישער שפּראַך. אין אַנדערע ווערטער, יידיש איז געווען אַ דינסטמיידל און באַלעגאָלע שפּראַך. די אינטעליגענץ, וואָס איז דער וויכטיקסטער

עלעמענט וואָס האָלט אויף די פאָלקס קולטור, האָט טאַקע אַזוי געקוקט אויף יידיש און האָט גערעדט און געשריבן אין דער לאַנד שפּראַך אָדער אין העברעאיש. דער בליק אויף יידיש האָט עקזיס־טירט אַ שיינע פּאָר יאָר, ביז דער צייט פון אונדזערע גרויסע קלאַ־סיקער.

דער ערשטער קלאַסיקער וואָס מיר ווילן דערמאָנען אין באַצוג צו דער אַנטוויקלונג פון יידיש איז, געוויינטלאַך, דער זיידע פון דער יידישער ליטעראַטור, מענדעלע מוכר ספרים.

מענדעלע, ווי איר ווייסט, האָט צוערשט געשריבן אונטער דעם איינפלוס פון גאַטלאַבער, אויך אַ שרייבער, געוויינטלאַך אין העברעאיש. מענדעלע האָט אָבער באַלד אַזוי געטראַכט: „פאַר וועמען שרייב איך? ווער לייענט מיינע ווערק?" און ער האָט באַשלאָסן אַז ער מוז שרייבן אין דער שפּראַך וואָס ווערט גערעדט פון די ברייטע מאַסן כדי ער זאָל זיי קאָנען דערגרייכן. אַזוי האָט ער אָנגעהויבן שרייבן אין יידיש.

פון אונדזערע אַלע קלאַסיקער איז מענדעלע דער וועלכער גיט זיך אָפּ אַמערסטן מיט שפּראַך, מיט סטיליסטיק. ער באַרייכערט די שפּראַך. מענדעלע האָט דורכגעבראָכן די ערשטע אייזערנע וואַנט און האָט אויסגעטראָטן דעם וועג פאַר די שפּעטערדיקע שרייבער. ווען מענדעלע האָט אָנגעפאַנגען שרייבן איז כמעט ווי נישט געווען קיין שפּראַך פראַגע. אָבער נאָכדעם ווי מענדעלע האָט באַרייכערט אונדזער ליטעראַטור מיט עטלאַכע וויכטיקע ווערק האָט יידיש אָנגעהויבן שפּילן אַ באַדייטנדיקע ראָלע, און עס האָט זיך אָנגעהויבן דער קאַמף, וועלכע שפּראַך זאָל זיין די נאַציאָנאַלע, יידיש צי העברעאיש ?

אין דער צייט איז גערופן געוואָרן אַ שפּראַך קאָנפערענץ אין טשערנאָוויץ. באַ דער קאָנפערענץ זענען געווען דר. חיים זשיט־לאָווסקי, אברהם רייזין, פּרץ און אַנדערע. די קאָנפערענץ איז גע־רופן געוואָרן צו באַהאַנדלען דעם ענין־שפּראַך. איינע פון די הויפּט פראַגן איז געווען: זאָל יידיש זיין די נאַציאָנאַלע שפּראַך אָדער זאָל יידיש זיין אַ נאַציאָנאַלע שפּראַך. צום סוף פון דער קאָנפע־רענץ אין 1909 איז באַשלאָסן געוואָרן אַז יידיש זאָל בלייבן אַ

נאַציאָנאַלע שפּראַך, צוליב דעם וואָס העברעאיש האָט נאָך געשפּילט אַ גרויסע ראָלע בײַ דער אינטעליגענץ. נאָך דער קאָנפערענץ איז די זעלבע פראַגע אַ לאַנגע צייט דיסקוסירט געוואָרן און ווערט נאָך היינט צו טאָג דעבאַטירט. עס האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ גרויסער קאַמף צווישן די אָנהענגער פון העברעאיש און די אָנהענגער פון יידיש, וועלכע זיינען באמת די גרינדער פון דער יידישיסטישער באַוועגונג אונטער דער פירערשאַפט פון דר. חיים זשיטלאָווסקי. אַ קורצע אָפּשאַצונג פון זשיטלאָווסקי'ס וויכטיקסטע פרינציפּן איז אין פּלאַץ.

קולטור פילאָזאָפישער אידעאַליזם און אַלע פראַגן פון וועלט און לעבן, רעוואָלוציאָנערער סאָציאַליזם און אַלע פראַגן פון געזעשאַפטלאַכן לעבן, יידיש, נאַציאָנאַלע ווידער באַלעבונג אין גלות; אויף יסודות פון דעם פרייען קולטור מענטש. אין דער וועלט פון אַלגעמיינע אידעען און איבערהויפּט אין דער יידישער וועלט וואָלטן מיר געקאָנט צוזאַמענשטעלן אַ לענגערע ליסטע פון זשיטלאָווסקי'ס טעטיקייט אויף אַלע געביטן. אין אונדזער ליסטע פון זיינע אויפטואונגען וואָלטן מיר אָריינגערעכנט: באַרייכערונג פון דער יידישער שפּראַך און הויכע אַנטוויקלונג פון דער יידישער רעדנער קונסט און ליטעראַטור. דאָס איז דער פונדאַמענט פון דער יידישיסטישער פּאַרטיי.

פאַר זשיטלאָווסקין איז יידיש בלויז גענוצט געוואָרן אין דער בעלעטריסטיק צוליב דעם וואָס יידיש איז נאָך געווען אין חרם. זשיטלאָווסקי האָט גלייכצייטיק אויסגעטראָטן דעם וועג צו שרייבן וועגן העברעע ענינים, וועגן וויסנשאַפט און פילאָזאָפיע אין יידיש.

ווי איך האָב געזאָגט, איז פאָרגעקומען אַ גרויסער קאַמף צווישן דעם יידישיסטישן צד, געפירט פון זשיטלאָווסקין, און דעם העברייאיסטישן צד. דערפאַר וויל איך איצט געבן אַ קורצן איבערבליק וועגן דעם ענין, לויט ווי זישטלאָווסקי זעט דאָס.

ביידע צדדים, דער יידישיסטישער און העברייאיסטישער, שטימען איין אַז די שפּראַך פון דעם יידישן פאָלק דאַרף זיין די שפּראַך וואָס זאָל קענען באַקעמפן אַסימילאַציע און אויפהויבן דעם קולטור מצב פון די יידן אין די גלות לענדער, אַ שפּראַך וואָס זאָל

אונטערשטרייכן נאַציאָנאַלע זעלבסטשטענדיקייט. דערפאַר וועלן מיר זיך ווענדן צו יידיש אַלס די יידישע נאַציאָנאַלע שפּראַך.

די ערשטע טענה קעגן די יידישיסטן איז אַז יידיש בכלל איז נישט קיין שפּראַך מיט וועלכע מען קען זיך רעכענען. יידיש איז אַ „זשאַרגאָן", יידיש איז נישט אַ „כשרה שפּראַך". דער פּשוט'ער ענטפער פונם יידישיסט איז: „וואָס איז דאָס פאַר אַ שאַנדע ? ; יעדע שפּראַך דאַרף דורכגיין אַזאַ פּראָצעס און זיך קריסטאַליזירן. אויב אַלץ ווערט געבאָרן מיט אַמאָל, פאַרוואָס קאָן נישט אַ זעקס יאָריק קינד זיך אָוועקשטעלן און האַלטן אַ רעדע וועגן פילאָזאָפיע? דער אמת איז אַז אַלע שפּראַכן שפּראָצן אַרויס פון צוויי אָדער דריי פאַרשוואונדענע לשונות. סלאַוויש, גריכיש, און אפילו לאַטיין, וועלכע מיר פאַררעכענען אַלס אַ גרונטלאַכע שפּראַך, שטאַמען פון אַן אינדאָ־גערמאַנישער שפּראַך. אַראַביש, סיריש און העברייאיש—פון אַן אור סעמיטישער שפּראַך. דער פּראָצעס פון קריסטאַליזאַציע איז אַזוי ווי אַ קאַמף צווישן פאַרשיידענע דיאַלעקטן וועלכע זוכן די אויבערמאַכט, איינער געווינט און דאָמינירט.

זיי זאָגן אויך, די קעגנער פון יידיש, אַז „יידיש פאַרמאָגט נישט קיין גראַמאַטיק". פאַקטיש איז נישטאָ אַזאַ זאַך ווי אַ שפּראַך אָן אַ גראַמאַטיק, ווייל יעדער זאַץ האָט געוויסע כללים ווי אים צו בויען. צי זאָגן „שול אין אינגל באַלד גיין דער וועט" צי „דער אינגל וועט באַלד גיין אין שול", איז באַשטימט פון געוויסע כללים און רעד אַרטן.

דערווייל קאָנען מיר דערמאָנען ווי מען הערט אַ סך מאָל: „יידיש איז אַ מיאוס קלינגענדע שפּראַך", אַז ענגליש און פראַנ־צויזיש זיינען שענער. שאָפּענהויער וועלכער איז געווען אַ גרויסער שפּראַכן קענער, זאָגט אַז „פראַנצויזיש מיט אירע העסלאַכע נאָז־קלאַנגען איז דער שלימאַזלדיקסטער זשאַרגאָן, אַ שרעקלאַכע פאַר־הויקערונג פון לאַטיין". העגריך היינע זאָגט אַף ענגליש, אונד־זער לאַנד שפּראַך, אַז „די ענגלענדער שלינגען אַריין אַ פּאָר טוץ ווערטער אין מויל, צעקייען זיי, און שפּייען זיי אַרויס". דערפאַר זעען מיר אַז דער ענין קלאַנג ווענדט זיך אַן דעם וואָס רעדט די שפּראַך און אַן דעם וואָס הערט זיך צו.

נאָך אַ טענה איז אַז יידיש באַלאַנגט נישט צו יידן און דער־פאַר וועט עס לאַנג ניט עקזיסטירן, אַז יידיש באַלאַנגט צו אַן אַלט גערמאַנישן שבט, און אַזוי ווי זי איז פרעמד וועלן יידן זי אוועק־שטויסן פון זיך אַזוי ווי זיי האָבן געטאָן מיט אַנדערע פרעמדע שפּראַכן. דער יידישיסט זאָגט אַז יידיש איז זיין שפּראַך צוליב דעם וואָס ער האָט דאָס איבערגענומען פון זיין זיידן. ווייטער זאָגט ער אַז יידן היינט צו טאָג ווייסן אַז קיין אַנדער פאָלק אין דער וועלט רעדט נישט זייער שפּראַך בשעת יידן וועלכע האָבן גערעדט די שפּראַכן וואָס זיי האָבן שפּעטער פון זיך אָפּגעשטויסן, סיריש, אַראַמיאיש און אַראַביש, האָבן געוואוסט אַז זיי רעדן אַ שפּראַך וואָס באַלאַנגט צו די סיריער, די אַראַמייער אָדער די אַראַבער.

אין פריערדיקע יאָרן האָט רעליגיע געשפּילט אַ גרויסע ראָלע באַ די יידישע פאָלקס מאַסן. זיי האָבן געבויט זייער האָפנונג אין דעם קאַמף פאַר עקזיסטענץ אויף זייער רעליגיע. איצט אָבער, אַז דער עלעמענט פון רעליגיע איז געוואָרן שוואַכער, מוזן די קולטור כוחות, די יידישע שפּראַך, די יידישע ליטעראַטור, שפּילן די ראָלע וואָס רעליגיע האָט געשפּילט אַמאָל, אַלס קעגן גיפט צו דער פאַר־שווינדונג פון דעם יידישן פאָלק אין גלות.

אַזוי אַרום זאָגט דער יידישיסט, קאָן זיך יידיש דערהויבן צו דער מדרגה פון ד ע ר יידישער נאַציאָנאַלער שפּראַך.

זינט דער גרינדונג פון דער יידישיסטישער באַוועגונג זיינען אויסגעוואַקסן אַ צאָל אינסטיטוציעס וועלכע זיינען אַ רעזולטאַט פון דער אַרבעט פון דעם יידישיסטישן צד. איינע פון די גאָר וויכ־טיקע איז דער יידיש וויסנשאַפטלאַכער אינסטיטוט אין פּוילן, וואו עס ווערן געזאַמלט אַלע יידישע ביכער, דאָס הייסט, אַלע ביכער אין יידיש אָדער העברעאיש, אָדער די וועלכע האָבן אַ שייכות מיט יידישע ענינים. לעצטנס זיינען אויך אַרויסגעגעבן גע־וואָרן די ערשטע צוויי, איצטער דריי, בענדער פון דער אַלגעמיינער ענציקלאָפּעדיע אין יידיש.

אָבער דער גרעסטער אויפטו פון דער יידישיסטישער באַווע־גונג איז דער אויפבוי פון די יידישע וועלטלאַכע שולן וועלכע גע־

פינען זיך איבער דער גאַנצער וועלט. צי דאָס איז די אַרבעטער רינג שול, צי די שלום עליכם שול, צי די פאַרבאַנד שול, איז דאָס אַן אינסטיטוציע וואָס איז אַרויסגעוואַקסן דורך דעם ביטערן קאַמף פון יידיש, פון דער באַוועגונג. עס איז אין אַט די פּראָגרעסיווע וועלטלאַכע שולן וואו דאָס יידישע קינד, דער נייער דור, ווערט דערצויגן אויף אַ פּראָגרעסיוון יידישן אופן, אין אַ יידישער אַטמאָ־ספּערע, אין יידיש.

דער קאַמף פאַר יידיש גייט נאָך אַן, פּונקט ווי דער יידישער קאַמף גייט אַן. מיט יידיש אַליין שווערד וועלן מיר לייכטער באַזיגן אונדזערע שונאים.

●

דניאל פרידמאן

דער בונד

די וויכטיקסטע פּאַסירונג אין לעבן פון דער יידישער אַרבעטער באַוועגונג איז 1897 איז געווען די גרינדונג פון „אַלגעמיינעם יידישן אַרבעטער בונד אין רוסלאַנד, פּוילן און ליטע", וועלכער איז באַלד באַוואוסט געוואָרען אין דער גאַנצער וועלט אונטער'ן נאָמען „בונד".

דער ערשטער צוזאַמענפאָר פון „בונד" איז פאָרגעקומען אין ווילנע אין סעפּטעמבער.

נאָך אויף דער פינסקער קאָנפערענץ פון די סאָציאַל־דעמאָ־קראַטישע אָרגאַניזאַציעס איז אַרומגערעדט געוואָרן די פראַגע וועגן אַ פאַריין פון די יידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אָרגאַני־זאַציעס פון פאַרשיידענע שטעט. עס האָט אָבער גענומען אַ פּאָר יאָר איידער דער פּלאַן פון אַ פאַריין איז פאַרווירקלאַכט געוואָרן. מעגלאַך, אַז עס וואָלט גענומען נאָך אַ לענגערע צייט אָבער אַזוי ווי אין די רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע קרייזן האָט מען שוין גערעדט וועגן אַן אַלגעמיין רוסלענדישן סאָציאַל־דעמאָקראַטישן צוזאַמענפאָר, האָבן זיך די פאַרשיידענע יידישע סאָציאַל־דעמאָקראַ־טישע אָרגאַניזאַציעס אונטערגעאײַלט, כדי אויפ'ן צוזאַמענפאָר צו זיין פאַרטראָטן פון אַ שטאַרקן, גרויסן פאַרבאַנד.

אין סעפּטעמבער 1897 איז פֿאַרגעקומען דער צוזאַמענפֿאָר, וועלכער האָט געשאַפֿן דעם „בונד". אויפֿ'ן צוזאַמענפֿאָר זיינען געווען די פֿאָרטרעטער פֿון פֿאַרשיידענע שטעט און פֿון די רעדאַקציעס פֿון דער „אַרבעטער שטימע" און פֿון „יידישן אַרבעטער", ביידע סאָציאַל דעמאָקראַטישע ציימונגען וואָס זיינען געגרינדעט געוואָרן אין 1891.

איך וועל נעמען די ווערטער פֿון איינעם פֿון די דעלעגאַטן, דזשאָן מילל, ווי אַזוי דער פּלאַץ וואו זיי זיינען זיך צונויפֿגעקומען האָט אויסגעקוקט: „נישט ווייט פֿון טייך, אויף לוקישעק אין ווילנע; אין אַ שטיל פֿאַרוואָרפֿן געסל, אין אַ קליינעם הילצערנעם הייזל, אויף אַ שאַלקע—האָבן זיך פֿאַרזיכטיק, באַהאַלטענערהייט פֿאַרזאַמלט אַלע דעלעגאַטן פֿון די גרעסטע דעמאָלט עקזיסטירנדע יידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס. דאָס צימערל איז געווען קליין. אַ בעטל אין איין ווינקל, אַ קאַרב אין צווייטן, אַ פּראָסטער נישט צוגעדעקטער טיש אין מיטן. עטלעכע שטולן. זיי האָבן נישט געקלעקט פֿאַר אַלעמען און אייניגע דעלעגאַטן האָבן געמוזט שטיין.

אָט דאָ אין דעם צימערל איז אין אַ משך פֿון דריי טעג — פֿון 8טן ביזן 10טן אָקטאָבער—אָפּגעהאַלטן געוואָרן דער ערשטער צוזאַמענפֿאָר פֿון „בונד"! דאָ איז דער „בונד" געבאָרן געוואָרן. דאָ איז אַוועקגעלייגט געוואָרן אַ געזונטער פֿונדאַמענט פֿאַר איינע פֿון די גרעסטע, בעסטאָרגאַניזירטע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען אין רוסלאַנד און אין פּוילן; פֿאַר אַ פּאַרטיי, וועמעס פּראָגראַם־אויסגעהאַלטנקייט, דיסציפּלין, אָרגאַניזירטקייט האָבן געדינט אַ לאַנגע צייט פֿאַר אַ מוסטער פֿאַר אַנדערע פּאַרטייען.

דער הויפּט־ציל—מען קען זאָגן דער איינציגער ציל פֿון דעם צוזאַמענפֿאָר איז געווען: גרינדן אַ פּאַרטיי פֿון יידישן פּראָלעטאַריאַט. דער צוזאַמענפֿאָר האָט אָנגענומען אַזאַ פּלאַן:

1) אין יעדן פֿאַד, וואו עס איז מעגלאַד, זאָלן געגרינדעט ווערן קאַסעס.

2) די אַרבעט אין יעדער שטאָט ווערט געפֿירט פֿון אַ קאָמיטעט.

3) די אַלגעמיינע קאָנטראָל איבער דער אַרבעט אין פאַרשיי־דענע שטעט געפינט זיך אין די הענט פון אַ צענטראַל קאָמיטעט.

4) די העכסטע אינסטאַנץ פון „בונד" זאָל זיין דער צוזאַ־מענפאָר.

אין הערץ פון 1898 איז אין מינסק פאָרגעקומען דער ערש־טער צוזאַמענפאָר פון דער רוסלענדישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פאַרטיי. אויפן צוזאַמענפאָר איז דער „בונד" געווען פאַרטראָטן פון דריי דעלעגאַטן. איינער פון די דעלעגאַטן, אַלעקסאַנדער קרעמער, איז ערווײלט געוואָרן אין צענטראַל קאָמיטעט פון דער פאַרטיי.

די נייע פאַרטיי האָט אָנערקענט דעם „בונד" אַלס אַן אויטאָ־נאָמישן טייל. דאָס הייסט, זי האָט דערלויבט אַז דער „בונד" זאָל האָבן אַ זעלבסטפאַרוואַלטונג, אַן אייגענע אָרגאַניזאַציע, וועלכע זאָל אָנפירן די אַרבעט צווישן די יידישע אַרבעטער.

די דעלעגאַטן צום צוזאַמענפאָר פון דער רוסלענדער סאָצ. דעמ. אַרבעטער פאַרטיי האָבן פאַרשלעפט מיט זיך שפּיאָנען. וואָרים באַלד נאָך דעם האָבן זיך אָנגעפאַנגען מאַסן אַרעסטן און הויז־זוכונגען אין אַ רייע יידישע שטעט, וואו דער „בונד" האָט אָנגע־פירט זיין אַרבעט. צווישן די אַרעסטירטע זיינען געווען אַלעקסאַנ־דער קרעמער און לאַנגזאַם מיכל קאַפּלינסקי), אויך מאַניאַ וויל־בושעוויטש פון מינסק און אַנדערע.

אין סעפּטעמבער איז אין קאָוונע פאָרגעקומען דער צווייטער און אין דעצעמבער 1899 דער דריטער צוזאַמענפאָר פון „בונד". ביז'ן דריטן צוזאַמענפאָר האָט די טעטיקייט פון „בונד" הויפּט־זעכליך געטראָגן אַן עקאָנאָמישן כאַראַקטער. די קאַסע איז געווען **דער רוקן־ביין פון יעדער אָרגאַניזאַציע.**

ביסלאַכווייז אָבער ווערט די קאַסע אַז איר הויפּט ראָלע. די הויפּט ראָלע הויבט אָן צו שפּילן די פּאָליטישע אָרגאַניזאַציע פון די אַנטוויקלטע אַרבעטער.

איך וועל אין קורצן איבערגעבן דעם אינהאַלט פון די רעזאָ־לוציעס וואָס דער דריטער צוזאַמענפאָר פון „בונד" האָט אָנגענומען. וועגן דעם עקאָנאָמישן קאַמף האָט דער צוזאַמענפאָר געפאַסט

א רעזאָלוציע, אַז ער איז העכסט וויכטיג דערפאַר וואָס ער דינט אַלס אַ מיטל צו פאַרבעסערן די לאַגע פון די אַרבעטער.

וועגן ערשטן מאַי איז געפּאַסט געוואָרן אַ רעזאָלוציע, דאָס אין די ערשטע מאַי פּראָקלאַמאַציעס זאָל אויסער די פאָדערונג פון אַן 8־שטונדיקן אַרבעטס טאָג אַרויסגעשטעלט ווערן אויך די פאָדערונג פון יידישער גלייכבאַרעכטיקונג.

אויך איז אויף דעם דירטן צוזאַמענפאָר אויפגעהויבן געוואָרן די פראַגע וועגן אַ נאַציאָנאַלער פּראָגראַם פאַר'ן „בונד". אייניקע דעלעגאַטן האָבן אַנגעוויזן אַז דער „בונד" זאָל פאָדערן גלייכע נאַציאָנאַלע רעכט, די אַנערקענונג פון יידיש אַלס שפּראַך אין די געריכטן.

דער צוזאַמענפאָר האָט זיך געאייניקט אויף די פאָלגענדע רעזאָלוציעס: 1) דער „בונד" באַשעפטיקט זיך מיט דער פאָדערונג פון בלויז בירגערליכע רעכט· 2) אַז מען זאָל עפענען אין דעם „יידישער אַרבעטער" אַ דיסקוסיע איבער דער פראַגע פון נאַציאָנאַליזם.

עס זיינען שוין דאַן געווען בונדיסטישע קאָמיטעטן כמעט אין אַלע גרויסע שטעט ווי ווילנע, וואַרשע, מינסק, לאָדז, ברעסט־ליטאָווסק, ריגע, ביאַליסטאָק און אַזוי ווייטער. אין מאַנכע פון די שטעט פלעגן די דאָרטיקע קאָמיטעטן אַרויסגעבן אויך אייגענע צייטונגען ווי דער „וואַרשעווער אַרבעטער", „דער ביאַליסטאָקער אַרבעטער", „דער קלאַסן קאַמף (ווילנע), „אייניקייט" (מינסק), און ,דער וועקער".

דער „בונד" האָט אין יענע יאָרן (די ערשטע דריי יאָר פון זיין עקזיסטענץ) אַרויסגעלאָזן פיל ביכער און פאַמפלעטן: דעם „קאָמוניסטישן מאַניפעסט" פון קאַרל מאַרקס; דעם „עיקר פון דער קאָנסטיטוציע" פון לאַסאַל, „די מלחמה פון דער פּוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי געגן „בונד"," פון וו. קאָסאָווסקי און נאָך אַנדערע.

פאַר די ערשטע 2־3 יאָר פון זיין עקזיסטענץ האָט דער „בונד" געפירט 312 סטרייקס. 104 אין פאַבריקן און אַ 169 אין פאַכן. אין

156 סטרייקס האָבן זיך באַטייליגט 27,890 אַרבעטער. די הויפּט אורזאַכן פון די סטרייקס זיינען געווען די פאָדערונגען פאַר אַ קירצערן ארבעטס טאָג און העכערע לעבנס־באַדינגונגען.

●

מיני דיימאָנד

די געטאָ

עס וואָלט געווען ריכטיק צו זאָגן אז אין דעם 15טן יאָר־הונדערט איז די געטאָ געוואָרן דאָס לעגאַלע וואוינאָרט פון יידן. פריער האָבן זיי אויך געוואוינט אָפּגעזונדערט פון ניט יידן, אָבער דאָס איז געווען לויט זייער אייגענעם ווילן און אַ סך מאָל האָבן זיי עס גערעכנט פאַר אַ פּריווילעגיע. אָבער אין דעם 15טן יאָר־הונדערט איז געשאַפן געוואָרן אין יעדער שטאָט וואו עס האָבן געוואוינט יידן, אַ געטאָ.

אין פּאָרטוגאַל, פאַר דעם 15טן יאָרהונדערט, איז געגרינדעט געוואָרן אַ געטאָ אין אַלע פּלעצער וואו עס האָבן געוואוינט איבער צען יידן.

אין איטאַליע, איז די ערשטע געטאָ אין וועלכער די יידן זיינען געצוואונגען געוואָרן צו וואוינען, געווען „וועניציע" אויפן אינזל „לאַנגא ספּינאַ". דאָס האָט געטראָפן אין 1615 און דאַן ווען פּאַבסט פּאול האָט געגרינדעט די געטאָ פון רוים זיינען די געטאָס געוואָרן אַ טאָג טעגלאַכע אינסטיטוציע. די רוימישע געטאָ איז געווען („אין שלעכטן אָנדענק פון די יידן").

אין דייטשלאַנד האָט די פּריזהייט פון די יידן זיך ערשט אָנגעהויבן שאַקלען אין מיטן פון 12טן יאָרהונדערט. די יידן פון ראַטיסבאָן האָבן געוואוינט צוזייט און צעשפּרייט איבער דער שטאָט ביי דריי גרויסע טויערן וואָס זיינען פאַרשלאָסן געוואָרן יעדע נאַכט אין אַ באַשטימטער צייט. אין 1460 זיינען די יידן פון פראַנקפאָרט געצוואונגען געוואָרן איבערצולאָזן זייערע היימען

און האָבן געדאַרפט גיין וואוינען אין איין באַזונדערער גאַס. די גרעסטע צאָל פון די דייטשע שטעט האָבן געהאט זייער יודנגאַס.

אין דייטשלאַנד, עסטרייך, באָהעמיע און אין אַנדערע מערב לענדער איז די יודנגאַס געוואָרן אַן עטאַבלירטע אינסטיטוציע.

דאָס לעבן אין געטאָ

די יידן אין די געטאָס האָבן געהאט צוויי קאָמונאַלע פּלעצער וואָס זיינען געווען אַלעמען באַקאַנט. די צוויי פּלעצער זיינען געווען די שול און דער בית עולם. די שול איז נאַטירלאַך געווען דער צענטער פון דעם טאָג טעגלאַכן לעבן פון די יידן; זייער רעליגיע איז געווען ביי זיי זייער טייער און יעדן טאָג זיינען זיי זיך צונויפגעקומען אין שול דאַוונען. דער בית עולם וואָס האָט זיך געפונען אין אַלע געטאָס איז זייער אָפט געווען דער איינציקער רו פּלאַץ, וועלכן די יידן וואָלטן זיך געקאָנט ווינטשן. דער בית עולם איז אָנגערופן געוואָרן ביי די געטאָ יידן „דאָס גוטע אָרט" און אויך „די היים פון די פאַרשטאָרבענע". עס איז אויך דאָרט געווען אַ טאַנץ הויז. טרויעריק ווי די יידן זיינען געווען האָבן זיי סיי ווי סיי געהאט זייערע אייגענע פאַרגעניגנס אויסער די פאַמיליע. זייער קאָמונאַל לעבן האָט געהאט אַ פרייד און אַ טרויער. דורך די הונדערטער יאָרן פון וואוינען אין די געטאָס האָבן די יידן זיך צוגעוואוינט צו זייער לעבן.

אַז די אידן האָבן דורכגעלעבט די שלעכטע צייטן פון די געטאָס, ווייזט עס דעם מוט און כוח מיט וועלכן זייער רעליגיע האָט זיי אַזוי טיף דערהאַלטן. אין די שטעט פון מערב און דרום אייראָפּע זיינען די געטאָ טירן אַוועקגענומען געוואָרן. דער ייד איז דאָרט געוואָרן פריי, ער איז מער ניט געווען צווייט און צעשפּרייט פון זיינע שטאַמענטשן דורך ווענט און קייטן.

עפעקטן און רעזולטאַטן

עס איז ניט ריכטיק צו זאָגן אַז ביי יידן איז גאָרניט געבליבן פון זייער אַמאָליק לעבן אין די געטאָס. די געוואוינהייטן וואָס זיי

האבן געהאט פאר הונדערטע יארן לאנג אין די געטאס קאנען ניט מיטאמאל פארשווינדן. מאראלע גייסטיקייט איז איינע פון די רעזול־טאטן פון די געטאס. ווי שלעכט די עפעקטן זיינען געווען פיזיש און גייסטיק האט עס ניט געמאכט די מאראלישע זייט פון דער אידישער היים שלעכט. פאמיליע פארבינדונגען זיינען פארשטאר־קערט געווארן, היימישע ריינקייט האט געשיינט אין אלץ, ווייל בלויז אין דער היים און אין דער פאמיליע איז דער איד געווען א פרייער מענטש. דעריבער, ווען מען נעמט אריין די אומבאקוועמ־לאכקייטן און די אנדערע זאכן וואס האבן אים געדריקט, האט דער איד זיך געהאלטן אויסערגעוויינטלאך גוט. די הענט פון מעב־טיקייט וואס איז אויף אים אזוי שטארק געווען, האט אים ניט געקאנט דערדריקן.

דאס אינטערעסאנטסטע אין דער געטא איז געווען די שפראך יידיש, וואס האט זיך אנטוויקלט פון א זשארגאן, צונויפגעמישט מיט העברעאיש און דייטש און מיט אייניקע ווערטער פון אנדערע שפראכן, צו אזא רייכער און שיינער ליטעראַרישער הויך.

די געטא איז אין אלגעמיין א לאנגע, טרויעריקע מעשה פון רעליגיעזן און סעקטאנטישן האס, און עס האט איבערגעלאזט א מיאוס'ן קאפיטל אין דעם בוך פון די פינצטערע טאטן פון מענטשן. דער איד אבער האט ניט קיין האס; ער קוקט אין דער צוקונפט, אויף דער צייט ווען אלע מענטשן אויף דער גאנצער וועלט וועלן קאנען זיין פריי צו לעבן, דענקען, און צו טוען וואס זיי ווילן, ווען זיי ווילן, און ווי אזוי זיי ווילן.

●

דבורה וויינשטיין

משה מענדלסאָן

אין דעסוי, א קליין שטעטל אין דייטשלאנד, איז אין יאר 1729 ביי אן ארעמען סופר, מענדלסאן, געבארן געווארן א זון

משה. ער איז געקומען אויף דער וועלט זייער א קליינער און קראנקער. זיינע עלטערן האבן געוואלט אז ער זאל ווערן א רב., די העכסטע שטופע פאר א יידן דאן אין די געטא ווענט. גלייך ווי דאס קינד האט אנגעהויבן רעדן האט מען אים אנגעהויבן מוטשען מיטן לערנען ,אזוי אז פון די קינדער יארן האט ער זיך איינגע־וואוינט זיצן שטענדיק און לערנען, זיך אפילו ניט אויפהויבן און ארויס נאך א ביסל לופט.

ער איז טאקע געווארן א גרויסער געלערנטער מענטש, אבער עס האט אים אויך געטאן א סך פיזישן שאדן. פון זיצן אזוי פיל איינגעבויגן און פארטיפט אין לערנען, איז זיין רוקן געבליבן איינ־געבויגן, ער איז געבליבן מיט א הויקער. דאס האט אים פונדעסט־וועגן ניט געמאכט זייער מיאוס, ווייל אין זיינע צוויי גרויסע שווארצע אויגן האט געברענט א נאטירלאכער פייער.

די פיאיקייטן מיט וועלכע דער קליינער קראנקער קערפער איז געבארן געווארן, האבן זיך שנעל אנטוויקלט און האבן זיך ארויסגעוויזן אין דער ישיבה וועלכע איז געווען אונטער דער אויפ־זיכט פון דעם באוואוסטן רב הירשעל פרענקעל. דער רב איז ניט נאר געווען א גרויסער געלערנטער מענטש נאר אויך זייער א גוטער און ער האט פיל מאל ארויסגעהאלפן מענדלסאנען ווען ער איז געווען אין א שלעכטער לאגע.

ווען מענדלסאן איז געווארן עלטער האבן זיינע עלטערן זיך שטארק געזארגט. זיי האבן אלעמאל געטרוימט אז ער וועט ווערן א רב, אבער זיי האבן ניט געהאט די מיטלען צו שיקן אים ווייטער לערנען. אין דער צייט האט רבי פרענקל פארלאזט דעסוי צו ווערן א לערער אין בערלין. משה האט זיך געבעטן ביי אים אז ער זאל אים מיטנעמען, אבער עס איז געווען אוממעגלאך, ווייל ער איז געווען צו קליין און צו שוואך; אבער איידער דער רב איז אוועקגעפארן האט ער צוגעזאגט דעם קליינעם תלמיד זיינעם, מענדלסאנען, אז ער וועט שפעטער שיקן נאך אים און ער וועט זיך קענען לערנען אין זיין ישיבה.

קומענדיק קיין בערלין, האט זיך מענדלסאן, נאך א קורצער צייט, באקאנט מיט זייער א גרויסן למדן, און האט מיט אים אנ־

געהויבן לערנען. דער למדן האָט מענדעלסאָנען געעפנט די אויגן צו דער וועלט. ער האָט אים באַקאַנט מיט זיינעם אַ תלמיד וועלכער איז געוואָרן אַ דאָקטאָר, און דער דאָקטאָר האָט מענדעלסאָנען געלערנט לאַטיין, און האָט אים פאַרגעשטעלט אַלס אַ הויז לערער צו אַ רייכן פאַבריקאַנט.

אין בערלין האָט ער זיך באַקאַנט מיט דעם גרויסן דייטשן שרייבער אפרים לעססינג,, וועלכער איז דעמאָלט נאָך אויך געווען אַ יונגער מאַן און איז ערשט אַרויס אין דער וועלט. דער מענטש לעססינג איז אויסגעוואַקסן אין אַ שטוב וואָס האָט ניט געוואוסט פון קיין האָס צו מענטשן פון אַנדערע גלויבנס, און עס איז דעריבער ניט קיין וואונדער וואָס כאָטש ער איז געווען אַ קריסט און כאָטש אין יענע יאָרן האָט מען געהאַסט די יידן, איז ער געוואָרן מענדעלסאָנס נאָענטסטער פריינט. ער האָט אים אויסגעלערנט רעדן און שרייבן דייטש, און האָט אים צוגערעדט ער זאָל שרייבן זיינע שיינע גע־דאַנקען אין ביכער. ער האָט פון אים אַרויסגענאַרט אַ בוך, האָט עס אָפגעדרוקט און מענדעלסאָנס נאָמען איז געוואָרן באַקאַנט איבער גאַנץ דייטשלאַנד.

אַזוי איז אַוועק אַ היבש ביסל יאָרן און ער האָט זיך אַרויפ־געאַרבעט אַלס בוכהאַלטער, פון וואָס ער האָט געמאַכט אַ לעבן. די פרייע צייט וואָס ער האָט געהאַט, אָדער וואָס איז אים געבליבן פון דער ארבעט, האָט ער זיך אָפגעגעבן מיט לערנען און שרייבן. זיין ליבשאַפט צום אמת, און דאָס וואָס ער האָט געהאַלטן דייטשלאַנד אַלס זיין פאָטערלאַנד, האָט געפירט דערצו אַז ער האָט זיך ניט געקענט צוריקהאַלטן און ער איז אַרויסגעקומען מיט עטלאַכע פרייע ווערטער קעגן דעם קעניג. דעם קעניג האָט עס שטאַרק פאַרדראָסן, אַז אַ ייד זאָל גאָר פלוצלינג אים זאָגן אַ דעה, און ער האָט אים געשיקט רופן. אַן מורא איז מענדעלסאָן געקומען, נאָר אָפּזאָגן זיך פון זיין געדאַנק האָט ער ניט געוואָלט. ער האָט געזאָגט אַז דעם אמת מעג מען זאָגן, אפילו אויף אַן אייגענעם פאָטער, און אפילו אַ קעניג מעג הערן די מיינונג פון אַנדערע.

די ערשטע דייטשישע געדרוקטע שריפט וואָס איז אַרויסגעגע־געבן געוואָרן פון מענדעלסאָנען טראָגט דעם נאָמען „פילאָזאָפישע

געשפּראָכן". ער איז דאַן אַלט געווען 25 יאָר. אין דעם בוך שיל־דערט ער געוויסע אַנטוויקלונגען פון דער מעטאַפיזישער פילאָ־זאָפיע.

מיט זיין בוך „פעדאָן" האָט ער געעפנט די אויגן פון טויזנ־טער מענטשן און האָט דערפרייט טויזנטער הערצער. דאָס בוך איז אין אַ קורצער צייט איבערזעצט געוואָרן אין פיל אַנדערע שפּראַכן.

ביז דער צייט האָט מענדלסאָן געשריבן פאַר דער וויסנשאַפט. וועגן יידן האָט ער ניט געשריבן. דאָס האָט געמאַכט זייער אַ שלעכטן איינדרוק אויף פיל מענטשן, און זיי האָבן געזאָגט אַז ער איז פרעמד זיין פאָלק. אַט די מענטשן, הויפּטזעכלעך די פרומע יידן, האָבן אַלעמאָל געהאַט טענות צו מענדלסאָנען וועגן זיין אידישקייט. אָבער אין 1772 האָט זיך געמאַכט אַזאַ פאַל אַז זיי האָבן שוין געהאַט צו שרייען און ריידן. אין דעם יאָר איז אַרויס־געגעבן געוואָרן אַ באַפעל, אַז יידן, גלייך מיט די קריסטן, זאָלן ניט טאָרן מקבר זיין זייערע מתים פאַר דריי טעג, ווייל עס האָט גע־טראָפן אַז מען האָט מקבר געווען לעבעדיקע מענטשן. די יידן האָבן געשיקט שלוחים צו אַ גרויסן רב אַז ער זאָל זיי העלפן. האָט ער זיך געווענדט צו מענדלסאָנען, ווייל ער האָט געוואוסט אַז מענדלסאָן איז גוט באַקאַנט. מענדלסאָן האָט אָבער געענטפערט אַז דער באַפעל איז זייער אַ גוטער, אַז אין דעם באַפעל איז אָפּהענגיק דאָס לעבן פון צענדליקער מענטשן. אַט דער ענטפער האָט אויפ־געררייצט אַלע רבנים און ער איז ביי זיי אין די אויגן געוואָרן אַן אפיקורס.

מענדלסאָנס שונאים האָבן ניט געזען אַז ער איז אַ פּרוכטבאַ־רער מענטש פאַרן יידישן פאָלק, און אַז די קריסטן זעען אין אים אַ באַווייז אַז מען קען זיין אַ ייד צו גאָט און צו לייט. אָפּהיטן יידיש־קייט און פאַרט זיין נוצלאַך צום לאַנד. אין אַנדערע ווערטער, אַ איד אין הויז און אַ מענטש אין גאַס. לעסינג האָט דעם געדאַנק געזען און גוט פאַרשטאַנען, אָבער צו מענדלסאָנס אַלע יידישע ברידער איז עס געווען פרעמד.

ער האָט ניט געקוקט אויף דער פרעמדקייט און געשריי פון זיינע יידישע ברידער און איז אָנגעגאַנגען ווייטער מיט זיין אַרבעט.

ער האָט איבערגעזעצט די ביבל אויף דייטש. די רבנים האָבן עס גערופן נוצלאָז, אָבער דאָס האָט אים ניט געאַרט. אים האָט גע־שטאַרקט דאָס וואָס די קריסטן האָבן אים געשטיצט און עס האָט אים געפריייט, וואָס כאָטש די יידן ווילן דערווייל ניט פאַרשטיין וואָס ער טוט פאַר זייערטוועגן. עפנט ער אַ וועג פאַר די קריסטן אַז זיי זאָלן זען דורך זיין איבערזעצונג וואָס עס שטייט אין דער יידישער תורה.

מענדלסאָן איז געווען אַ גרויסער מענטש, אָבער ערשט נאָך זיין טויט (1786) האָט די געלערנט וועלט (סיי די יידישע און סיי די קריסטלעכע) איינגעזען וואָס זיי האָבן פאַרלאָרן. ערשט הונדערט יאָר נאָך זיין טויט האָט מען זיך איינגעלערנט שאַצן זיינע ווערק.

באָבי דיימאָנד

ועד ארבע הארצות

איינער פון די ליכטיקסטע פּעריאָדן פאַר די יידן אין פּוילן און ליטע איז געווען אין דער צייט פון דעם יידישן סיים. דער סיים איז געווען דער סימבאָל פון׳ם גאַנצן יידישן פאָלק פון די צוויי לענדער, און די שטאָט רעגירונגען האָבן זיך מיט אים שטאַרק גע־רעכנט.

די געשיכטע דערציילט אונדז אַז אין פּוילן און ליטע האָבן די יידן, כמעט פון די אַלטע צייטן אָן, געלעבט בשלום און פרידלאַך מיט די בירגער פון לאַנד. זיי זיינען געווען די הענדלער, סוחרים, און געשעפטס מענטשן פון לאַנד און דורך זיי האָבן די צוויי קליינע מלוכות אָנגעהויבן צו וואַקסן. די יידן האָבן מיט דער צייט באַקו־מען אַ סך פּריווילעגיעס און די יידישע ישובים האָבן אָנגעהייבן צו האָבן זייערע אייגענע קהילות. די פּוילישע רעגירונג האָט זיי געלאָזט זיך אַליין רעגירן און האָט זיך ניט אַריינגעמישט אין די יידישע ענינים. ביסלעכווייז זיינען די פאַרשידענע קהלות געוואָרן

שטאַרקער און שטאַרקער און זייערע אויפגאַבן זיינען ניט געקומען אין קאָנפליקט איינע מיט דער אַנדערער. אין (1530) איז פאַרגעקו־מען דער ערשטער קאָנגרעס פון די פאַרשידענע קהלות. אַלס אַ רע־זולטאַט פון די קאָנגרעסן האָט זיך געגרינדעט אַ סיים וואָס איז באַשטאַנען פון די גרעסטע רבנים און גאונים פון די פּראָווינצן פון די צוויי לענדער, ליטע און פּוילן.

די צוזאַמענפאָרן פון דעם סיים פלעגן פאָרקומען בשעת די גרויסע יארידן. דער יערלאַכער יאריד איז געווען דער פּלאַץ צו וועלכן יידן פון אַלע טיילן פון דער וועלט און יידן פון אַלע שיכטן פלעגן קומען. עס איז זייער פאַרשטענדלעך אַז דער סיים איז אויך געווען דאָרט צו טאָן זיין אַרבעט.

דער סיים האָט געהאַט אַ סך אַרבעט צו טאָן. גאָר אין אָנפאַנג פון דעם סיים איז זיין צוועק געווען צו באַפעסטיקן די זעלבסט־שטענדיקייט און מיט שווערע אַרבעט האָט ער עס געטאָן. ווען דאָס איז געטאָן געוואָרן האָט די פּוילישע רעגירונג, וואָס האָט זיך דאַן געניייטיקט אין געלט, באַשלאָסן אַז, אַזוי ווי די יידן זיינען אַזעלכע גוטע האַנדלס מענטשן, זאָלן זיי זיין די שטייערן זאַמלער, און אַזוי ווי דער סיים איז דער פאָרשטייער פון דעם גאַנצן יידישן פאָלק, זאָל ער זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם זאַמלען. און אַזוי איז פאַרווירקלעכט געוואָרן די אידייע פון דער רעגירונג. דער סיים האָט באַשטימט אָרענדאַרן אין יעדער קהלה און דער אָרענדאַר האָט געמוזט קלייבן שטייערן, אויב ניט איז עס געווען אַ פאַרברעכן קעגן סיים און אַ פאַרברעכן קעגן סיים איז אַ פאַרברעכן קעגן דעם גאַנצן יידישן פאָלק. און דער סיים האָט געהאַט דאָס רעכט אַריינ־צוואַרפן דעם מענטשן אין חרם. דער סיים האָט אויך באַשטימט מיט וואָס הענדלער מעגן האַנדלען, וואו זיי קענען האַנדלען, וויפיל מען דאַרף צאָלן שטייערן אויף געוויסע סחורות, און אַזוי האָט דער סיים געקאָנט פולשטענדיק קאָנטראָלירן די פּרנסות און דעם לעבן שטייגער פון יעדן יידן.

דער סיים האָט געטאָן אַ סך גוטס בנוגע בילדונג און דער־ציונג. ער האָט געהאָלפן אויפבויען ישיבות און האָט אויפגעהאַלטן אַ סך אָרימע בחורים. דער סיים האָט אויך באַשטימט וועלכע דרו־

קערייען קאָנען דרוקן און זיי האָבן אויך אַ סך פון די ספרים פרייַ אויסגעטיילט כדי נאָך מער צו פאַרשפּרייטן „דאָס הייליקע וואָרט". אין דער צייט (1755-65) איז אויפגעקומען די שבתי צבי באַוועגונג. שבתי צבי האָט געלאָזט וויסן דעם יידישן פאָלק אַז ער איז דער נייער משיח און אַז ער וועט באַפרייען די יידן. ער האָט באַקומען אַ גרויסע נאָכפאָלגערשאַפט און זיין באַוועגונג האָט גענומען וואַקסן. דער סיים האָט שטאַרק געקעמפט קעגן דעם פאַלשן משיח און זיי האָבן אים און אַ סך פון זיינע נאָכפאָלגער אריינגע־לייגט אין חרם.

די אַרבעט פון סיים איז ניט גרינג געווען ווייל אין דעם רע־גירונגס פאַרלאַמענט האָט דער סיים געהאַט אַ סך שונאים. דער סיים האָט געשיקט אומאָפיציעלע פאָרשטייער זיי זאָלן אַכטונג געבן אויף דער אַרבעט פון פאַרלאַמענט אַז ער זאָל ניט מאַכן גע־זעצן וואָס זאָלן זיין שלעכט פאַר די יידן. די פאָרשטייער פלעגן דורך רייד, דורך בקשות, דורך געלט און דורך מתנות זען אַז נאָר גוטע געזעצן זאָלן אָנגענומען ווערן. די דאָזיקע מענטשן האָבן געהאַט אַ שווערע אַרבעט און פליכט צו דערפילן, און פאַר אַ לענגערע צייט האָבן זיי גוט פאַרטראָטן די אינטערעסן פונ'ם גאַנצן יידישן פאָלק.

שפּעטער (1687) איז דער סיים שוואַכער געוואָרן, ווייל די אָרימע יידן האָבן געזען אַז דער סיים האָט באַקומען אַ נייעם כאַ־ראַקטער. זיין ראָלע איז געוואָרן די ראָלע פון שטייערן־זאַמלער. פריער האָט ער פאַרטיידיקט די אָרימע יידן, איצט איז ער געוואָרן באַאיינפלוסט פון דעם רייכן עלעמענט. אין דער זעלבער צייט האָט פוילן געפירט אַ סך מלחמות וואָס האָבן חרוב געמאַכט אַ סך יידישע קהלות. אַלס רעזולטאַט פון די מלחמות זיינען די קהלות שטאַרק צעשפּרייט געוואָרן און דער סיים האָט פאַרלאָרן זיין מאַכט און פּרעסטיזש.

אַזוי, נאָך אַ הערשאַפט פון דריי דורות שליסט זיך דאָס ליכטיקסטע בלעטל פון יידישן לעבן אין די צוויי לענדער פוילן און ליטע.

שמעון ראַבינאָוויטש

הירש לעקערט

(אַן אָדע צום שוסטער)

דאָס העמדל אַראָפּ!
די אָרעמס באַוויַיז;
זאָלסט מיט פרייד די מוסקולן באַוועגן.
זיי שטאָלץ מיט דער האַנט וואָס קען בויען אַ וועלט —
הירש לעקערט איז געווען אַ שוסטער.

טאָ שעם זיך ניט שוסטער,
ביזט העכער פון אַלץ,
עס וואַגט דאָס צו לייקענען קיינער,
אויב דו ווערסט נאָר זאָגן דער וועלט אַט דאָס וואָרט —
הירש לעקערט איז געווען אַ שוסטער.

טאָ קלאַפּ זשע,
און האַמער,
און זינג הויך דערביי,
געבענטשטער, געהויבענער שוסטער.
רוף אויס צו די טרעגער פון האַמערס און זאָג: —
הירש לעקערט איז געווען אַ שוסטער.

קאָמפּאָזיציעס

מ. פּאַקס

נאַציזם און יידן

איבער דער גאַנצער וועלט און איבער דער גאַנצער מענטש־לאַכער ראַסע גיסט אַ מבול פון האַס און שנאה פון טויט און פאַר־וויסטונג, סטראַשעט די מענטשהייט מיט פאַרניכטונג.

פון דעם ברעג פון טייך פון וועלכן היינע האָט אינספּיראַציע געפונען צו שאַפן די שיינע ליבעס ליד, דעם געטלאַכן מזמור „די לאָרעליי", האָט זיך אַ מאָנסטער באַוויזן וועלכער שפּייט מיט פייער און סם און מאָרד און ברודער באַטרוג. די שיינע ברעגן פון דעם ריין ווערן פאַרוואַנדלט אין רינוועס פון בלוט, און פון די בוימער וואָס באַפּוצן אירע ברעגן וועלכע האָבן מיט זייער מאַיעסטעטישן וואוקס און נאַטירלאַכער שיינקייט אינספּיראַציע געגעבען צו די שאַפונגען פון היינע און געטע, מאַכן צלמים פאַר די קרבנות וועלכע ווערן דערטרונקען אין דעם שוים פונם האַס וועלכן דער מאָנסטער שפּייט אַרוים.

די פריילאַכע קלאַנגען פון מוזיק און טאַנץ, דער זאָרגלאָזער געלעכטער פון געזונטע און צופרידענע, פרייע און ניט געבונדענע — אַלין ווערט איינגעשטילט און איינגעוויקלט אין אַ מורא פון שטאָט צו שטאָט איבערן לאַנד. איבערן טייך, באַרג און טאָל, איבער מדבר און איבער ים, טראָגט זיך דער מאָנסטער פון נאַציזם און אומעטום הייבט ער אָן דעם משוגענעם שדים טאַנץ, און שטילקייט, רואיקייט און פריינדשאַפט ווערן אומעטום פאַרוואַנדלט אין אַ וואָקכאַ־נאַליע פון צעשמעטערונג און אומזיכערקייט.

אין מיטן פון אָט־אָ־דעם־אָ אָקעאַן פון האַס, מאָרד און פאַר־וויסטונג שטייט דאָס יידישע פאָלק, דער יתום פון אַלע פעלקער, און ווערט געוואָרפן פון די כוואַליעס פון פאַרוויסטונג, און אָט פילט זיך אַז ער ווערט אויסגעריסן מיטן וואָרצל פון דעם ווילדן שטורם ווינט פון האַס, און דאָך האַלט ער זיך אָן אָן דעם פעלדז וועלכער האָט געהאָלפן אים אין זיין היסטאָריש פענאָמענאַלן גאַנג פון זיין לעבן, אַרויסצוקומען לעבעדיק פון די אומענטשלאַך

אכזריותדיקע פּאַרפאַלגונגען. דער פעלדז איז דער גלויבן אַז די לערע פון ברודער ליבע וועט דאָך סוף־כל־סוף אַרויסקומען די זיגערן איבער דער לערע פון מענטשן האַס.

עס שרעקט אים ניט מער דער שונא, ווייל ער האָט שוין שטאַרקערע בייגעקומען. עס ווייטיקט אים ניט מער די וואונד, ווייל זיין קערפּער האָט שוין טיפערע וואונדן געהאַט, און אין זיין צרה, ווי גרויס זי זאָל ניט זיין, פאַרגעסט ער אָן דעם ווייטאַק פון זיין שונא'ס שווערד און ווי אַ ליכט פון אַ בליץ וואָס שניידט דורך די פינסטערע וואָלקנס שיינט אויף זיין רוף צו דער מענטשהייט: „קערט זיך אום פון אייערע נאַרישע שלעכטע וועגן, געזעגנט אייך צוהערן זיך צו די מאָנסטערס וועלכע ווילן דערווערבן רום פאַר זיך אויף דעם חשבון פון אייערע לעבנס און פון אייער הויז־געזינד." ווי אַ קאָלאָסוס שטייט דער איד אַרומגערינגלט פון חיות וועלכע צופּן און רייסן זיין קערפּער. פאַרגעסט ער אָבער אָן זיך. נאָר אַ פיזישער קרעכץ רייסט זיך אַרויס פון אים פון די פיזישע ווייטאָקן, אָבער זיינע גייסטיקע כוחות גיט ער אָפּ דער גאַנצער מענטשהייט מיט דער לערע פון ברודער ליבע.

כאַאָס, אומזין און צערודערטקייט באַהערשן די גאַנצע מענטש־הייט. „ראַכע און נקמה" איז דער טאָג אָרדנונג בײַ דער צערודער־טער וועלט. געוועזער אַנשטאָט בוי געצייג פאַרנעמט דעם פּלאַץ אויף דעם טעגליכן מאַרק, און שאַפונגען וועלכע דער מענטש האָט פאַר זיין גליק באַשאַפן ווערן פאַרוואַנדלט אין געצייג פון אומגליק און פאַרניכטונג. „טרופּן! טרופּן" שרייט דער מאָנסטער פון דעם ריין... „טרופּן און געווער!... איר מיידלאַך און פרויען מוזט פּאַט־ריאָטיש זיין. און מער קינדער מוז מען ברענגען אויף דער וועלט, ווייל וואָס מער קינדער אַלץ מער טרופּן. מען מוז נקמה אָן דעם שונא נעמען. ביקסן און האַרמאַטן! גאַזן און עראָפּלאַנען!" צו שיין זיינען די פעלדער, צו גרין די גערטנער, צו פיל לערע און פאַרשטאַנד גיבן די שול געביידעס. מען מוז דאָס אַלץ פאַרניכטן און צו „וואַטאַנען" טעמפּלען בויען, און דעם מענטש אַלס קרבן אים געבן.

צו איידל, צו גוט, צו געפּילפּול איז קריסטוס'ס לערע. צו יידיש קלינגט זי און צו מענטשליך: „האָב ליב דיין שכן ווי זיך אַליין". דאָס קלינגט דאָך נאַריש. שווערדן און האַרמאַטן. אונטער־דריקן דעם שוואַכערן איז דאָך העלדישער ווי אַ געבאָט פון אַ סטאַליער. און דערצו נאָך אַ אידישן סטאַליער..

היילן קראַנקע, האַדעווען הונגעריקע און דערמוטיקן דער־נידריקטע און באַליידיקטע איז דאָך ניט מער ווי אַ אידישע שוואַכ־קייט און פּאַסט ניט פאַר אַ געפּאַנצערטן העלד.

בלוט! טייכן פון בלוט און ימים טרערן. דאָס וואָס אַ געפּאַנ־צערטער העלד מוז האָבן, ווייל נאָר אין בלוט קען ער זיין האָס אַנטוויקלען און נאָר אין טרערן קען ער זיין ראַכע שטילן.

אקערן פעלדער און פלאַנצן גערטנער איז בלויז אַן אילוזיע פון אַ פּאָעט. קרעץ און טיפוס צו פאַרשפּרייטן, דאָס איז די ווירק־לאַכקייט.

קריץ די ציין, מאַנסטער; פאַרשוועך הייליקייטן; טאַנץ דעם טייוול טאַנץ. יעצט איז דיין צייט. דער ווינטער וועט אָבער דאָך אַוועקגיין און דער פרילינג וועט אָנקומען, און קנאָספּן פון מענשן ליבע וועלן זיך צוריק צובליען און ווידעראַמאָל די מענטשהייט מיט נייערע בלומען באַצירן.

„ליב דיין שכן ווי זיך אַליין" וועט דאָך פאָרט בלייבן דער שלאָג וואָרט פון דער וועלט.

●

בערל קעי

מלחמה און שלום

מלחמה איז פיל עלטער ווי אונדזער ציוויליזאַציע. פון די גאָר אַלטע צייטן ווען דער זיידע פון אדם הראשון האָט זיך נאָך רואיק פאַרבראַכט אויף די ביימער פון גן עדן איז שוין מלחמה געווען אַ וויכטיקער ענין.

אמת, אין יענע אוראַלטע צייטן איז די קונסט פון פירן אַ מלחמה ניט געווען אַזוי גרויס. עס איז צוגעגאַנגען אַ ביסל פּרי־מיטיוועך, מער אומגעלומפּערט, אָבער עס איז געווען מלחמה און די זעלבע אורזאַכן האָבן די מלחמות אַרויסגערופן אין יענע צייט פּונקט ווי היינט.

היינט האָבן מיר בלויז אַ שענערן און מער ציוויליזירטן וועג ווי אַזוי די מלחמות צו דערקלערן. אָבער אין תוך גענומען זיינען זיי די זעלבע היינט ווי זיי זיינען געווען אַמאָל. יענע סאָלדאַטן זיי־נען געווען ניט פיל ערגער פון די היינטיקע, און דער היינטיקער סאָלדאַט איז ניט פיל בעסער פאַר יענעם.

עס איז אויך אמת אַז יענער סאָלדאַט האָט ניט געטראָגן קיין ספּעציעלן מאַנטל. ער האָט ניט געשאָסן פון קיין ביקסן און איז ניט געגאַנגען „ראַטעווען די וועלט פאַר דעמאָקראַטיע". אָבער דער־פאַר האָט ער ניט פּרעטענדירט אויף קיין ציוויליזאַציע. אָט דער פאַר־היסטאָרישער סאָלדאַט האָט זיך געהוידעט אויף אַ צווייג פון אַ בוים און זיך אפשר נאָך אויף זיין שטייגער געמורמלט אַ לידל, ווען מיטאַמאָל האָט זיין האַרץ אָנגעהויבן קלאַפּן ווילד און צעשראָקן.

וואָס איז געשען? — ער צעעפנט ברייט זיינע אויגן און זעט: אַ פעטער זאַפטיקער וואָרים גליטשט זיך פראַנק און פריי אויפן גראָז און קיינער טשעפּעט אים ניט. ער האָט אַרויסגעשטעלט די צונג, אַרומגעלעקט די ליפּן און מיט אַ ווילדן קוויטש, ווי איינער וואָס געווינט אין „סקרינאָ" גיט ער אַ שפּרונג אַרונטער אויף דער ערד גלייך צום וואָרים. מיטאַמאָל דערזעט ער זיין פריינט, וועלכער האָט אויף אַ צווייטן צווייג געמאַכט די זעלבע פּלענער, איז אויך אַרונ־טערגעשפּרונגען כאַפּן דעם וואָרים און עס איז גלייך געוואָרן אויס פריינטשאַפט, אַ ביטערער קאַמף האָט אויסגעבראָכן און דער רעזולטאַט —ביידע געוועזענע פריינט וואָס האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין סאָלדאַטן און געפירט מלחמה, גייען אַהיים מיט לייריקע ביי־כער און צעבראָכענע קעפּ.

אין אַ שפּעטערער צייט ווען די ציוויליזאַציע האָט שוין אָנ־געהויבן שטעלן פיס... אדם'ס איניקל האָט זיך שוין אַביסל גע־

אנדערשט אין זיין באציאונג צו מלחמה. ער האט זיך שוין אויס־געלערנט, קאנטראלירן זיינע געפילן און ער נעמט זיך צייט — א סימן פון ציוויליזירטקייט. ווען ער דערזעט א זאפטיקן ווייסן, לעקט ער ניט די ליפן, נאר ער קלערט ווי שיין דער ווייסער וואלט אויסגעקוקט אנגעשמירט מיט שמאלץ און ארומגערינגלט מיט קאר־טאפל און אפשר אויך באשאטן און באשפריצט מיט פעפער. דער ווייסער פארשטייט וואס אדם'ס שווארצער איינִיקל טראכט, אבער דער שווארצער אליין ווייס עס ניט. קיין שלום זיצונג האט מען דא אויך ניט געהאלטן, נאר די יעניקע, וועלכע האבן געקענט גוט קאכן האבן זיך געקראצט אונטערן לינקן אויער צו קריגן אינספיראציע, דערווייל האט מען זיך געגומען קריגן צי דארף מען צוויי לעפעלאך זאלץ צי בלויז איין לעפעלע זאלץ און איין לעפעלע פעפער. אבער די קריגעריי וואלט אויך פאראיבער אז וועלכע עס איז גרויסע גע־שעענישן, ווען עס וואלט מיטאמאל ניט אויפגעשפרונגען א נייע פראגע:

ווער דארף קריגן דעם ווייסנ'ס הויזן? טענה'ט איינער, אז אים קומען דעם ווייסנ'ס הויזן, ווייל ער האט דער ערשטער דעם ווייסן דערזען. אבער אדם'ס שווארצער איינִיקל טראגט נאך ניט קיין נייע הויזן...

נאך שפעטער, שוין אין דער מער אנטוויקלטער און מער צי־וויליזירטער צייט: דערזעט קינ'ס איינִיקל א גרויס און שיין שטיק לאנד. לעקט ער ניט די ליפן. עס שיינט גאר ניט אז אויף אים זאל עס האבן א ווירקונג, נאר אין זיין בוזים קעשענע, אין זיין טיים־טער, הויבט זיך עפעס אן באוועגן, די געלט פאפירן דריקן זיך איינע צו דער צווייטער. זיי מאכן פלאץ פאר געסט — פאר נייע פאפירן. זיי צווייפלען ניט אז זיי וועלן שוין האבן געסט. זייער באלעבאס וועט שוין געפינען א תירוץ פאר א מלחמה! ער וועט אויך שוין געפינען א שכל'דיקן אויסרייד פאר דער וועלט. און ער מוז ניט זיין אלעמאל דער זעלבער תירוץ. איינמאל קען עס זיין אז קינ'ס איינִיקל וויל די מענטשן ציוויליזירן, א צווייטן מאל וועט עס הייסן אז זיינע פילאנטראפישע געפילן דיקטירן אים צו העלפן דער ארימער בא־פעלקערונג אין יענעם לאנד, א דריטן מאל געפינט ער, אז דאס

אויסזען פון די מענטשן איז ניט קיין אפעלירנדיקער און ער דער־קלערט, אז צוליב אן „אינצידענט" מוז ער דערקלערן מלחמה...

עס וועט ניט העלפן וואס מען וועט אויסשרייען: קין'ס אייניקל, דיין תירוץ איז אן אמאטארישער. די איטאליענער און יאפאנעזער האבן שוין אזא תירוץ גענוצט און מען גלויבט זיי ניט... ביזט דאך עפעס א ציוויליזירטער, ניט קיין מאלפע. אבער גערעכט זיינען געווען די שטומע געלט פאפירן אין טיסטער, זיי האבן געמאכט פלאץ פאר געסט,—די געסט זיינען געקומען..

●

לאה סטאר

פסח אין דער אלטער און נייער היים

אין א קליין שטעדטל, אין מינסקער גובערניע, דערציילט מיר מיין פאטער, פלעגט מען אנהויבן באקן מצות אויף פסח, גלייך נאך פורים. א טייל פון דער באפעלקערונג, וועלכע פלעגן זיך באשעפטיקן מיט באקן מצות, פלעגן דערפון ציען חיונה פאר א נשקשה'דיק שטיקל צייט.

דאס גאנצע שטעדטל איז געווארן לעבעדיק ווען מען האט אנגעהויבן באקן די מצות פאר פסח. אין „פאדריאד", (אזוי האט מען גערופן דאס הויז וואו די מצות זיינען געבאקט געווארן) וואו מען האט געארבעט ביז שפעט באנאכט, איז געווען גאר פריילאך. מען האט גערעדט, געשריען, געלאכט און געשטויסן זיך איינער דעם צווייטן און מען האט ניט געקענט הערן א ווארט איבער די קולות פון די מיידלאך.

אין יעדער אידישער הויז האט מען זיך געגרייט צום פסח. מען האט גענייט, געקלאפט, געריייניקט און געפארעט. קינדער האבן געוויינט זיי ווילן נייע שיך, נייע מלבושימליך אויף פסח און אז זיי האבן אויסגעפירט האבן זיי געווארט מיט אומגעדולד אויף דעם גרויסן יום טוב. ערב יום טוב האט מען זיך אויסגעפוצט אין די

נייע שטיוועלאך און היטעלאך. די באלמעלאכעס האבן זיך געפרייט מיטן ערב יום טוב מער פון אלע, ווייל דאס איז געווען די צייט פון יאר ווען זיי האבן געהאט א סך ארבעט.

מיין טאטע דערציילט אונדז ווי ער פלעגט ארויסקוקן אויף דעם יום טוב פסח מיט גרוים נייגער. אויף פסח פלעגט ער אהיים פארן פון ישיבה. ער האט זיך געזען מיט די עלטערן נאך ווען ער האט א גאנץ יאר געבענקט.

ער פלעגט זיך באנייען מיט מלבושים און א שטאלצער פלעגט ער גייען מיטן זיידן אין שול אריין. דאן האט ער זיך געפילט ווי א גרויסער, כאטש ער איז נאך גאר יונג געווען. א היים פלעגט ער קומען עטלאכע טעג פאר יום טוב. די עלטערן זיינען געווען פאר־נומען מיטן אריינברייינגען דעם פסח. מען האט געוואשן, געראמט, מען האט איינגעקויפט נייע זאכן. די שטוב איז געווען פול מיט דערוואַרטונג און עס האט אויסגעזען ווי מען גרייט זיך צו א גרויסער געשעעניש.

ערב פסח, דאס הייסט דער טאג פאר יום טוב, איז געווען דער שענסטער. אלעס אין שטוב איז שוין געווען פארטיק און צו־געגרייט. די מאמע איז געשטאנען א גאנצן טאג אין קיך און גע־פארעט זיך ביים אויוון. אין אויוון האט געפלאקערט א שטארקער פייער. דער מאמעס באקן זיינען געווען פארפלאמט און האט איר צוגעגעבן א סך חן.

די קינדער האבן גענומען אויפפאקן די פסח׳דיקע געפעס און מען האט זיך געפרייט מיט די טעלער, מיט די כוסות, וועלכע האבן אפגעגעבן א גרוס פון פאר א יארן, פאר צוויי יארן און פאר צען יארן, ווייל אייניקע כוסות זיינען נאך פארבליבן פון מיינע על־טערן׳ס עלטערן, האט מען זיך געפרייט מיט זיי, געציילט זייערע יארן, ווי אלט די כוסה איז, ווי אלט יענע שיסל איז, די שטימונג האט זיך געהויבן און די קינדער האבן אנגעקוואלן פון די אלע זאכן.

פארנאכט איז דער טאטע געקומען מיט די בחורים פון מרחץ, האבן זיך איבערגעטון אין די נייע מלבושים און זיינען אוועק אין שול אריין.

קומענדיק צוריק פון שול האָבן זיי געטראָפן דעם טיש אויס־געפוצט און צוגעגרייט צום סדר. די ליכט האָבן געברענט און באַשיינט דעם צימער, דער וויין אויפן טיש האָט געפינקלט אין די פלעשער. די מאַמע האָט געטראָגן אַ נייע ווייסע טיכל אויפן קאָפּ און אַ נייעם ווייסן פאַרטוך.

מען האָט זיך געזעצט צום סדר, געזונגען און געגעסן און ווידער געזונגען ביז אין דער שפּעטער נאַכט אַריין.

ווען מיין פאָטער רעדט פון דעם יום טוב פּסח אין דער אַלטער היים זעט מען נאָך היינט אויף זיין פּנים דאָס גליק וואָס ער האָט איבערגעלעבט אין זיינע יונגע יאָרן, ווען ער האָט געגלויבט, אַז דאָס אויסדערוויילטע פאָלק ווייסט ווי צו פּראַווען יום טוב און ער האָט געפילט דערהויבן אין גייסט און זיין נשמה האָט זיך געצאַפּלט פון פרייד וואָס דאָס אייביקע פאָלק האָט געשאַפן אַזעלכע הייליקע ימים טובים וואָס וועלן לעבן אייביק.

ווען מיין טאַטע איז עלטער געוואָרן, האָט ער זיין מיינונג געביטן. ער האָט אָנגעהויבן דענקען פרייער און האָט מיט דער צייט אָנגעהויבן קוקן גאַנץ אַנדערש אויפן לעבן. ער איז אַריין אין דער אַרבעטער באַוועגונג, האָט זיך דערוויטערט פון רעליגיע און האָט אָנגעהויבן אָפּצופרעגן אַ סך יידישע מנהגים און טראַדיציעס.

ווען ער איז געקומען אין אַמעריקע, און שפּעטער ווען ער האָט אָנגעהויבן פירן אַ פאַמיליען לעבן, האָט ער זיך שוין צום אַלטן שטייגער לעבן ניט אומגעקערט. אַ פריי געזאָנענער מענטש, האָט ער, געוויינטלאַך אויך זיינע קינדער אַזוי דערצויגן, אָבער די יום־טוב׳דיקייט וואָס ער האָט געפילט אַלס קינד, האָט ער אונדז קינדער ניט איבערגעגעבן.

וואָס באַטייט פאַר אונדז קינדער דער יום טוב פּסח? וואָס זעען מיר דאָ אין דעם יום טוב? — די גאַנצע שיינקייט פון וועלכער ער דערציילט אונדז איז פאַרשוואונדן, קיינע צערעמאָניעס, קיינע אַנדערשקייטן.

מיר ווייסן בלויז פון דעם היסטאָרישן סימבאָל פון דעם יום טוב. אַנדערע קינדער ווייסן דאָס אויך ניט, ביי מאַנכע איז דאָס

גאָר עפּעס אַ מין נאָכקרימעניש פון דעם יום טוב. די מאַמע שיקט אַריין אַן אָרדער אין „גראָסערי", מען קויפט אַ סך פלייש און פיש און „באָקסעס מצות" און מצה־מעל. די מערסטע קינדער ווייסן אַז דער יום טוב פסח באַשטייט פון שפּילן אין ניס און ניט עסן קיין חמץ.

אַז איך פרעג ביי מיין טאַטן פאַרוואָס דאָס איז אַזוי, ענטפערט ער מיר: „אַזוי איז דאָס מיין קינד, מיר האָבן זיך פון אַלטן אָפּגערוקט, אָבער צו קיין נייעם זיינען מיר נאָך ניט צוגעקומען".

●

רחל ליבין

דבורה זוכט אַרבעט

דורך דער שטאָט שיקאַגאָ האָט געררוישט אַ טראַמוויי, געפּאַקט מיט מענטשן וואָס זיינען געפאָרן צו דער אַרבעט. צווישן זיי איז געפאָרן דבורה לערמאַן, זי איז געפאָרן זוכן אַרבעט.

איר קאָפּ אָנגעשפּאַרט אַן פענסטער, אירע אויגן פאַרמאַכט און מיט האָפנונג אין איר האַרץ איז זי געפאָרן צום דעפּאַרטמענט סטאָר זוכן אַרבעט.

ווי נאָר דער טראַמוויי האָט זיך אָפּגעשטעלט האָבן זיך באַ דבורה'ן אַן עפן געטאָן די אויגן און זי האָט אַ קוק געטאָן דורכן פענסטער, זען וואו זי געפינט זיך. זי האָט נאָך געדאַרפט פאָרן אַ 15 מינוט צייט. אויסגעמאַטערט איז זי געווען, ווייל זי איז פרי אויפגעשטאַנען און האָט צעוואַשן אירע זאַכן און אַרומגערייניקט אַביסל דאָס הויז. זי האָט געעפנט די אויגן און האָט זיי ווידער פאַרמאַכט און דאָס מאָל האָט זי זיי ניט געעפנט ווען דער טראַמוויי האָט זיך אָפּגעשטעלט ווייל זי איז איינגעשלאָפן.

זי האָט אָנגעהויבן צו חלומען וועגן איר ברודער בעני, ווי ער זיצט ביים פענסטער און קוקט ווי די קינדער גייען אין סקול. פון די אויגן גיסן זיך ביי אים טרערן, ווייל ער קען אין סקול ניט

גיין ביז דבורה וועט אים קויפן אַ פּאָר שיך. זיינע טרערן ווערן גרעסער און גרעסער און זיי הויבן אָן צו קאַפּען אויפן דיל, ביז וואַנען דער גאַנצער צימער ווערט אָנגעפילט מיט וואַסער, און די וואַסער רינט אַרויס פון שטוב אויפן גאַס. די וואַסער הויבט אָן צו לויפן פון גאַס צו גאַס איבער דער גאַנצער שטאָדט, איבער דעם גאַנצן לאַנד. פּלוצים האָט אַ מאָמענטאַלער אָפּשטעל דבורה'ן אויפגעוועקט.

„ווי איז מיר, וואו בין איך?" האָט זי זיך אַ כאַפּ געטאָן. זי האָט זיך באַלד אויפגעשטעלט, איז אַראָפּגעלאָפן פון טראַמוויי אויף שנעל—אַ נס וואָס זי איז ניט אַראָפּגעפאַלן.

זי איז געבליבן שטיין אינמיטן גאַס אַ צוטומלטע, ביז וואַנען זי האָט דערהערט דאָס פּייפן פון אַטאָמאָבילן. ערשט דאַן איז זי אַרויפגעשפּרונגען אויפן טראָטואַר.

דבורה איז אַ היבש ביסל אַריבערגעפאָרן, און זי האָט דאָך געוואָלט זיין די ערשטע אין באַשעפטיקונגס ביוראָ, האָט זי זיך געלאָזט לויפן צוריק צו דער קראָם.

ווען זי איז צוגעלאָפן צו דער קראָם אָן אויסגעמאַטערטע, אַ סאַפּנדיקע, איז די קראָם געווען אָפן, און ביסלעכווייז האָבן מענטשן גענומען אַריינשטראָמען אין קראָם אריין.

דבורה איז אויך גיך אַריינגעלאָפן אין קראָם און האָט אָפּגעשטעלט איינעם פון די אַרבעטער—„אַנטשולדיקט, קענט איר מיר זאָגן וואו דער פאַרוואַלטער איז?"

„אויפן צווייטן שטאָק."

„אַ דאַנק, אַ דאַנק!"

דבורה האָט ניט געוואַרט אויפן עלעוויטער נאָר איז אַרויפגעלאָפן אויפן צווייטן שטאָק. ביים טיר צו דער באַשעפטיקונג ביוראָ איז זי געבליבן שטייען. זי האָט פּרובירט איינשטילן איר שטאַרק קלאַפּנדיק האַרץ און איר קורצן אָטעם, אָבער זי איז געוואָרן אַלץ מער נערוועז ווען זי איז צוגעקומען צו דער טיר און איז אַריין אינווייניק.

ענדלאַך, האָט זי זיך שטיל אַריינגעלאָזן אין צימער, וואו עס זיינען געווען אָנגעוואָרפן אַלערליי שמאַטעס, עטלאַכע אַלטע

ביינקלאך באדעקט מיט שטויב זיינען געשטאנען אין די ווינק־לען. צוויי מיידלאך און א אינגל זיינען שוין געזעסן און געווארט.

דבורה האט זיך פאמעלאך אוועקגעזעצט אויף דער שטוי־ביקער שטול, וואס האט געהאלטן ביים צעפאלן.

די ווענט זיינען געווען כמעט שווארץ, און אינגאנצן באפוצט מיט נעמען און בילדער אויסגעשריבן מיט די פינגער פון די פריער־דיקע וואס זיינען דא געקומען זוכן ארבעט.

דאס צימער האט פארמאגט נאר איין פענסטער און עס איז געווען אזוי פארשטעלט מיט קעסטלאך אז קוים, קוים וואס אביסל ליכט איז אריינגעקראכן.

ווי זי זיצט אזוי און באטראכט דאס צימער, באמערקט זי ווי אלע גלייכן זיך אויס אין זייערע בענקלאך און די וואס שטייען נעמען די הענט ארויס פון די קעשענעס, די מיידלאך מאכן צורעכט זייערע האר, און גיבן א שלעפ זייערע קליידלאך.

זי קערט אום איר קאפ, דערזעט זי א הויכן, גראבן מאן ביים טיר, אנגעטאן אין א בלויען אנצוג.

זיין בליק איז ווי פון איינעם וואס קומט קויפן בהמות, און וויל אויסקלייבן די שטארקסטע, די יעניקע פון וועלכע ער קען ארויסקריגן וואס מער, וואס מער...

דבורה האט זיך גענומען דרייען אין איר שטול. זי האט גע־פילט אזוי ווי איר פנים ווערט באדעקט מיט א רויטער טוך. זי האט געוואלט ארויסלויפן פון דעם שטיקנדיקן צימער, אבער גיי לויף, אז אזא חברה'מאן שטייט ביי דער טיר, מיט זיינע הענט פארלעגט איינע אף דער אנדערער. מיטאמאל הויבט ער אן צו ריידן צו איי־נער פון די מיידלאך.

„האסט עפעס אמאל געארבעט?"

די מיידל האט אנגעהויבן דרייען אירע הענטשקעס, געוואלט עפעס ארויסזאגן—אבער זי האט ניט געקענט. ענדלאך האט זי קוים ארויסגערעדט דאס איינציקע ווארט „ניין".

„דאן קען איך דיך ניט נעמען. און דו, ווענדעט ער זיך צו דבורה'ן, דו האסט אמאל געארבעט?"

דבורה, זעענדיק אַז זאָגן דעם אמת העלפט ווי אַ טויטן באַנ־קעס, האָט געענטפערט אין אַ קול וואָס האָט געקלונגען זיכער און אמת׳דיק:

„געווים האָב איך געאַרבעט, אין דער „דזשעקסאָן״ קראָם.

„נו, אויב אַזוי, נעם דאָס „צייט קאַרטל״ און מאַך עס שנעל. דו וועסט היינט פאַרקויפן זאַכן. נו, וואָס קוקסטו אויף מיר ווי אַ בהמה? גיב זיך אַ ריר!״

„אַנטשולדיקט, אַנטשולדיקט״. בעט זיך דבורה. זי האָט קוים געקענט ריידן פאַר פרייד. זי האָט דאָך געקראָגן אַרבעט, אַרבעט. אוי, ווי זיס עס קלינגט דאָס וואָרט. פּלוצים האָט זי אַ קוק געטאָן אויף דער אַנדער מיידל, די וואָס האָט אַלץ קאַליע געמאַכט מיט דעם וואָס זי האָט געזאָגט דעם אמת. טרערן זיינען באַ איר געשטאַנען אין די אויגן. דבורה׳ס פרייד איז געווען גרויס, אָבער זי האָט זיך עפּעס ווי פאַרלאָרן. זי איז צוגעגאַנגען צו דער מיידל און שטיל געמורמלט: „מרך פאַרדריסט זייער שטאַרק וואָס... וואָס...״ אָבער זי האָט ניט געקענט ענדיקן. עס האָבן זיך איר אויך גע־שטעלט טרערן אין די אויגן און זי האָט זיך דערמאָנט אין חלום וועגן בעניו און זיינע טרערן וואָס האָבן פאַרפלייצט אַ גאַנצע שטאָדט — אַ גאַנצע וועלט . . .

●

נחום קאַטאַפּסקי

ליטעראַטור אַלס דערציאונגס פאַקטאָר

קאָנסערוואַטיוו און ליבעראַל, רעאַקציאָנער אָדער ראַדיקאַל, — יעדער מענטש מוז צוגעבן אַז ליטעראַטור איז אַ באַשטימטער דערציאונגס פאַקטאָר אין אונדזער לעבן. וויכטיק איז ווי אַזוי צו באַגרייפן דעם דערציאונגס פאַקטאָר און אים באַשטעטיקן אַלס אַ וועג צו אַ ליטעראַרישן באַוואוסטזיין. פאַרשידענע מענטשן זוכן פאַרשידענע וועגן. צום ביישפּיל אייניקע מענטשן האַלטן אַז עס

איז דאָ בלויז איין וועג און דאָס איז דורך דיסקוסירן די ליטע־ראַרישע אָפּהאַנדלונגען — ליטעראַרישע דיסקוסיע. אַנדערע מענטשן זאָגן אַז ס'איז דאָ פאַרשידענע מעגלאַכקייטן, — דורך לייענען, שרייבן וועגן דעם געלייענטן, טראַכטן און נאָכדענקען וועגן דעם געלייענטן.

ליטעראַטור איז קונסט און ביז מען געפינט ניט און מען טייטשט ניט אויס דאָס קינסטלערישע אין ליטעראַטור דערגרייכט מען ניט דעם ציל פון לייענען. אָבער מיר מוזן נעמען אין אַנ־באַטראַכט אַז ס'זיינען דאָ אַלערליי לייענער. ס'זיינען דאָ לייענער וואָס ווילן געפינען אַ נייע „קבלה" אין זייער לייענען — זיי אַנאַ־ליזירן יעדן ליטעראַרישן מאָמענט אָדער סיטואַציע; ס'איז פאַראַן לייענער וואָס לייענען ניט אַזוי אינטענסיוו — פאַר דעם אַזוי גע־רופענעם „פאַרגעניגנס געפיל". אָבער ביידע טיפּן לייענער אייניקן זיך אויף איין פּונקט — אַלע שפּיגלען זיי אָפּ אין דעם לייענען זייער אייגן לעבן און דאָס לעבן וואָס איז זיי נאָענט. אַ לייענער וואָס קאָן אין זיך פאַרכאַפּן ביידע עקסטרעמען וועט אַקומולירן איינדרוקן וואָס וועלן בלייבן מיט אים אויפן גאַנצן לעבן. דער זעלבער לייענער האָט אין זיך אַן אַנאַליטישן באַגריף און אַ חוש צו אַנערקענען סובטילע ענדערונגען אין באַטייט פון וואָרט, צו־זאַמען מיט אַ געפיל פאַר דער שיינקייט פון אַ סיטואַציע.

און אַז מען איז שוין פאַרטיק לייענען דאָס בוך· און אַז מען האָט שוין טיף אָפּגעאָטעמט. און אַז עס געפעלט יאָ אָדער עס געפעלט ניט דאָס בוך, וואָס דאַן? עס געוועדט זיך אין מענטשן. דער מענטש וואָס לייגט אַוועק דאָס בוך און פאַרמאַכט זיינע גע־דאַנקען און געפילן צום אָפּגעלייענטן, וועל איך פון אים ניט רעדן. ער איז ניט קיין אמת'ער קולטור מענטש. דער, אָבער, וואָס זעצט זיך אַוועק און דענקט אָדער שרייבט וועגן דעם וואָס איז פאָרגע־קומען צווישן די טאָוולען פון'ם בוך, עס אַרט אים אָדער עס מוטשען אים די פּראָבלעמען וואָס דער שרייבער האָט אים פאַר־געשטעלט, דער מענטש איז דער אָנהענגער פון קולטור און אפשר אויך אַ שאַפער פון קולטור. אין זיינע געדאַנקען דרייען זיך אַרום פראַגען: אַ „פאַרוועןן"? און אַ „פאַרוואָס"? אַזאַ מין מענטש, אויב

ער פארשטייט ניט איצט, וועט ער א מאָל פארשטיין און זיין פּען וועט אים דערהויבן צו אַן העכערער מדרגה.

כדי צו מאכן לעבנס־לאנגע איינדרוקן אויף די גערדאַנקען און אידעאַלן פון לייענער מוז די ליטעראַרישע ווערק זיין אָרגאַניזירט אין באַשטימטע עפּאָכעס. נישט נאָר דאַרף מען זיך אָנעסן מיט דער ליטעראַרישער געשיכטע — מיט די באַשרייבונגען פון מיטל אַלטער א. א. וו.; נאָר אויך פארזוכן א היפּשע טייל באַשרייבונגען און ווערק פון אָנערקענטע אויסטייטשער פון דעם היינטיקן לעבן. נישט נאָר וועלן בלייבן איינדרוקן אויף די גערדאַנקען פון לייענער, נאָר אויך זיין דערפאַרונג וועט מוזן באַרייכערט ווערן. לייענען אַזוי ברייט און עקסטענסיוו איז אַן אינספּיראַציע אויף דעם גאַנצן קאָלעקטיוו.

דער אינטערעס מוז אויך זיין סטימולירט. אינטערעס ווענדט זיך אויף וויפיל מען קאָן באַגרייפן און אויף וויפיל עס ליגן אין זינען די באַשטימטע קעגנשטאַנדן. בלויז צו לייענען אַן אָפּהאַנדלונג פון זשיטלאָווסקי'ן, צום ביישפּיל, מיינט ניט אַז מען קאָן שוין זיין פילאָזאָפיע אָדער אַפילו אַז מען איז באַרעכטיקט צו אַן אייגענע מיינונג וועגן דעם. עס קאָן אָבער זיין אַז עס וועט סטימולירן צו ווייטערדיקן לייענען און אַזוי באַשטעטיקן די אייגענע מיינונג. דורך אייגענע מיינונגען ווערן געשאַפן אייגענע אידעאַלן און אין לייענען און דענקען אָדער שרייבן וועגן דעם געלייענטן א סטימול צו אַנטוויקלען כאַראַקטער און פּערזענלאָכקייט און אויך א וויכטיקער טייל אין ליטעראַטור אַלס א דערציאונגס פאַקטאָר.

●

פריידל רעזניק

„די ברידער אשכנזי" פון י. י. זינגער

דער באַוואוסטער שרייבער י. י. זינגער האָט אין זיין באַ־רימטן בוך „די ברידער אשכנזי", געזוכט אונדז צו ווייזן די ענ־דערונגען וואָס די אַנטוויקלונג פון דער מאָדערנער אינדוסטריע

האָט אַרויסגערופן אין לעבן, אַלס רעזולטאַט פון וועלכן עס זיינען אַרויסגעוואַקסן צוויי שטרייטנדע קלאַסן: דער קאַפּיטאַליזם, און דער אַרבעטער קלאַס.

דער שרייבער גיט אונדז אַן אינטערעסאַנט בילד, ווי אַזוי אַט די נייע ענדערונגען האָבן געווירקט אויפן יידישן לעבן אין פּוילן. מיר געפינען דאָרט אינטערעסאַנטע באַשרייבונגען וועגן דעם שטייגער לעבן פון די יידן אין פּוילן פאַר די לעצטע הונדערט יאָר, וועגן דער נויט און ליידן פון די אָרעמע וועבער אַרבעטער, זייערע קאַמפן מיט זייערע באַלעבאַטים.

דורך זיינע צוויי העלדן, די ברידער אשכנזי, מאַקס און יאַקאָב, שילדערט ער פאַר אונדז דעם יידישן קאַפּיטאַליסט, וועלכער איז פאַרקאַכט אין ווערן רייך, און דורכדעם קריגן מער מאַכט. דער רייכער קלאַס וויל ניט וויסן פון קיין מיטלייד, רחמנות, און גערעכטיקייט, און באַנוצט זיך מיט אַלערליי מיטלען פון ליגן, פאַלשקייט, כדי צו ווערן רייך און מעכטיק.

די ברידער אשכנזי זיינען זין פון אַ רייכן וועבער פאַבריקאַנט. ווען זיי זיינען נאָך גאָר קליינע קינדער, זעען מיר שוין אין זיי די שטריכן, וואָס ווייזן אַן זייער גאַנג און כאַראַקטער אין זייער שפּעטערדיק לעבן.

מאַקס איז געווען אַ קליין דאַר מענטשל, וואָס האָט אָבער געהאַט אויף זיך אַ מערקווירדיקן קאָפּ צום לערנען, וואָס שפּעטער נוצט ער עס אויס פאַר מסחר. אַפילו אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָט ער זיך באַמיט צו ענדערן זיין טיפּיש יידישן אויסזען, אָבער ער האָט ניט געקאָנט. זיין ברודער יאַקאָב, ווידער, איז שויז געווען אינגאַנצן אַנדערש.

יאַקאָב איז געווען אַ הויך געוויקסיקער, און שטענדיק אַ פריילאַכער. אַרבעטן איז אים אַפילו ניט איינגעפאַלן. זיין רייכטום און מאַכט וואָס ער האָט געקראָגן איז צו אים געקומען צופעליק. מאַקס אָבער איז געוואָרן רייך און מעכטיק דורך שווערע אַרבעט און אָנגעשטרענקטן דענקען.

פון קינדוייז אָן האָט מאַקס מקנא געווען זיין ברודער, וואָס יענער איז שענער פון אים, שטאַרקער. ווען ער איז נאָך געווען אַ

יונג קינד, האָט ער זיך געגעבן אַ שבועה אַז ווען ער וועט אויס־וואַקסן, מוז ער ווערן אַזוי גרויס און מעכטיק, אַז אַלע מענטשן וועלן אים מוזן אָפּגעבן כבוד און זיך דאַרפן בויגן פאַר אים.

ווען מאַקס איז אַביסל עלטער געוואָרן, און ער האָט שוין אָנגעהויבן לערנען גמרא, האָבן אַלע מענטשן נביאות געזאָגט אַז ער וועט אויסוואַקסן אַ גרויסער גאון. אָבער מאַקס האָט שוין דע־מאָלט געהאַט אַנדערע פּלענער פאַר זיין לעבן, וואָס האָבן גאָרניט געהאַט צו טאָן מיט תלמוד. נאָך אַלס יונג קינד האָט ער שוין ליב געהאַט זיך איינהערן, ווי זיין פאָטער דערציילט וועגן זיינע גרויסע געשעפטן.

איינמאָל ווען מאַקס האָט אַריינגעבליקט אין זיין טאַטנס בי־כער, האָט ער באַמערקט ווי זיי זיינען פאַרנאַכלעסיקט און ווערן געפירט אין אַ טאָלק. האָט ער אָנגעהויבן שלעפּן געלט פון דער קאַסע. שפּעטער, כדי דער פאָטער זאָל זיך ניט אָנשטויסן, האָט ער גענומען ענדערן די ציפערן אין די ביכער, ווי סהאָט זיך בעסער געלוינט פאַר אים. מיט די גע'גנב'עטע געלט האָט ער גענומען שפּילן אין קאָרטן.

אין די הייזער וואו ער פלעגט קומען שפּילן אין קאָרטן, פלעגן אויך אַריינקומען אַ סך סוחרים און קרעמער. פון זיי האָט עס מאַקס געקראָגן די וויכטיקע אינפאָרמאַציע, וואָס ער האָט שפּעטער אויסגענוצט.

אין דער לאָדזשער וועבער אינדוסטריע, האָבן דעמאָלט גע־הערשט צוויי מענטשן. אַ איד און אַ דייטש. דער דייטש האָט גע־הייסן הער הונצע. ער איז געווען אַ פּראָסטער מענטש. אַמאָל איז ער געווען אַ וועבער. אָבער ער האָט זיך דערהויבן דורך שווערער אַרבעט צו ווערן איינער פון די רייכסטע וועבער פאַבריקאַנטן אין פּוילן. די פאַבריק איז געווען זיין גאַנצער לעבן. דער צווייטער וועבער פאַבריקאַנט, דער איד „רב הירש", מאַקסעס שווער, איז גע־ווען פאַראינטערעסירט אין זיין רבין, אין זיינע חסידים, און אין לעבן אַ גוטן טאָג. זיין טאָכטער, דינהלע, האָט ניט ליב געהאַט איר מאַן, מאַקסן. זי האָט מיט אים חתונה געהאַט, ווייל אירע

עלטערן האָבן איר געצוואונגען. זי איז גאָר געווען פאַרליבט אין מאַקסעס ברודער, יאַקאָב.

יאַקאָב האָט געהייראַט מיט אַ רייך מיידל, אַ טאָכטער פון אַ ווארשעווער מיליאָנער. יענע האָט זיך פאַרליבט אין זיין שיינקייט. דער שווער זיינער האָט אים אַריינגענומען אין פאַבריק און גע־מאַכט אים פאַר אַ שותף. יאַקאָב האָט ניט באַדאַרפט שווער אַר־בעטן אויף זיין וועג צו רייכטום און מאַכט.

מאַקס אָבער איז ניט געווען צופרידן בלויז מיטן נדן וואָס ער האָט געקראָגן פון זיין שווער. ער האָט אָנגעהייבן טראַכטן ווי אַזוי ער קען אויך ווערן דער באַלעבאָס פון פאַבריק. אַזוי טראַכ־טנדיק איז אים איינגעפאַלן אַ פּלאַן. ער האָט אויסגענוצט זיין שווער׳ס שוואַכקייט פון אויסגעבן געלט און הנאה האָבן פון לעבן. מאַקס איז געווען בוכהאַלטער פון פאַבריק. ער האָט זיין שווער געלאָזט אַרויסציען געלט פון פאַבריק, וויפיל ער האָט אַליין גע־וואָלט. יעדעס מאָל וואָס ער האָט גענומען געלט, האָט דער שווער געמוזט אונטערשרייבן וועקסלען. מאַקס האָט געזען אַז די וועקס־לען זאָלן וואַקסן וואָס גרעסער. שפּעטער האָט ער געפאָדערט פון זיין שווער די געלט פאַר די וועקסלען. זיין שווער האָט נישט גע־קאָנט באַצאָלן, און אויף אַזאַ אופן האָט ער ביים שווער אַרויסגע־נאַרט אַ חלק אין געשעפט.

מאַקס האָט געהערשט איבער זיינע אַרבעטער מיט אַן אייזער־נע האַנט. ער האָט אַלעמאָל אויסגעטראַכט אַלערליי מיטלען ווי אַזוי אַרויסצוקריגן פון די אַרבעטער מער אַרבעט, פאַר ווייניקער געצאָלט. די אַרבעטער האָבן עס מער ניט געקאָנט אַריבערטראָגן און זיינען אַרויס אין אַ סטרייק. מאַקס האָט אויסגענוצט זיין כיטרע קאָפּ, און אויסגעטראַכט אַלערליי קונץ שטיק ווי צו אונטערדריקן די סטרייקס.

אויף אַן ענלעכן אופן, נאָך פיל אָנשטרענגונג און כיטרע שטיק, האָט ער אַריינגעקראָגן די הויפּט פאַרוואַלטונג פון העך הונ־צעס פאַבריק, פון וועלכע ער איז שפּעטער געוואָרן דער איינציקער באַלעבאָס, און דער אינדוסטריעלער קעניג פון גאַנץ לאָדזש. מאַקסן האָט ווייניק געאַרט, וואָס מענטשן האָבן אים פיינט געהאַט, אַזוי

לאנג ווי ער האָט דערגרייכט זיין ציל, און איז געוואָרן דער הויפּט דירעקטאָר פון הונצעס פאַבריקן, האָט ער זיך שוין געשטעלט צו־פרידן.

מאַקס האָט געהאַט צוויי קינדער, אַ זון און אַ טאָכטער. זיין זון איז אַוועק קיין פּאַריז, וואו ער איז שפּעטער געוואָרן אַ סאָלדאַט. זיין טאָכטער, אַ נאַרישע מיידל, האָט זיך פאַרליבט אין איר אָנקל יאַקאָב, וועמעס ווייב איז געשטאָרבן, און זי האָט מיט אים חתונה געהאַט. דאָס איז געווען אַ שרעקלעכער קלאַפּ פאַר איר פאָטער. נאָכדעם האָט מאַקס אינגאַנצן פאַרגעסן אַז ער האָט גאָר אַמאָל געהאַט אַ פאַמיליע און אַ היים; ער איז בלויז געווען פאַרנעמען מיט זיינע געשעפטן. ער האָט נאָר געטראַכט ווי ער קאָן זיי פאַר־גרעסערן. זיין געלט גייציקייט האָט אים געטריבן קיין רוסלאַנד, וואו ער האָט געהייראַט אַ צווייטע פרוי, און זייער אַ רייכע מיט גרויסע געשעפטן. אָבער ווען ער איז געווען אין רוסלאַנד איז שוין דאַן געווען פאַרפילט די מאָס פון ליידן און אונטערדריקונג. די אַרבעטער האָבן זיך געשטעלט קעגן זייערע באַדריקער און געמאַכט אַן אויפשטאַנד, וואָס האָט אויפגעטרייסלט די גאַנצע וועלט. דער הערשער פון רוסלאַנד און פּוילן, צאַר ניקאָלאַי איז אַרונטערגע־וואָרפן געוואָרן, און די אַרבעטער האָבן פאַרכאַפּט זייער מאַכט. זיי האָבן פאַרשפּאַרט יעדן קאַפּיטאַליסט, אָדער פאַבריקאַנט אין טורמע.

מאַקס איז געווען איינער פון די פאַבריקאַנטן. ער איז גע־זעסן און געפוילט אין טורמע איבער אַ יאָר צייט. פאַר דעם יאָר איז ער אַזוי געזונקען גייסטיק און פיזיש, אַז ער האָט געקראָגן דעם אויסזען פון אַ קליין קינד.

זיין ברודער יאַקאָב האָט זיך דעמאָלט געפונען אין פּוילן. ווען ער האָט זיך דערוואוסט פון זיין ברודער, איז ער געפאָרן אים ראַטעווען, אָבער ער האָט געמוזט האָבן דערפאַר אַ סך געלט. ער האָט ווי עס איז די געלט געקראָגן פון מאַקסעס ערשטער ווייב. ער האָט אים אַרויסגענומען פון טורמע.

ווען די צוויי ברידער האָבן זיך דערזען, האָבן זיי אינגאַנצן פאַר־געסן אַז זייער אַלטער שנאה, און האָבן זיך אָנגעהויבן קושן. זיי

האָבן זיך אַוועקגעלאָזט צוריק צו פּוילן. ווען זיי זיינען אָריינגעקומען אין אַ וואָקזאַל צו וואַרטן אויף אַ באַן, זיינען אַריינגעקומען אַ פּאָר שיכּורע גענעראַלן. די שיכּורים האָבן אָנגעהויבן אָפּלאַכן פון יידן און דער יידישער רעליגיע, זיטן און געוואוינהייטן. זיי האָבן אויך געמאַכט שפּאַס פון מאַקסן.

יאַקאָב האָט זיך געפּרובירט שטעלן קעגן, האָבן זיי אים דערשאָסן. ער איז געשטאָרבן זייער העלדיש.

קומענדיג קיין לאָדזש, האָט מאַקס ווידער אָנגעהויבן זיך פאַרנעמען מיט האַנדל, און איז ווידער געוואָרן דער קעניג פון דער אינדוסטריעלער וועלט. אָבער איצט איז ער שוין ניט געווען אַזוי שטרענג. ער איז שוין געווען אַן אַלטער מאַן, ער איז געוואָרן קראַנק און איז געשטאָרבן.

גאַנץ לאָדזש איז געקומען צו מאַקס אַשכּנזי'ס לויה. אַלע האָבן געטרויערט נאָך אים, ווייל ער האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט די אַלטע שטאָט לאָדזש, מיט איר פאַלשקייט, ביטערקייט און אָפּנאַרעריי.

צוזאַמען מיט אים איז אויך אָפּגעשטאָרבן די שטאָט לאָדזש, אַלס איינע פון די גרעסטע און מעכטיקסטע אינדוסטריעלע צענטערס אין דער וועלט. זי איז איצט אויך מעכטיק און גרויס, אָבער זי איז שוין ניט דאָס ווי זי איז געווען פאַר דער רעוואָלוציע.

●

ראָדאַ דיימאָנד

„די מוטער" פון שלום אַש

אין דעם בוך האָט שלום אַש אונדז באַוויזן די טיפּישע יידישע מוטער, וועלכע איז געקומען קיין אַמעריקע מיט איר גאַנצער פאַמיליע און ער האָט זי פאַראייביקט אַלס אַ גרויסן העלד.

אין דעם לעבן פון די זלאַטקינס זעען מיר ניט נאָר דאָס לעבן פון איין אידישער פאַמיליע, נאָר פון דעם יידישן פאַמיליע לעבן אין אַלגעמיין. און מיר זעען ניט נאָר לעבן אין אַלגעמיין, נאָר

מענטשן מיט זייערע טיפסטע געדאַנקען. ווען איר לייענט דאָס בוך שטעלט זיך אייך פאַר אַז איר קענט די מענטשן—אַז אויב אייער איינגן לעבן איז ניט ענלאַך צו זייערן האָט איר פריינט אָדער שכנים וועמענס לעבן איז זייער ענלאַך צו די זלאַטקינס. ווען איך האָב געלייענט פון זייער לעבן אין אייראָפּע איז עס געווען פּונקט אַזוי ווי איך האָב עס זיך פאָרגעשטעלט ווען מיין מאַמע האָט מיר דער־ציילט פון איר לעבן אין איראָפּע. יאָ, האָב איך געטראַכט בא זיך, איך קען טאַקע די מענטשן—איך האָב זיי אַלעמאָל געקענט און דאָך: האָב איך טאַקע געקענט שרה רבקה'ען? נאָר איינע פון אירע קינדער האָב איך טאַקע געקענט—נו, איז ווי קען אַ פרעמדער טאַקע „קענען אַ מענטשן?"

שלום אַש האָט פאַר אונז געשילדערט אַ מענטש וועלכער איז אַזוי גוט און קלוג, און וועלכער האָט געהאַט אַזאַ שיינעם כאַראַקטער אַז עס דאַכט זיך אַז דאָס מוז זיין „אייער" מוטער, ווייל, איז ניט אַלעמאָל אייער מוטער די בעסטע אויף דער וועלט? און דאָס האָט שלום אַש געטאָן—ער האָט געשילדערט די בעסטע מוטער אין דער וועלט. זי האָט געאַרבעט שווער פאַר איר מאַן און פאַר אירע קינ־דער און קיינמאָל האָט זי אויף זיך קיין רחמנות געהאַט. זי האָט אַפילו ניט געוואוסט אַז זי אַרבעט. דאָס וואָס זי האָט געטאָן פאַר אירע קינדער איז ביי איר ניט געווען קיין אַרבעט. איר כאַראַקטער איז געווען דער זעלבער אי אין אייראָפּע און אויך אין אַמעריקע, כאָטש אין אַמעריקע האָט זי געהאַט נייע זאָרגן און אפשר נאָך מער זאָרגן ווי אין איראָפּע. אין איראָפּע האָט זי נאָך געקאָנט פאַר־שטיין אירע קינדער, אָבער אין אַמעריקע איז געווען אַנדערש—שלמה האָט גע'טענה'עט אַז ער האָט געאַרבעט גענוג פאַר זיינע עלטערן צו קענען שיקן נאָך זיי אַז זיי זאָלן קומען קיין אַמעריקע און אַז איצט בעדאַרף ער אַרבעטן פאַר זיך—חתונה האָבן—זאָרגן פאַר זיך. יאָ, ער האָט אויף זיך רחמנות געהאַט. אָבער דאָס איז נאָר געווען ווייל זיין געליבטע האָט אים דאָס איינגערעדט—ער האָט ניט געקענט פאַר זיך אַליין דענקען—נאָר ער האָט זיך געהאַלטן פאַר דעם גאַנצן באַלעבאָס—ער איז ניט מער קיין „גרינער" ער קען שוין אַמעריקע און אַמעריקאַנער וועגן.

שרה רבקה איז געווען אַ קלוגע מאַמע. זי האָט אים געזאָגט אַז „ער האָט רעכט”. יאָ, זי האָט אים פאַרשטאַנען, אָבער זי האָט ניט פאַרשטאַנען די „אַמעריקאַנער וועגן” וואָס ער האָט פּרובירט פאַר איר קלאָר מאַכן. און זיינען דען ניט דאָ אַ סך שלמה'עס אויף דער וועלט? מענטשן וועלכע האַלטן זיך פאַר מאַרטירער און זיינען דאָך פּשוט'ע מענטשן; וועלכע גלויבן אַלץ וואָס מען זאָגט זיי אויב מען קען זיי איינרעדן אַז מען גלויבט אַז זיי זיינען מאַרטירער... מענטשן וועלכע האַלטן זיך גרויס און האָבן דאָך גאַרניט מיט וואָס זיך גרויס צו האַלטן? און ווען מיר טראַכטן ווייטער קומט דער געדאַנק אַז מיר אַליין האָבן זיך איינינקע מאָל געהאַלטן פאַר מאַרטירער און ניט געהאַט קיין רעכט דערצו...

יאָ, שרה רבקה האָט גע'טענה'עט אַז אין אַמעריקע איז אַנ־דערש—עס איז דאָ ניט געווען שיין פאַר יונה גדליה'ען, דעם לערן ייִנגל, צו זיצן אין דער היים און לערנען, נאָר ער האָט געמוזט אַר־בעטן אפילו אויב נאָר פאַר אַ פּאָר שעה אַז ער זאָל קענען געבן זיינע פאַר טאָלער צו דער מאַמע. ער האָט אויך געלערנט, אָבער איצט האָט ער געלערנט מער ענגליש און ווייניקער תורה.

משה'לע אָקס איז אָבער ניט געוואָרן אַנדערש. יאָ, די מאַמע האָט אים פאַרשטאַנען און ער האָט פאַרשטאַנען דער מאַמען. ער איז געווען דער סוחר. און כאָטש ער האָט געהאַנדלט מיט אַנדערע זאַכן איז אָבער זיין כאַראַקטער געווען דער זעלבער אין אַמעריקע ווי אין אייראָפּע. ער האָט נאָר געדאַרפט אַ קוק טאָן אין דער מאַ־מע'ס אויגן און שוין געוואוסט וואָס זי וויל און וואָס ער זאָל טאָן פאַר איר.

נאָר דבורה איז געווען די גרעסטע פּראָבלעם. אין אייראָפּע האָט די מאַמע איר זייער גוט פאַרשטאַנען און טאַקע געקענט— און פאַרוואָס ניט? זי איז דאָך געווען אַזאַ נאַאיווע און אַזאַ גוטע. און זי האָט דאָך אַזוי ליב געהאַט די מאַמע—זי האָט פאַרשטאַנען דער מאַמען און די מאַמע איז געווען אַזוי אינטים מיט איר און איר געפרעגט עצות אויף אַלע פראַגן און איר געזאָגט פון אַלע זאָרגן—און דבורה'לע האָט גוט געוואוסט פאַרוואָס די מאַמע

דרייט זיך דעם קאָפּ. און צוערשט אין אַמעריקע איז ניט געווען פיל אַנדערש ווי אין אייראָפּע דבורה'לע האָט געאַרבעט. און ווען זי האָט אויסגעפונען אַז זי אַרבעט ניט אין אַ יוניאָן שאַפּ, האָט זי אויפגעהערט צו אַרבעטן אין שאַפּ און געגאַנגען אין סקול, און די מאַמע האָט איר פאַרשטאַנען. זי האָט געהאָלפן אַ סך אין שטוב— נאָר די מאַמע האָט געוואוסט וויפיל—יאָ, די מאַמע האָט נאָר געקענט פאַרשטיין דבורה'לען.

(און דאָן האָט אויך דער טאַטע געקענט פאַרשטיין. אין איי־ראָפּע איז דער טאַטע געווען זייער אַ רעליגיעזער און האָט נידער־שעצט אַרבעטער—„נייען העמדער איז דאָך אַ פּרוי'ס אַרבעט— האָט ער גע'טענה'ט ווען מען האָט אים צוערשט געזאָגט אַז אין אַמעריקע וועט ער מוזן אַרבעטן. נו, האָט ער געאַרבעט און איז געוואָרן מיד— און ווייטער געאַרבעט — און דאָן האָט ער אָנ־געהויבן צו קוקן אַנדערש אויפן לעבן. ער האָט געקענט זאָגן „איך אַרבעט פאַר מיין שטיקל ברויט". יאָ, ער איז איצט אויך געווען אַ רעליגיעזער, נאָר אַביסל אַנדערש געקוקט אויף דעם לעבן, און דאָך האָט ער געקענט פאַרשטיין דבורה'לען).

און „דבורה'לע" איז ביסלעכווייז געוואָרן „דבורה". זי האָט זיך מער און מער צעשיידט מיט דעם פאַמיליען לעבן און האָט מער געדענקט פון איר איינן לעבן—טאַקע פון זיך אַליין. עס איז געווען דאָן ווען זי האָט שוין געלעבט אין גאָר אַן אַנדער וועלט ווי פריער —אַ נייער אַמעריקאַנער וועלט—און אין איר וועלט איז נאָר זי געווען מיט איר געליבטן—בוכהאַלצן. דבורה האָט אין אים דערזען זיין קונסט—קונסט וואָס איז געווען אַפילו שווער פאַר בוכהאַלצן צו געפינען. יאָ, דבורה האָט דערזען דעם וועג אין וועלכן זי קען אים העלפן און דערפאַר האָט זי פאַרלאָזט איר היים. און דאָן האָט די מוטער איר שוין ניט געקענט פאַרשטיין. אַפילו ווען דבורה האָט איר דערקלערט אַז זי אַרבעט פאַר בוכהאַלצן פּונקט אַזוי ווי די מאַמע אַרבעט פאַר אירע קינדער, האָט די מאַמע דערפילט אַז דבורה גייט ווייטער און ווייטער אַוועק פון איר. אָבער דבורה האָט דאָס נישט דערפילט. דבורה האָט בעסער געקענט די מאַמע ווייל

זי האָט איצט געהאַט דער מאַמע׳ס געפילן און דערפאַר האָט זי בעסער געקענט פאַרשטיין דער מאַמע׳ס געפילן. און ווען די מאַמע איז געשטאָרבן איז דבורה געווען די וועלכע האָט אַם וויניקסטן געוויינט, ווייל זי איז געווען די וועלכע האָט עס אַממערסטן געפילט. יאָ, דבורה האָט שטאַרק געליטן און קיינער האָט עס ניט געוואוסט.

דבורה האָט שטאַרק געליטן פאַר בוכהאַלצן און ער האָט פון דעם ניט געוואוסט. און מיט אירע ליידן האָט דבורה אים געהאָלפן. ער האָט פון איר געמאַכט זיין מייסטער־ווערק און האָט עס גערופן „די מוטער", און די סטאַטוע איז געשטאַנען שטאָלץ אָן מורא.

איך האָב געמיינט אַז אויב אַזאַ סטאַטוע וואָלט טאַקע געווען וואָלט עס געווען אַזוי וואונדערבאַר אַז מיר וואָלטן אין איר געזען די זעלבע מיינונג וואָס שלום אַש האָט אַרויסגעבראַכט מיט זיין בוך „די מוטער". דער פּנים איז געווען ענלאַך צו דבורה׳ס און מענטשן וועלכע האָבן געזען די סטאַטוע האָבן אָן אויסנאַם געזאָגט אַז זיי קענען די פרוי, נאָר געדענקען ניט וואו זיי האָבן זי געזען. —און פאַרוואָס ניט?—דבורה איז דאָך געווען די מאָדעל און ווייל דער סקולפּטאָר האָט אין איר געזען אַ העלד האָבן מענטש געזען דאָס וואָס די סטאַטוע האָט געמיינט, ניט דעם מענטש אליין.

און דבורה איז טאַקע געווען מער אַ העלד ווי בוכהאָלץ האָט געוואוסט. איר כאַראַקטער איז געווען אַזוי שיין אַז זי האָט עס ניט געהאַלטן קעגן בוכהאָלצ׳ן וואָס ער האָט איצט ליב אַנדערע. די אַנדערע האָט אים דאָך איצט געקאָנט העלפן—געקאָנט אַנהויבן וואו דבורה האָט ניט מער געקענט גיין.

שרה רבקה איז געשטאָרבן ווען זי האָט זיך זיכער געמאַכט אַז אירע קינדער דאַרפן זי ניט מער, און דבורה איז געגאַנגען וואו זי האָט געקאָנט העלפן. בוכהאָלצ׳ן האָט זי ניט מער געקאָנט העלפן און אהינצו איז זי געגאַנגען—צוריק צו איר פאַמיליען לעבן, און האָט דאָך געטראָגן אויף זיך אַ פליכט—די פליכט פון אַ מוטער.

שרה סימקין

דער אָנהויב פון פאַשיזם

די וועלט מלחמה איז געקומען צו אַן ענדע ווען דער אָפּמאַך צווישן די קעמפנדיקע פעלקער איז אונטערגעשריבן געוואָרן אין ווערסאַיל, פראַנקרייך.

די מלחמה איז פאַראיבער, די אַרמייען פון די זיגער און באַזיגטע האָבן די שלאַכטפעלדער פאַרלאָזן. אָבער אין די לענדער גופא האָט זיך די מלחמה ניט געענדיקט. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ ביטער קאַפּיטל פון מלחמה נאָכוויייעניש, וועלכע זיינען פונקט אַזוי שלעכט ווי מלחמה. עס האָבן זיך אָנגעהויבן אינערלאַכע רייסערייען און פּאַרטיי קאַמפן. איינער האָט באַשולדיקט דעם צווייטן אין פאַרשיידענע פאַרברעכנס. די שווערע פּראָבלעמען וואָס דער אַזוי גערופענער ווערסאַילער שלום האָט באַשאַפן האָבן געמוזט געלייזט ווערן. די מאַסן וועלכע האָבן אַזוי פיל געהאָפט אויף דעם שלום און זיך געפרייט ווען ער איז געקומען האָבן מיטאַמאָל זיך געפינען אין אַ נייער פאַרצווייפלטער לאַגע. דאָס לאַנד האָט אין מלחמה ניט נאָר פאַרלאָרן אַ סך מענטשן נאָר אויך גרויסע פאַרמעגנס און דאָס לאַנד איז פאַראָרימט געוואָרן, עס איז ניט געווען קיין אַרבעט און קיין ברויט. די פאָלקס מענטשן האָבן זיך דערפילט דערשלאָגן און אומגליקלאַך, אָט דאַן האָבן די קאַפּיטאַליסטן פון די פאַשיסטישע לענדער אויסגענוצט די געלעגנהייט און געשאַפן אַ נייע פּאָזיציע פאַר זיך—דעם פאַשיזם.

איטאַליע איז דאָס ערשטע לאַנד וואו דער פאַשיזם איז געבאָרן געוואָרן. ווען די מלחמה האָט אויסגעבראָכן האָט איטאַליע זיך אָנגעשלאָסן מיט דייטשלאַנד און עסטרייך, אָבער די עלאַיס האָבן איר אָנגעבאָטן אַ גרעסערן חלק פון רויב ווען די מלחמה וועט געווינען ווערן, האָט זי גלייך פאַרראַטן אירע מלחמה פריינט און איז איבערגעגאַנגען צו די עלאַיס.

נאָך דער מלחמה האָט איטאַליע זיך אַרומגעקוקט, אַז זי האָט ניט געקראָגן געבוג רויב ווי זי האָט דערוואַרטעט איז זי געוואָרן

פאַרביטערט. מען מוז געדענקען אַז די מלחמה איז געווען זייער אַ פאַרצויגענע און האָט געקאָסט צו טייער. דאָס לאַנד איז אָרעמער געוואָרן. עס איז געקומען אַ שווערער פינאַנציעלער קריזיס, די אינדוסטריע איז געווען פאַרקריפּלט, די לאַגע פון די אַרבעטער איז געוואָרן שווערער פון טאָג צו טאָג, אַ גרויסע אַרבעטסלאָזיגקייט האָט געהאַלטן זיך אין פאַרשפּרייטן און אַרומגעכאַפּט דאָס גאַנצע לאַנד.

די קאַפּיטאַליסטן פון איטאַליע האָבן געוואוסט אַז די אַרבע־טער זיינען סאָציאַליסטיש געשטימט האָבן זיי געזוכט אַ וועג ווי אַזוי זיך אויסצובאַהאַלטן אונטער די פליגעס פון אַ סאָציאַליסט וועלכער זאָל די אַרבעטער פאַרפירן. האָבן זיי געפינען איינעם, אַן אַזוי גערופענעם סאָציאַליסט און האָבן אים אַרויסגעשטעלט פאַר אַ נייעם דערלייזער. אַזוי אַרום איז אויפגעטראָטן בעניטאָ מוסאָליני.

די סאָציאַליסטן האָבן גלייך דערזעען, אַז מוסאָליני איז אַ געצייג אין די הענט פון די קאַפּיטאַליסטן, אָבער עס איז געווען צו שפּעט עפּעס צו טאָן. דער נייער פירער האָט שוין געהאַט פאַר־כאַפּט די מאַכט, ער האָט אַ סך ראַדיקאַלע מענטשן און סאָציאַ־ליסטן אַריינגעוואָרפן אין די טורמעס, פילע זיינען זיך צעלאָפן און ער האָט מיט אַן אייזערנע האַנט גענומען הערשן.

נאָך ערגער איז געווען די לאַגע אין דייטשלאַנד. לויט דעם אָפּמאַך פון ווערסאַיל, האָט דייטשלאַנד פאַרלוירן אירע קאָלאָניעס און נאָך געמוזט צאָלן גרויסע סומען שאָדנערזאַץ. דייטשלאַנד איז דערקלערט געוואָרן אַלס די שולדיקע אין דער וועלט מלחמה. די אַלע זאַכן צוזאַמענגענומען האָבן די דייטשן שטאַרק דערשלאָגן, זיי האָבן זיך געפילט דערנידריגט. די סאָציאַליסטן וואָס זיינען אַריין אין מאַכט נאָך דער מלחמה, ווען ווילהעלם איז געווען געצוואונגען אויפצוגעבן זיין טראָן, זיינען טאָג טעגלאַך באַקעמפט געוואָרן פון די אַנדערע פאַרטייען אין לאַנד. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ שרעק־לאַכער קאַמף צווישן די פאַרטייען. דערצו האָבן די מלחמה זיגער געמאָנט שווערע סומען געלט פון דער דייטשער רעגירונג. דאָס פאַראָרימטע לאַנד האָט אָנגעהויבן ליידן וואָס מער אַ טאָג אַלץ שווערער און שווערער. די לאַגע איז אויך דאָ געוואָרן אַ פאַר־

צווייפלטע. אַ פּחד האָט אַרומגעכאַפּט דאָס לאַנד. אומרוהען האָבן אָנגעהויבן ווערן אַן אָפּטע דערשיינונג אין פאַרשיידענע טיילן פון לאַנד. עס האָבן געקעמפט סאָציאַליסטן מיט קאָמוניסטן. אַרבעטס־לאָזיגקייט, אָרימקייט און נויט האָבן אָנגעהויבן שרעקן די אָרימע מאַסן און אויך דאָ האָבן די קאַפּיטאַליסטן אָפּגעטאָן אַ שפּיצל, זיי האָבן געזוכט ווי אַרום צו באַשווינדלען די אָרעמע מענטשן, וועלכע האָבן זיך געפונען אין פאַרצווייפלונג. האָבן זיי געדונגען אַ ווילדן, האַלב צעדרייטן „פּאַפּיר הענגער" און אויסגענוצט זיין קאַמף קעגן קאָמוניזם און אים געמאַכט פאַר קאַנצלער.

די קאַפּיטאַליסטן האָבן אָנגענומען די נידערטרעכטיקסטע מיטלען צו באַקעמפן די סאָציאַליסטישע רעגירונג. זיי האָבן אַלץ געטאָן איר אונטערצושטעלן אַ פיסל און דערביי אַלעמאָל אָנגעוויזן אויף דער געפאַר פון אַ סאָציאַליסטישער רעגירונג. זיי האָבן פאַר־פּלייצט דאָס לאַנד מיט פּראָפּאַגאַנדאַ און געשראָקן די אָרימע מאַסן מיט קאָמוניזם, אָנגעגעבן טויזנטער פאַלשע בלבולים אויפן ראַטנ־פאַרבאַנד און דערציילט ווי מענטשן פאַלן דאָרט פון הונגער און פון קעלט און אַזוי אַרום אַרויפגעוואָרפן אַ פּחד אויף די דייטשן און דאָס אַלעס האָט זיי געהאָלפן אַרויפצוזעצן היטלערן אַלס קאַנצלער.

די פּראָפּאַגאַנדאַ האָט שטאַרק געווירקט אויפן מיטל־קלאַס וועלכער האָט אין די נאָך מלחמה יאָרן ניט געקענט קומען צו זיך און אַזוי אַרום האָט זיך היטלער אַריינגעכאַפּט און צעבראָכן די פרייע דייטשלאַנד.

היטלערן האָט אויך אַ סך געהאָלפן זיין אַנטיסעמיטיזם. האָבנ־דיק דאָס געלט צו פאַרשפּרייטן אַ גרויסע פּראָפּאַגאַנדאַ, האָט ער געבויט אַ פּאַרטיי פון בויאַנעס וועמען ער האָט איינגערעדט, אַז יידן פאַרנעמען אַלע פּרנסות, אַלע בעסטע שטעלעס אין לאַנד און אַזוי שנעל ווי ער וועט איבערנעמען די רעגירונג וועט ער די יידן אַרויסטרייבן, פאַרנעמען זייער פאַרמעגן און זייערע שטעלעס צע־טיילן צווישן זיינע מענטשן. דאָס האָט געווירקט און היטלער איז געוואָרן „דער פירער", דער שוידערלאַכער הערשער, וועמעס האַרץ איז פול מיט מאָרד.

היטלער האָט זיין מערדער האַנט שוין אויך אויסגעשטרעקט קעגן די עסטרייכער. דער אַזוי גערופענער, „אַנשלוס" האָט אויך געבראַכט אומגליק, צווייפל און דערנידערונג צו די יידן פון עסט־רייך, פונקט ווי עס איז געווען דער פאַל אין דייטשלאַנד.

אין אָנהויב האָט עס אויסגעזעען, אַז היטלער וועט ניט לאַנג געוועלטיקן. זיינע מעשים האָבן אפילו אַביסל אויפגערודערט די וועלט, אָבער איצט האָט עס ווי עס שיינט די קאַפּיטאַליסטישע וועלט אויפגענומען און שווייגט. ער טוט וואָס ער וויל און לאַכט זיך אויס פון דער גאַנצער דעמאָקראַטישער וועלט. אייראָפּע ווערט אָנגעשטעקט מיט די דערפאַלגן פון דעם „פירער" און אפילו אונדזער פרייע אַמעריקע דולדעט די מעשים פון זיינע משרתים דאָ אין לאַנד.

●

משה אייזיק ווישנער

דער נביא ירמיהו

ירמיהו ווערט אָנגערופן אין דער געשיכטע דער נביא פון צער און ליידן, ווייל ער האָט געלעבט אין זייער אַן אומרואיקער צייט, ווען מלכות יהודה האָט געהאַלטן באַם אונטערגאַנג.

דער נביא ירמיהו איז געבאָרן געוואָרן אין אַ קליין שטעטל אַנאַטרים, פיר מייל פון ירושלים, אויף דער גרעניץ פון ישראל. זיין טאַטע איז געווען אַ כהן.

ווען ער איז נאָך געווען אַ יונגער יינגל, פופצן יאָר אַלט, האָט ער שוין אין זיך דערפילט אַז ער איז אַן אויסדערוויילטער פון גאָט צו לערנען די מענטשן אַז זיי גייען אַוועק פון אמת און גערעכטיקייט און לאָזן זיך אויף אַ פאַלשן וועג.

איינמאָל האָט ער געהאַלטן אַזאַ מין פייערדיקע רעדע קעגן דעם אומרעכט און פאַרברעכן, ליגן און פאַלשקייט וואָס ער האָט

געזען אין דער גרויסער שטאָט ירושלים, אַז ער האָט געמוזט אַנטלויפֿן פֿון שטאָט, ווייל די אומוויסנדע פֿאַרפֿירטע מענטשן האָבן אים געוואָלט הרגענען.

ירמיהו האָט זיך ניט אָפּגעשראָקן. ער האָט זיך אומגעקערט צוריק אין ירושלים. ער איז אַרומגעגאַנגען איבער די גאַסן פֿון דער שטאָט און אַ צעווייטאָקטער זיך צוגעקוקט ווי די מענטשן זאָגן ליגן, נאַרן אָפּ און באַשווינדלען איינער דעם אַנדערן.

ירמיהו האָט אַרויסגעטראָטן אין אַ פֿייערדיקע רעדע וואָס ער האָט געהאַלטן אויפֿן הויף פֿון בית המקדש קעגן די אומגערעכ־טיקייטן און גוואַלדאַטן וואָס ער האָט געזען. ער האָט אַרויסגע־טראָטן מיט די שטאַרקסטע ווערטער קעגן די רייכע אַריסטאָקראַטן וואָס פֿאַרשקלאַפֿן און אונטערדריקן דעם אָרימן פּויער און לוין אַרבעטער. אויב זיי וועלן זיך ניט פּירן ווי מענטשן דאַרפֿן זיך אויפֿירן, און ליב האָבן זייערע מיט־מענטשן, און וועלן ניט אויפֿהערן צו דינען צו פֿרעמדע אָפּגעטער, וועט קומען אויף זיי די שטראָף פֿון גאָט, ער וועט זיי דערפֿאַר באַשטראָפֿן, ער וועט צעשטערן דעם הייליקן טעמפּל און דאָס גאַנצע לאַנד.

„ווי איז צו דעם, וואָס בויט זיין הויז מיט אומגערעכטיקייט
און זיינע אויבערשטובן מיט אומרעכט,
וואָס אַרבעט מיט זיין חבר אומזיסט,
און גיט אים ניט זיין לוין".

פֿאַר אָט דער רעדע האָט מען דעם גרויסן נביא פֿאַרשפּאַרט אין טורמע.

מען האָט ירמיהו'ן איבערגעגעבן צום געריכט. מען האָט אים געוואָלט באַשטראָפֿן מיט טויט פֿאַר זיינע ווערטער וועגן דעם הייליקן אָרט, אָבער זיינע פֿריינט האָבן אים באַפֿרייט.

צום באַדויערן האָבן זיך די מענטשן ניט צוגעהערט צו די שטראָף רייד פֿון ירמיהו און זיי האָבן געטאָן שלעכטס און פֿאַלש־קייט. דער יידישער מלך יהויקים האָט אויפֿגעהויבן אַ בונט קעגן דער מעכטיקער מלוכה פֿון בבל. דער נביא ירמיהו האָט אים גע־

וואָרנט, אַז אומזיסט איז דער קאַמף, ווייל ער האָט פאָראויסגעזען, אַז די באַבילאָניער זיינען שטאַרקער, און וועלן צום סוף איינגעמען אַלע לענדער אַרום דעם מיטללענדישן ים. ירמיהו האָט געוואָלט פאַרמיידן אומזיסטע בלוט פאַרגיסונג.

ירמיהו האָט ליב געהאַט זיין פאָלק. ער האָט אים ניט גע־וואונטשן קיין שלעכטס, דערפאַר טאַקע האָט ער געוואָרנט ניט צו שטעלן זיך קעגן די באַבילאָניער. און אַזוי איז טאַקע געווען. די בבלים זיינען באַפאַלן יהודה. די שטאָט ירושלים איז אַרומגערינגלט געוואָרן, און אַ ביטערער הונגער איז אויסגעבראָכן אין שטאָט. טויט און פאַרוויסטונג האָבן אָנגעפילט די שטאָט.

ירמיהו האָט געזען דאָס שרעקלעכע אומגליק, דעם חורבן פון ירושלים און פון בית המקדש. ער האָט געזען ווי דאָס פאָלק איז געטריבן געוואָרן אין דער פרעמד. יאָרנלאַנג האָט עס ירמיהו פאָר־אויסגעזען, אָבער מען האָט זיך פון אים אויסגעלאַכט.

ירמיהו איז געפאַנגען געוואָרן פון די באַבילאָניער,, מען האָט זיך געקליבן אים אוועקשיקן קיין בבל, אָבער מען האָט אויסגעפונען ווער ער איז, אַז ער איז געווען קעגן דעם אויפשטאַנד, און מען האָט אים איבערגעלאָזט אין לאַנד.

נאָך דעם ווי גדליהו איז דערמאָרדעט געוואָרן פון די יידישע פאַטריאָטן, האָבן זיי אַנטלויפנדיק מיטגענומען ירמיהו׳ן קיין עגיפטן.

אין דער פרעמד, פאַרוואָרפן פון זיין לאַנד, איז ירמיהו גע־שטאָרבן. ביזן סוף איז ער פאַרבליבן דער מוטיקער קעמפער פאַר אמת און גערעכטיקייט. ביזן סוף איז ער פאַרבליבן דער נביא פון צער און פון ליידן.

יוסף זיידמאַן

אַ טאָג

ווייט, גאַר אין דער ווייטן, זעט זיך אַ ביסל ליכטיקייט, אַ האַלב בלויער און האַלב גרויער קאָליר. און אין אַ מינוט ווערט עס אַ רויטער־גרויער־בלוי. אין דער זעלבער צייט די פינטעלאַך, —די שטערן ווערן פאַרשוואונדן. די לאַמטערן אויף די גאַסן ווערן אויסגעלאָשן און מיר הערן דעם ערשטן סימן פון דער אויפגעוועקטער מענטשהייט. דאָרטן הערן מיר אַ האָרן פון אַן אָטאָמאָביל, דאָ דאָס קלינגען פון אַ פעטן, רויטן טראַמוויי, די באָסעס רירן זיך מיט אַ גרויסן שטאַרקן רעש. אָבער זיי זיינען אַלע ליידיק.

דער הימל אין מזרח ווערט רויטער, שטראַלן פון דער געטלעבער זון, שטראַלן וועלכע גייען צווישן די וואָלקנס און פאַרבן זיי אין ליכטיקן רויט, רויט ווי אַ רויז אויף אַ קליין ביימאַלע.

די זון איז שוין הויך און אויף דער ערד זעען מיר די טראַמוואַיען, די באָסעס, די אָטאָמאָבילן, אַלע געפּאַקט פול ווי אַן אויג מיט מענטשן, פעטע, דינע, שטאַרקע, קראַנקע, בלאַסע, רויטע, רייכע, און אָרעמע מענטשן. זיי לויפן הין און הער. שנעלער ניט צו פאַרשפּעטיקן. און אין דעם פּאַרק זעען מיר סטודענטן. זיי גייען שנעל, אָבער נישט אַזוי שנעל ווי די מענטשן אין די טראַמוואַיען, באָסעס און אָטאָמאָבילן. זיי גייען, לאַנגזאַם, פּאַמעלאַך, זיי איילן זיך נישט, זיי דענקען פון נעכטן און טראַכטן אפילו פון דעם מאָרגן. זיי האָבן ליב דאָס לעבן. זיי ווילן זיין די דענקער, די וויסנשאַפטסמענטשן פון דעם קומענדיקן מאָרגן: דער נייער טאָג.

די זון שפּאַצירט איבער די וואָלקנס, העכער, העכער. זי ווערט היים. די סטודענטן שוויצן, אָבער לערנען מוזן זיי. די זון בריט, ס'איז אַזוי היים אַז ס'איז שווער צו אָטעמען; ז'איז אַ קיילעכדיקער קויל פון פייער, היים. די טראַמווייען גייען נישט אַזוי שנעל, זיי קריכן און זיי קומען צו אַן אָפּשטעל איז עס מיט אַ קרעכץ, אַ סקריפּ פון אַן אָפּגעלאָזנקייט פון דער היץ. זיי שטייען און בריען. ס'אַזי היים! . . .

די זון איז איצט שוין ניט קיין ווייסע און אויך ניט אזא רויטע נאָר צווישן רויט און ווייס. און דאַן זעען מיר די סטודענטן. זיי האָבן שוין אָפּגעשוויצט, זיי קומען אַ היים, אָנגעלאָדן מיט ביכער, היימאַרבעט פאַר פינף, זעקס שעה. אָבער זיי האָבן אידעאַלען, זיי ווילן זיין ווי איינשטיין, ווי ניוטאָן און ווי אַנדערע וויסנ־שאַפטסלייט.

ביסלאַכווייז פאַרוואַנדלט זיך די זון אין קאָלירן: רויט, בלוי, ווייס, געל, און גרין און ביסלאַכווייז גייט זי אונטער — ביסלאַכ־ווייז. ס׳ווערט אַ ביסל טונקעלער. די לאַמטערן אויף די גאַסן צינדן זיך אָן. די טראַמוואַיען, נאָך־אַ־מאָל אָנגעשטאָפּט מיט די מענטשן, פאַרהאַרעוועטע, פאַרשמירטע פון אַ טאָג אַרבעט, פון זייערע אויגן איז אַוועק דער גלאַנץ. די אַריסטאָקראַטן, די בורזשואַזיע אָבער אין זייערע גלאַנצנדיקע מאַשינען ווייזן זיך אויף די לאַמטערן־ליכטיקע גאַסן.

ס׳ווערט פינסטער, אָבער אין דער שוואַרצער, פינסטערער נאַכט, זעען מיר די לאַמטערן פון הימל, די ווייסע, ווייטע שטערן. און אויף דער הימלדיקער גאַס, דער מילך וועג, אפשר גייען דאָרט אויך טראַמוואַיען, אָבער נישט אָנגעפּאַקט מיט מענטשן נאָר אפשר מיט די געטער, די גראָבע געטער, די דינע, די רייכע, די שיינע געטער גייען דאָרט.

און דאַן, פּאַמעלאַך, נעמט זיך אַרויסרוקן די לבנה פּאַמעלאַך, האַלב שעמעוודיק. אַ וואָלקן גייט איבער איר פּנים, ווי אַ טול, אָבער מיט אַמאָל ווישט דער ווינט אַראָפּ דעם טול און זי קוקט אַרויס, פריילאַך, אויף די שפּילדיקע געטער. אַלעס איז רואיק, שטיל און זאָרגלאָז. אַלע האָבן זיך ליב. ס׳איז ניטאָ קיין מלחמה.

די געטער גייען אַראָפּ פון דעם מילך וועג און נעמען אַ טרינק פון דעם ים. אָבער אַלע שיינע און גוטע זאַכן ענדיקן זיך.

און ווייט, גאָר אין דער ווייטן, זעט זיך אַ קליינע ליכטיקייט, אַ האַלב רויטע און האַלב גרויע אין קאָליר, און מיר זעען די לבנה, אַ האַלב, אַ פערטל, אן אכטל . . . און זי איז נישטאָ מער.

יצחק קרייטשיק

דער אַרבעטער רינג

דער אַרבעטער רינג איז געבוירן געוואָרן אין די מוחות פון צוויי ניו־יאָרקער קלאָקמאַכערס אין מערץ, 1892. אַפּריל דעם 4טן, 1892, האָבן די צוויי קלאָקמאַכער, מיט אַ קליינעם הייפל אַרבעטער געגרינדעט דעם אַרבעטער רינג. דער אַרבעטער רינג איז געגרינדעט געוואָרן אַלס אַ פּראָגרעסיווער אַרבעטער פאַריין פאַר קעגנזייטיקער הילף.

עס האָט גענומען זעקס יאָר ביז די אידייע האָט זיך פאַר־שפּרייט, אָבער ווי נאָר זי איז פאַרשפּרייט געוואָרן, האָט דער אַרבעטער רינג אָנגעהויבן וואַקסן ביז איבער זעקס הונדערט מיט־גלידער אין אַ קורצער צייט.

ווען אַן אָרגאַניזאַציע וואַקסט זיינען דאָ מאָמענטן ווען די אָרגאַניזאַציע וואַקלט זיך. אַמאָל קומט די אָרגאַניזאַציע ארויס גוט, און אַמאָל איז דאָס קיין אָרגאַניזאַציע אינגאַנצן ניט. דער אַרב. רינג האָט אויך געהאַט זיינע מאָמענטן פון וואַקלען זיך, אָבער ער איז ארויס גאַנץ און שטאַרק. דער ערשטער קריזיס איז געווען דער טשאַרטער אין ניו־יאָרק. עס זיינען געווען אַ פּאָר אומרעגולאַרע פּונקטן אין די געזעצן פון דער אָרגאַניזאַציע און אַזוי ווי דער אַרבעטער רינג איז אַן אַרבעטער אָרגאַניזאַציע, זיינען די שטאַט־טאַטעס ניט געווען נייגעריק צו געבן אַ טשאַרטער. די אומרעגולאַרע פּונקטן האָט מען אויסגעגליכן און די שטאַט־טאַטעס האָבן געמוזט געבן דעם טשאַרטער.

מיט דעם טשאַרטער אין קעשענע, האָט די אָרגאַניזאַציע אָנגעהויבן וואַקסן אַזוי אַז אין 1910 האָט דער אַרבעטער רינג געהאַט שוין 38 ,000 מיטגלידער. דער שנעלער וואוקס איז געווען טיילווייז אַ רעזולטאַט פון דער גרויסער יידישער עמיגראַציע פון רוסלאַנד. ווי איך האָב געזאָגט פריער, איז געווען אין דער אָרגאַניזאַציע אַ פּאָר נישט רעגולאַרע פּונקטן. איינער פון אָט די פּונקטן איז געווען ווי מען רופט זיי „סטעפּ־רייטס", און עס איז

געוועז א גרופּע וואָס האָט געגלויבט אַז מען דאַרף האָבן „פּראָ־טאָרנעל רייטס". די גרופּע האָט זיך אָפּגעצווייגט אין יאָר 1906, און האָט געגרינדעט דעם „אינדיפּענדענט אַרבעטער רינג". די פּראָגע איז ניט געלייזט געוואָרן ביז 1932 ווען דער אַרבעטער רינג האָט אָנגענומען „פּרעטוירנעל רייטס" דורכאויס. דאַן האָט דער „אינד. אַרב. רינג" זיך אָנגעשלאָסן.

כאָטש דער אַרבעטער רינג איז געגרינדעט געוואָרן אויפן פּרינציפּ פון בילדונג, האָט געדויערט אַ לאַנגע צייט ביז מען האָט עטאַבלירט די קינדער שולן. יידיש איז ביי די גרינדער פונ'ם אַר־בעטער רינג בלויז געווען אַ מיטל פון צוזאַמענריידן זיך, ביז מען האָט זיך אויסגעלערנט די ענגלישע שפּראַך. צוליב דעם, האָבן זיי ניט געטראַכט צוערשט וועגן דער יידישער שול אַלס אַ דערציאונגס פּאַקטאָר. אָבער דר. חיים זשיטלאָווסקי האָט דורך זיינע רעדעס באוויזן אַז יידיש איז די נאַציאָנאַלע שפּראַך פון די יידן און אינ'ם יאָר 1919 האָבן די באוואוסטזיניקע טוער פונ'ם אַרבעטער רינג געגרינדעט די ערשטע עלעמענטאַר שול אין ניו יאָרק. די שול באַ־וועגונג האָט זיך שנעל פּאַנאַנדערגעבליט און אין יאָר 1937 גע־פינען מיר 94 עלעמענטאַר שולן, פינף קינדער גערטנער און 6 מיטל שולן. אַ סך הכל פון 123 שולן. היינט צו טאָג איז די צאָל געוואקסן. מיר האָבן 143 שולן, מיטל שולן, קינדער גערטנער און אַ סעמינאַר.

אין 1937 איז דער באַזוך פון די שולן געווען איבער 6000 קינדער.

דאָ אין שיקאַגאָ איז די שול באַוועגונג אויך געוואקסן. אין 1919 זיינען געעפנט געוואָרן די שולן מיט כמעט 1000 שילער אין שיקאַגאָ. דער ערשטער מיטל קלאַס איז געגרינדעט געוואָרן אין 1926. היינט האָבן מיר 6 קינדער שולן און אַ גרויסע מיטל שול.

דעם יאָר זעען מיר די פּרוכטן פון אַ 20־יאָריקן טרוים: די גראַדואירונג פון אַ צאָל מיטלשולניקעס, אַ קלאַס וואָס וועט אַרויס־גיין אויף דער וועלט באוואָפנט מיט בילדונג, באַהאַונט פון פיר יאָר לערנען, אַ קלאַס וועלכער טראָגט מיט זיך די אידעאַלן פון אַר־בעטער רינג הויך און שטאָלץ.

ראזע שולמאן

ווי אַזוי מיין טאַטע איז אַריינגעטראָטן אין בונד

איך האָב שוין פון לאַנג געוואוסט אַז מיין טאַטע האָט באַלאַנגט צו דער וואונדערלעכער אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען דער „בונד". מיין טאַטע פלעגט אָפט וועגן דעם ריידן פאַר זיינע פריינט. לעצטנס, אָבער, האָב איך זיך פאַראינטערעסירט ווי אַזוי האָט מיין טאַטע זיך אַנגעשלאָסן אַן בונד, האָב איך אים געבעטן אַז ער זאָל מיר דערציילן, און אָט האָט איר די גאַנצע מעשה דערפון.

„דו ווילסט וויסן ווי אַזוי איך בין אַריינגעטראָטן אין בונד? נו, גוט, זעץ זיך אַוועק, מיין קינד, און איך וועל דיר דערציילן. אין דעם יאָר 1902 האָט מיינער אַ חבר מיך גענומען צו דער ערשטער פאַרזאַמלונג, וואָס איז פאָרגעקומען אין אַ פויערם הויז, הינטערן שטאָט. איך האָב ניט געוואוסט ווער עס וועט דאָרטן זיין, אָבער ווען איך בין דאָרט געקומען, האָב איך געפונען אַ סך באַקאַנטע פון מיין קליין שטעטל.

צווישן אַלע פאַרזאַמלטע יונגעליט איז געווען אַ באַרימטער רוסישער לערער פון אונדזער שטאָט. איינער פון די חברים האָט געהאַלטן אַן אַגיטאַציאָנס רעדע. ער האָט גערעדט וועגן דער שרעקלעכער לאַגע פון די יידישע אַרבעטער. ער האָט גערופן די אַרבעטער צו פאַראייניקן זיך און קעמפן קעגן די באַלעבאַטים. פון דעמאָלט אָן בין איך שוין געגאַנגען צו אַ סך אומלעגאַלע פאַרזאַמלונגען.. ביז איך בין ניט געוואָרן שטאַרק טעטיק, האָב איך אַפילו ניט געוואוסט ווער עס איז דער אָנפירער פון דער גאַנצער אומלעגאַלער אַרבעט.

איך האָב געלייענט אַ סך בונדיסטישע ליטעראַטור, וואָס האָט דערקלערט ווער עס איז שולדיק אין דער שלעכטער לאַגע פונם אַרבעטער קלאַס. נאָכדעם האָב איך שוין אַליין גענומען העלפן צעטיילן ליטעראַטור. ערשט דעמאָלט האָב איך זיך דערוואוסט, אַז די

אָרגאַניזאַציע הייסט מיטן נאָמען „עס־ער", די פאַרקירצונג פון די ווערטער „סאָציאַליסטן רעוואָלוציאָנערן".

פיל פירער פון דער פאַרטיי האָבן ניט געקאָנט קיין יידיש. זיי האָבן אָבער געוואָלט אַז דער יידישער אַרבעטער זאָל ווערען באַוואוסטזיניק. האָט זיך דעריבער אָרגאַניזירט דער בונד — פאַר יידישע אַרבעטער.

אין זעלבען יאָר, האָט דער בונד באַשלאָסן צו פייערן דעם יום־טוב פון ערשטן מאַי, און אַזוי איז טאַקע געווען. אין דעם באַשטימטן טאָג האָבן די אַרבעטער זיך פאַראייניקט און אָפּגעהאַלטן אַ מאַסמיטינג. דאָס איז געווען איינע פון מיינע ערשטע טעטיקייטן פאַר די פּראָלעטאַרישע מאַסן.

איך האָב אָרגאַניזירט דעם ערשטן שניידער סטרייק אין מיין שטעטל. די שניידערס האָבן געסטרייקט פאַר זעקס וואָכן צייט, און מיר האָבן אויסגעפירט און געוואונען דעם סטרייק.

איך האָב אָנגעהויבן צו פאַרשטיין אַז מען דאַרף קעמפן פאַר פּאָליטישער פרייהייט קעגן צאַריזם. מיר האָבן דורכגעפירט מאַניפעסטאַציעס קעגן דער אוממענשלעכער באַהאַנדלונג פון דער פּאָליציי.

אין דעם יאָר 1904 האָט דער בונד שוין געהאַט אונטער זיין קאָנטראָל, כמעט אַלע אַרבעטער פון מיין שטעטל, און ביז 1905 איז דער בונד געווען די וויכטיקסטע און נויטיקסטע אָרגאַניזאַציע אין שטעטל.

אין 1905, אין חודש אָקטאָבער, האָבען די בונדיסטן גערופן אַן אַלגעמיינעם סטרייק. דער גענעראַל סטרייק האָט אָנגעהאַלטן פאַר צוויי טעג. דערווייל, האָט דער צאַר אַרויסגעגעבען אַ קאָנסטיטוציע, אָבער ער האָט זי גלייך צוריקגעצויגן.

פון דעמאָלט אָן האָט די צאַרישע רעגירונג אָנגעהויבן צו פאַרפאָלגן אַלע רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען, הויפּטזעכלעך דעם בונד. הונדערטער אַרבעטער זיינען דאַמאָלט געוואָרען אַרעסטירט און פאַרשיקט קיין סיביר.

נאָכדעם איז דער בונד אָפּגעשוואַכט געוואָרן ביי אונדז אין

שטאַט, און ער איז באַלד צעפאַלן געוואָרן. ס'איז געבליבן אַ קליינע גרופּע וואָס האָט אָנגעהאַלטן די אַרבעט צווישן זיך אַליין.

איך האָב נאָכדעם ווידער געבעטן מיין טאַטן אַז ער זאָל מיר דערציילן אַביסעל מער וועגן די צילן פון בונד, און צוליב וואָס ער האָט זיך געגרינדעט אַלס אַ באַזונדער אָרגאַניזאַציע. מיין טאַטע האָט מיר גענומען דערקלערן:

,,די מערסטע פון די יידישע אַרבעטער האָבן ניט פאַרשטאַנען קיין רוסיש, זיי האָבן די שפּראַך ניט געקאָנט לייענען און שרייבן. איידער דער בונד האָט זיך געגרינדעט איז געווען די ,,עס ער" אָרגאַניזאַציע. אָבער דאָרטן האָט מען גערעדט בלויז רוסיש. די רוסישע סאָציאַליסטן און רעוואָלוציאָנערן האָבן געוואָלט אַז די יידישע מאַסן זאָלן אויך ווערן אויפגעקלערט, איז דעריבער אָרגאַניזירט געוואָרן דער בונד.

אין בונד האָבן די יידישע אַרבעטער געקראָגן די געלעגנהייט צו אַנטוויקלען זיך אין זייער אייגענער שפּראַך. דער בונד האָט פאַרשפּרייט זיינע אידעאַלן פון סאָציאַליזם און אַ ליכטיקערע וועלט צווישן די יידישע אַרבעטער מאַסן. ער האָט אַנטוויקלט ביסלעכווייז דעם קלאַסן באַוואוסטזיין ביי זיי. עס איז כמעט ניט געווען קיין ווינקל אין רוסלאַנד, וואו דער בונד האָט ניט אויסגעאיבט צווישן יידן קיין איינפלוס.

דער בונד האָט אויך געקעמפט פאַר יידישע פאָדערונגען, ווי צום ביישפּיל נאַציאָנאַלע קולטורעלע אַטאָנאָמיע ,אַז יידן זאָלן קענען האָבן זייערע אייגענע שולן, און אַנטוויקלען אַן אייגענע קולטור. דער בונד האָט געקעמפט קעגן פּאָגראָמען, אָרגאַניזירט אַ יידישע זעלבסטשוץ, געפאָדערט גלייכבאַרעכטיקונג. דער בונד איז געוואָרן דער ליכט טורם פון יידישן אַרבעטער.

בעסי פייבער

די סיבות פון עקאָנאָמישע קריזיסן

וואו מיר זאָלן ניט גיין, הערן מיר אומעטום ווי מענטשן קלאָגן זיך אַז די צייטן זיינען שלעכטע. אַרבעטער באַקלאָגן זיך אַז זיי גייען אַרום אָן אַרבעט, אָדער זיי פאַרדינען זייער ווייניק; די רייכע באַקלאָגן זיך אַז די געשעפטן גייען שלעכט, מענטשן ווילן ניט קויפן קיין סחורות, און זיי דערלייגן געלט, אַנשטאָט צו מאַכן פּראָפיטן. מיט איין וואָרט, עס איז אַ קריזיס. שטעלט זיך דאָך די פראַגע פון וואַנען קומען די קריזיסן, און וואָס זיינען די אורזאַכן פון שלעכטע צייטן?

ווען מיר פאַרטראַכטן זיך אַביסל וועגן דער פראַגע, געפינען מיר אַז עס זיינען פאַראַן אַ סך אורזאַכן פאַר עקאָנאָמישע קריזיסן. זיי זיינען ווי פאָלגט:

ערשטנס: לאַנגע שטונדן

אַז דער אַרבעטער אַרבעט לאַנגע שטונדן פּראָדוצירט ער אַ סך מער ווי ער אַליין קען אָפּקויפן. און אַז דער באַלעבאָס זעט אַז זיינע אַרטיקלען וואָס ער מאַכט פאַרקויפן זיך ניט קיין סך, וועט ער פאַרקלענערן די צאָל אַרבעטער פון זיין שאָפּ. וואָס לענגער עס זיינען די שטונדן פון די אַרבעטער אַלץ ווייניקער אַרבעטער וועלן זיין באַשעפטיקט. לאַנגע שטונדן פון אַ טייל אַרבעטער פאַר־אורזאַכט די אַרבעטסלאָזיקייט פון אַנדערע אַרבעטער. וואָס גרעסער עס איז די צאָל פון די אַרבעטסלאָזע, אַלץ ווייניקער אַרטיקלען ווערן פאַרקויפט, אַלץ קלענער מוז ווערן די צאָל פון באַשעפטיקטע אַרבעטער.

צווייטנס: נידעריקע שכירות

מיט נידעריקע שכירות איז די זעלבע זאַך. אַז די אַרבעטער קריגן באַצאָלט ווייניק פאַר זייער אַרבעט, האָבן זיי ניט קיין געלט

צו קויפן אַט די זאַכן וואָס זיי אַליין מאַכן; און אַז די אַרבעטער קויפן ווייניק, הערט אויף דער באַלעבאָס צו פּראָדוצירן, ער פאַר־קלענערט די צאָל אַרבעטער, אָדער ער פאַרמאַכט אינגאַנצן די פאַבריק. אַט אויף אַזאַ אופן, ווערן טויזנטער אַרבעטער אַרויס־געוואָרפן פון דער אַרבעט, און עס ווערט אַ קריזיס.

דריטנס: נייע מאַשינען.

נייע מאַשינען ווייסן אַלע שפּאָרן איין אַ סך מענטשלאַכע אַרבעט. ווען אַ באַלעבאָס דערוויסט זיך פון אַ נייער מאַשין, וואָס קען אים איינשפּאָרן אַרבעטס הענט, וועט ער אַריינעמען די מאַשין, ווייל עס וועט אים קאָסטן אַ סך ביליקער. אַ מאַשין בעט ניט קיין עסן. ווערן דעריבער אַרויסגעוואָרפן טויזנטער אַרבעטער פון דער אַרבעט. יעדן טאָג ווערן אויסגעפינען נייע מאַשינען וואָס מאַכן די אַרבעט שנעלער און אָפטמאָל בעסער פון די אַרבעטער. די מאַשינען דאַרף מען ניט צאָלן קיין שכירות. דער באַלעבאָס באַצאָלט איינמאָל פאַר זיי אַ געוויסע סומע געלט, און ער איז שוין פאַרטיק פאַר אַ לאַנגער צייט. מען דאַרף נאָר אַכטונג געבן אויף זיי, און זיי טוען שוין די אַרבעט.

ס'איז טאַקע אמת אַז מאַשינען זיינען זייער אַ גוטע זאַך, אָבער דער איינציקער וואָס גענִיסט פון די מאַשינען איז דער באַ־לעבאָס. און אַז די אַרבעטער בלייבן אָן אַרבעט, האָבן זיי קיין געלט ניט צו קויפן, און אַז עס ניטאָ ווער עס זאָל קויפן, מוזן זיך די פאַבריקן פאַרמאַכן, און געשעפטן און בענק מוזן באַנקראָטירן, און עס ברענגט צו אַ קריזיס.

פערטנס: טראָסטס און מערדזשערס

אַ „מערדזשער" הייסט ווען צוויי גרויסע פירמעס וואָס באַ־שעפטיקן אַ סך מענטשן, און פּראָדוצירן די זעלביקע סחורות, פאַראייניקן זיך צוזאַמען אין איין גרויסע פירמע, כדי זיי זאָלן ניט דאַרפן קאָנקורירן איינע מיט די אַנדערע אין די פּרייזן, וואָרים עס שטערט זיי אין זייערע פּראָפיטן. ווען אַזעלכע פאַראייניקונגען

אָדער צוזאַמענשמעלצונגען קומען פֿאָר, ווערן אַ סך אַרבעטער אָפּגעלייגט פֿון זייער אַרבעט. ווייל ווען מען מאַכט פֿון צוויי קלענערע פֿאַבריקן איין גרויסע פֿאַבריק, קען מען זיך באַגיין מיט ווייניקער אַרבעטער ווי ווען די צוויי אַרבעטן באַזונדער.

צום ביישפּיל ווען צוויי מילך קאָמפּאַניעס פֿאַראייניקן זיך צוזאַמען, קענען זיי אַזוי איינאָרדענען דאָס צעטראָגן די מילך אין די הייזער, אַז זיי זאָלן קאָנען אויסקומען מיט ווייניקער אַרבעטער. פֿריער פֿלעגט מען דאַרפֿן אויסהאַלטן צוויי אָפּיסעס, מיט אָנגעשטעלטע, איצטער איז גענוג, בלויז איינער.

פּינפֿטנס: אַ פּלאַנלאָזע געזעלשאַפֿט

אונטער דעם וואָרט „פּלאַנלאָזע געזעלשאַפֿט" מיינען מיר אַז ס'איז ניטאָ קיין באַשטימטער אָרגאַניזאַטאָר וואָס זאָל קאָנטראָלירן וויפֿיל מ'זאָל פּראָדוצירן. איין פֿאַבריק ווייסט ניט פֿון דער צווייטער. יעדער פֿאַבריק פּראָדוצירט פֿאַרן מאַרק. ווען עס ווייזט זיך אַרויס אַז ס'איז דאָ צופֿיל פֿון אַ געוויסן אַרטיקל, מוזן די פּרייזן פֿאַלן, און אַז די פּרייזן פֿאַלן, פֿאַרלירן די געשעפֿטסלייט געלט, און ווען עס האַלט אָן אַ לענגערע צייט, קאָנען זיי ניט צאָלן זייערע חובות צו די באַנקען. הויבן זיך אָן באַנקראָטן.

אויב אָבער עס ווייזט זיך אַרויס פֿאַרקערט, אַז מען האָט פּראָדוצירט צו ווייניק, מוזן זיך די פּרייזן אויפֿהויבן, אָפֿטמאָל אַזוי הויך, אַז דער אַרבעטער קען עס ניט קויפֿן, און אַז אַרבעטער קויפֿן ווייניק, בלייבן איבער אַרטיקלען, ווערט אַן איבערפּראָדוקציע. דעמאָלט, טראַכטן די באַלעבאַטים, צו וואָס זאָלן זיי ווייטער האַלטן אָפֿן די פֿאַבריק, ווען זיי האָבן שוין סיי ווי צופֿיל אַרטיקלען, פֿאַרשליסט מען די פֿאַבריקן, ווערט אַ קריזיס. דאָס ערגסטע איז וואָס צוליב דעם וואָס מען אַרבעט אָן אַ פּלאַן, ווערט אַן איבערפּראָדוקציע, און דאָס פֿירט צו קריזיסן.

זלמן סימקין

דער וואוקס פון אַרבעטער קלאַס אין אמעריקע

מיט דעם אָנקום פון דער אינדוסטריעלער רעוואָלוציע אין אַמעריקע זיינען אויך אָנגעקומען סוועט שעפּער, 16־שטונדיקע אַרבעטס טעג, אונערטרעגלאַכע באַדינגונגען און הונגער־לוין.

ווען די שעפּער זיינען צוערשט עטאַבלירט געוואָרן זיינען אָנגעקומען אַרבעטער פון די פאַרמס און פון די פּריוואַטע וואַרשטאַטן.

א פאַבריק איז אין יענער צייט געווען אויפן צווייטן אָדער דריטן שטאָק, אין אַן אַלט־מאָדישער געביידע, פינסטער און פאַר־חושך'ט. די מאַשינען זיינען געווען אַלטע, ענגשאַפט און פאַר־שטיקטקייט האָט געהערשט. אונטער אַזעלכע אומשטענדן פלעגט מען דאַרפן אַפּאַרבעטן 14־16 שטונדן אַ טאָג. וועגן סאַניטאַרישע באַדינגונגען איז שוין אָפּגערעדט.

אין דער היים, זיינען ביים אַרבעטער די אומשטענדן אויך ניט געווען בעסער. געלעבט האָט מען אין אַן ענגן צימער אָדער צוויי, אָן ליכט, אָן זון און אָן לופט. חוץ די קינדער וואָס זי האָט געהאַט צו דערנערן און דערציען, פלעגט אָפטמאָל די פרוי אויך דאַרפן טאָן אַרבעט אין דער היים, צוזאַמען מיט די עלטערע קינדער (פון 8 יאָר און עלטער) כדי קענען שפּייזן און פאַרדעקן די לייבער פון דער פאַמיליע.

אונטער אַזעלכע אומשטענדן געפינען מיר די אַרבעטער צום סוף פון 17טן און אָנפאַנג פונ'ם 18טן יאָרהונדערט.

אום כדי קענען באַשרייבן דעם וואוקס פונ'ם אַרבעטער קלאַס אין אַמעריקע, מוז מען צוערשט אויסגעפינען ווען האָט זיך עטאַבלירט דער „אַרבעטער קלאַס" אַלס אַ קלאַס אין אַמעריקע. מען מוז אויך אויסגעפינען ווען דער אַרבעטער האָט צוערשט דערפילט אַז ער איז אין אַ קלאַס און אַז דער קלאַס האָט פריינט און שונאים, און זיין ערגסטער שונא איז דער הערשנדער קאַפּיטאַליסטישער קלאַס. דאָס, נאַטירלעך, וועט אונז פירן צו די ערשטע קאַמפן און

צוזאַמענשטויסן צווישן דעם אַרבעטער קלאַס און נאָך שפּעטער צו דער אָרגאַניזירונג פון יוניאָנס ביז דער אויפבוי און פעסטשטע־לונג פון דער „אַמעריקען פעדערײשן אָוו לייבאָר".

***

דער ערשטער סטרייק אין אַמעריקע איז פאָרגעקומען אינ'ם יאָר 1741, 35 יאָר פאַר דער רעוואָלוציע קעגן ענגלאַנד. דער סטרייק איז גערופן געוואָרן פון די דזשורנימען בעקער אין ניו יאָרק. זעען מיר אַז אַן אַרבעטער קלאַס איז שוין געווען אָנפאַנג 18טן יאָרהונדערט און די אַרבעטער האָבן שוין דאַמאָלט געוואוסט אַז זיי באַלאַנגען צו אַ קלאַס און אַז אַמעריקע איז צעטיילט אין קלאַסן. אין יאָר 1786 איז פאָרגעקומען נאָך אַ סטרייק. דאָס האָט פּאַסירט אין פילאַדעלפיע און איז גערופן געוואָרן פון די דרוק־אַרבעטער. אין דעם פאַל, אָבער, געפינען מיר, דורך געשריבענע דאָקומענטן, אַז די אַרבעטער האָבן אַרויסגעשטעלט פאָדערונגען: 6 דאָלאַר אַ וואָך, מינימום־לוין.

גלייכצייטיק מיט דעם אָנקום פון סטרייקס זיינען אויך אָרגאַ־ניזירט געוואָרן יוניאָנס, און מיטן אָנקום פון יוניאָנס זיינען עטאַב־לירט געוואָרן קאָמפּאַני יוניאָנס. מיר געפינען אַ פאַל אין 1817 וואו די אַרבעטער האָבן אויסגעשלאָסן די אַרבעטס געבער פון זייער יוניאָן דערקלערנדיק:

„...אַזוי ווי די אינטערעסן פון די געזעלן (דרוק אַרבעטער) זיינען באַזונדער און אין אַ געוויסן הינזיכט אין קעגנזאַץ צו די אינטערעסן פון די אַרבעטסגעבער, האַלטן מיר פאַר ניט ראַטזאַם, אַז די אַרבעטגעבער זאָלן האָבן אַ שטימע און איינפלוס אין די האַנדלונגען פון אונזער געזעלשאַפט".

די ערשטע יוניאָנס זיינען געווען קעגן די אונדערטרעגלאַכע לאַנגע שטונדן אין די סוועט שעפּער פון די גרעסטע שטעט. די סטאַליאַרעס זיינען אַרויס אין פילאַדעלפיע קעגן אַט די אונדער־טרעגלאַכע באַדינגונגען אין 1791.

די זעלבע סטאָליאַרעס זיינען אויך געווען די ערשטע וועלכע האָבן פאַרזוכט דעם טעם פון טורמע, ווען אין יאָר 1805, נאָך אַ ביטערן און לאַנגן סטרייק האָט מען די פירער פונ.ם סטרייק אַרעס־טירט אַלס קאָנספּיראַטאָרס און זיי אָוועקגעשיקט אויף לאַנגע שווערע טערמינען אין תפיסה.

אין יאָר 1809 איז פאָרגעקומען דער ערשטער גענעראַל־סטרייק. די שיך אַרבעטער אין ניו יאָרק זיינען אַרויס אין סטרייק קעגן אַ פירמע (דאַרווין און עימאָס). די פירמע האָט אַרויסגעגעבן די אַרבעט צו אַנדערע שעפּער און פאַרמאַכט זייער שאַפּ. (היינט רופט מען דאָס אַ „לאָק־אוט”). דאַן איז גערופן געוואָרן דער גע־נעראַל סטרייק.

די אַרבעטגעבער האָבן, פאַרשטייט זיך, גענומען די סטריי־קער אין געריכט. אין מערסטע שטעט האָבן די אַרבעטגעבער פינאַנ־סירט די „דיסטריקט אַטאָרנים”, אַזוי זעען מיר ווי אין פילאַדעלפיע האָט דער ריכטער דערקלערט די דזשורי־לייט אַז „אַ פאַראייניקונג פון די אַרבעטער צו העכערן זייערע פאַרדינסטן איז אומלעגאַל”.

עס פאַרשטייט זיך אַז אַזאַ מין דערקלערונג האָט געמאַכט אומ־לעגאַל יעדע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע.

די אַרבעטער, אָבער, האָבן דאָס ניט פאַרשוויגן און אַלס אַ קלאַס האָבן זיי זיך באַנוצט מיט די זעלבע וואָפן וואָס דער קאַפּיטאַ־ליסטישער קלאַס. דאָ געפינען מיר די ערשטע שפּורן פון זעלבסט־שטענדיקער פּאָליטישער אַרבעטער אַקציע. די אַרבעטער האָבן זיך אַרומגעזען אַז כדי די רעגירונג זאָל ניט זיין אַנטאַגאָניסטיש מוזן זיי דערוויילן מענטשן אין דער רעגירונג וועלכע זאָלן פאַר־טרעטן זייערע אינטערעסן, פּונקט ווי די קאַפּיטאַליסטן דערוויילן זייערע מענטשן צו רעגירונגס שטעלעס.

צוערשט האָבן זיך די יוניאָנס פאַראייניקט אין צענטראַלע קער־פּערשאַפטן. אין 1833 איז אין ניו יאָרק אָרגאַניזירט געוואָרן דער „צענטראַלער טריידס יוניאָן”, איינשליסנדיק 14 פאַכן. אין דער זעלבער צייט האָבן זיך אויך אָרגאַניזירט צענטראַלע קערפּערשאַפטן אין פילאַדעלפיע און אַנדערע גרעסערע שטעדט. אין 1834 איז אין

באָסטאָן אָרגאַניזירט געוואָרן דער „גענעראַלער טרעיד יוניאָן". אין דעם זעלבן יאָר האָט מען אָנגעגעבן אַז די צאָל יוניאָן אַרבעטער איז 26,250 אין דער איסט אַליין. דאַמאָלט איז דאָס געווען די מערהייט פון דער אַרבעטערשאַפט.

נאָכדעם ווי מען האָט זיך אָרגאַניזירט אין צענטראַלע קערפּערשאַפטן האָט מען אָנגעהויבן אַרויסגעבן אייגענע צייטונגען און זשורנאַלן כדי צו דערציען די אַרבעטער, און פאָרשלאָגן געוויסע שטרעבונגען וועלכע זאָלן זיין די צילן פון אַלע אַרבעטער פאַר דער צוקונפט.

דער ערשטער טרעיד יוניאָן זשורנאַל איז דערשינען אין פילאַדעלפיע אינ׳ם יאָר 1828. עס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן פון די מעכאַנישע אַרבעטער און האָט זיך גערופן דער „מעקעניקס פרי פּרעס". אין דער זעלבער צייט געפינען מיר צוויי טעגלאַכע אַרבעטער צייטונגען: „די מען" און „די דעילי סענטינעל".

אַלס אַ רעזולטאַט פון דעם וואוקס און פאַרשפּרייטונג פון די יוניאָנס און פון דעם איינפלוס פון די יוניאָנס, האָט פּרעזידענט וואן ביורען דערקלערט אינ׳ם יאָר 1839 אַ 10־שעה׳דיקן אַרבעטס טאָג פאַר אַלע רעגירונגס אָנגעשטעלטע.

אין יאָר 1829 געפינען מיר דעם ערשטן זיג פון די אַרבעטער ביי די וואַלן מיט דער דערוויילונג פון עבענעזער פאָרד צו דער שטאָדט אַסעמבלי אין ניו יאָרק, מיט 6,166 שטימען.

אין 1835 איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן דער ערשטער נאַציאָנאַלער צוזאַמענפאָר וואו מען האָט געגרינדעט אַ „נאַציאָנאַלע טרעיד יוניאָן". דאָס איז געווען דער ערשטער אָנזאָג פאַר דער קומענדיקער אַמעריקען פעדערייישאָן אָוו לייבאָר. די איינלאַדונג צום צוזאַמענפאָר האָט אָנגעוויזן אויף די צילן פון דער געפּלאַנטער אָרגאַניזאַציע.

„צו הויבן די מאָראַלע און גייסטיקע באַדינגונגען און די מאַטעריעלע אינטערעסן פון דעם אַרבעטער קלאַס, צו העלפן די גרינדונג פון יוניאָנס אין אַלע פאַכן אין יעדן טייל פון לאַנד... און צו פאַראייניקן און האַרמאָניזירן אַלע באַמיאונגען פון די פּראָדוקטיווע קלאַסן אין לאַנד".

נאָך עטלאַכע פּראָבעס און פּלענער איז ענדלאַך אין 1886 געגרינדעט געוואָרן די „אַמעריקן פעדערײשאַן אָוו לײבאָר". איר וואוקס און אײנפלוס איז באַקאַנט כמעט צו יעדן פּרײַ־דענקענדן מענטשן. ערשטנס איז דאָס געווען אַ באַווײַז, אַז דער כוח פון אַרבעטער קלאַס איז שוין צו יענער צײַט געווען גרויס. צווײטנס, האָט עס אָנגעצײגט אַז עס איז מעגלאַך צו פאַרווירקלאַכן דעם וואונטש פאַר אַן אַרבעטער געזעלשאַפט אין דער נאָענטער צוקונפט.

●

יוסף עלבײַן

אין דער איצטיקער צײַט

אין אײראָפּע האָט זיך אַנטוויקלט אַ נײַער קריזיס. היטלער'ס רעדע אין רײַכסטאַג, זונטיק דעם 20 פעברואַר, האָט אויפגעשטורמט די גאַנצע וועלט. אין זײַן רעדע אין רײַכסטאַג האָט ער געפאָדערט אַז אַלע קאָלאָניעס וואָס זײַנען צוגענומען געוואָרן פון דײַטשלאַנד נאָך דער וועלט מלחמה זאָלן איר אומגעקערט ווערן. היטלער האָט געווענדט זײַן פאָדערונג דירעקט צו ענגלאַנד. ער האָט אויך אָנער־קענט מאַנטשוקאָ, וואָס יאַפּאַן האָט אָפּגעריסן פון כינע אין 1931.

ער האָט דערקלערט אַז ער שטײט פעסט אין אַנטי־קאָמוניסטישן אָפּמאַך פון בערלין־רוים־און טאָקיאָ. ער האָט געזאָגט אַז ער האָט גאָרניט צו ענגלאַנד, נאָר וואָס ער פאָדערט זײַנע קאָלאָניעס. „איך וויל ניט קײן טעריטאָריע אין מזרח־אַזיע, פאַרלאַנג ניט קײן טע־ריטאָריע אין פראַנקרײַך, און האָב קײן שום טעריטאָריעלן אינ־טערעס אין שפּאַניע. איך באַשיץ נאָר אַלע דײַטשן פון דער וועלט, און פאָדער מינאָריטעטן רעכט פאַר זײ", האָט ער געדונערט. „די אַרמײ, די פלאָטע, און די לופט פלאָטע, איז גרײט פאַר מלחמה, און ווען איך וועל זאָגן דאָס וואָרט וועלן זײ גײען אין קריג". היטלער זאָגט דאָס ווײַל ער האָט באַזײַטיקט די הויפּט גענעראַלן פון דער אַרמײ און האָט די אַרמײ אינגאַנצן אין זײַן מאַכט. היטלער זאָגט

אז אויב איימיצער דענקט אז ער איז אפגעשוואכט געווארן צוליב די קריגערייען מיט זיינע גענעראלן, קאנען זיי אים ארויסרופן צו א באוואפנטער פראבע. ער האט געלויבט דעם געוועזענעם קריגס־מיניסטער ווערנער פאן בלאמבערג און געוועזענעם הויפט פון גע־נעראל שטאב ווערנער פאן פריטש פאר אויפבויען אזא שטארקע ארמיי וואס דייטשלאנד פארמאגט. ער האט געמוסרט די פרעסע פאר פארשפרייטן ליגנס וועגן דייטשלאנד. ער האט אויך געמאכט אן ערקלערונג אז דייטשלאנד וועט קיינמאל ניט אריינטרעטן אין דער פעלקער־ליג און אז דייטשלאנד קאן אן קאלאניעס ניט אנגיין. צוליב דעם וועט ער שטעלן גרויסע פאדערונגען צו די מעכטע וואס האבן צוגענומען דייטשלאנד'ס קאלאניעס נאך דער וועלט־מלחמה און וואס זיי דארפן ניט איצט. „מיר ווילן ניט קיין געלט", האט ער געשטורמט, „מיר ווילן דאס צו וואס מיר זיינען בארעכטיקט". ער האט געזאגט אז ער וויל ארבעטן מיט אלע לענדער צוזאמען מיט'ן אויסנאם פון רוסלאנד, ווייל רוסלאנד רואינירט די וועלט. די הויפט פונקטן פון זיין רעדע זיינען פאלגנדע:

דייטשלאנד מוז קריגן אירע קאלאניעס; געלט איז ניט גענוג.

דייטשלאנד וועט אנערקענען מאנטשוקא אלס א פראווינץ פון יאפאן.

דייטשלאנד גאראנטירט ניט אומאפהייניקייט פון עסטרייך.

די דייטשן אין טשעכאסלאוואקיע מוזן קריגן די פולסטע אויטאנאמיע.

דייטשלאנד און פוילן האבן א צופרידנשטעלנדיקן אפמאך פאר דאנציג.

דייטשלאנד וועט קיינמאל ניט אריין אין דער פעלקער־ליג.

דער ענגלישער קאבינעט איז שטארק צוריסן צוליב די פא־שיסטישע דיקטאטארן. פרעמיער טשעמבערליין, דער פירער פון דער קאנסערוואטיווער פארטיי, וויל נאכגעבן אלע פאדערונגען פון היטלער און מוסאליני. א סך מיניסטארן אין זיין קאבינעט זאגן אז עס איז שוין צייט צו מאכן א סוף צו די פאדערונגען פון די פאשיסטישע דיקטאטארן. צווישן זיי געפינט זיך דער אויסרן מי־ניסטער אנטאני אידן. אידן האט ערקלערט אז ער וועט רעזיגנירן

אויב דער קאבינעט וועט נאכגעבן היטלערן' און מוסאליני'ן. דער קאבינעט האט אבער באשלאסן יא נאכצוגעבן היטלערן און מוסאליניז, האט אידן רעזיגנירט. אין א שטורמישע רעדע האט אידן פארדאמט פאשיזם און היטלעריזם און געזאגט אז ענגלאנד מוז מאכן א סוף צו זיי. אויף אידן'ס פלאץ איז ארויפגעזעצט געווארן לארד האליפאקס, א פערזענלאכער פריינט פון היטלער'ן. ענגלאנד וועט איצט נאכגעבן אלע פאדערונגען פון היטלער און מוסאליני. אין פראנקרייך שרעקט מען זיך אז ענגלאנד וועט זיך פאראייניקן מיט די פאשיסטן. פרעמיער שאטאן האט זיך באראטן מיט יעוואן דעלבאס, אויסערן מיניסטער, און באשלאסן זיך צו דערווייטערן פון ענגלאנד.

די פאשיסטישע לענדער טוען אין אלגעמיין וואס זיי גלוסט זיך. זיי ברעכן יעדן אפמאך און קיינער שטערט זיי ניט אין דעם. מיט צוויי יאר צוריק האט מוסאליני אנגעפאנגען א רויב מלחמה אין עטיאפיע. די פעלקער ליג איז געווען הילפלאז. איין טאג האט זי באשלאסן ארויפצווינגען אויף מוסאליני'ן סאנקציעס, דעם צווייטן טאג האט זי חרטה געקראגן. מוסאליני האט פראנק און פריי באזיגט עטיאפיע, און קיינער האט זיך ניט קעגנגעשטעלט.

יאפאן בושעוועט איצט אין כינע. זי זאגט אז כינע מוז באשטראפט ווערן. יאפאן האט שוין פארכאפט די רייכע פראווינצן פון צפון כינע, און אפילו די הויפט שטאט פון דער כינעזישער רעפובליק. זי פירט דורך שרעקלאכע לופט־אטאקעס און דער'הרג'ט טויזנטער הילפלאזע מענטשן וואס ווייסן אפילו ניט אז עס גייט אן א מלחמה. און קיינער שטערט איר ניט. זי ארבעט זיך פראנק און פריי און באלד וועט זי איינגאנצן פארנעמען כינע, און קיינער רירט זיך ניט פון ארט. אין שפאניע גייט איצט אן א בירגער קריג. דער מערדערלאכער פאשיסט, גענעראל פראנקא פארניכטעט די פאלקסרעגירונג. מוסאליני און היטלער האבן אים אנערקענט אלס א קריגספירנדיקע מאכט און שטיצן אים אין דער עפענטלאכקייט. טויזנטער אומשולדיקע מענטשן ווערן געטויטעט פון דייטשע און איטאליענישע באמבעס. ווען די צוויי בלוטיקע דיקטאטארן וואלטן פראנקא'ן

ניט געשטיצט, וואָלט ער שוין לאַנג געווען באַזיגט. און פראַנקאָ גייט אַן מיט זיין מערדערלאַכער אַרבעט אַן ווידערשטאַנד פון קיינעם.

ווען פאַשיזם קומט אַריין אין אַ לאַנד זיינען די יידן די ערשטע צו ליידן. דאָס פּאַסירט ווייל ווען דאָס פאָלק זעט אַז די צוגעזאָגטע גליקן פון זייער פאַשיסטישן דיקטאַטאָר איז בלויז געווען אַ מיטל צו פאַרנעמען די מאַכט, ווילן זיי מאַכן אַן אויפשטאַנד. זאָגט זיי די פאַשיסטישע רעגירונג אַז שולדיק אין דעם זיינען די יידן. מאַכט דאָס פאָלק פּאָגראָמען אויף יידן און נעמט צו זייער רעכט אַלס בירגער, טרייבן זיי אַרויס פון אַלע שטעלעס, און אַזוי ווייטער. די פאַשיסטישע רעגירונג נוצט אויס די יידן אַלס אַ „כפרה הינדל", כדי אויסצופירן אירע פּלענער. דאָס איז געשען אין דייטשלאַנד, פּוילן, רומעניע, און אַנדערע לענדער.

אין פּאַלעסטינא איז די לאַגע אַ קריטישע. אַן איטאַליענישע ראַדיאָ־סטאַנציע העצט די אַראַבער קעגן יידן. אַראַבער מאַכן אָנפאַלן אויף יידן, פאַרברענען זייערע הייזער, ביימער און טוען אַן גרויס שאָדן. זיי פאַרענטפערן זיך מיט דעם וואָס זיי זאָגן אַז פּאַלעסטינע באַלאַנגט צו זיי. אָבער פּאַלעסטינע איז די היים פון די יידן, ווי עס איז באַשטעטיקט אין דער באַלפור דעקלאַראַציע פון 1917. ענגלאַנד מאַכט זיך ניט וויסנדיק אַז עס גייען אָן אויף יידן פּאָגראָמען. עס קאָן אפילו זיין אַז ענגלאַנד שטיצט די אַראַבער אין געהיים קעגן די יידן. ווען ענגלאַנד וואָלט טאַקע געוואָלט אַז די יידן זאָלן האָבן אַ היים אין פּאַלעסטינע, וואָלט זי אונטערדריקט דעם אַראַבישן טעראָר. אָבער די אַראַבער גייען אָן מיט זייער אַרבעט און ענגלאַנד טוט גאָרניט.

פאַרוואָס באַקעמפט ניט די וועלט פאַשיזם? ווי לאַנג דענקט זי וועט נעמען אַז דער פאַשיזם זאָל אַרומכאַפּן די גאַנצע וועלט? עס איז שוין צייט אַז יעדער פּראָגרעסיווער מענטש זאָל באַקעמפן דעם פאַשיזם. מיטלען ווי אַ באָיקאָט דאַרפן גענוצט ווערן אין קאַמף. פאַשיזם מוז באַזיגט ווערן ווייל ער איז אַ געפאַר פאַר דער מענטשהייט. פאַשיזם מוז באַזיגט ווערן אום יעדן פּרייז!

ר. קעמפף

פרייער האנדל און הויכע טאריפן

וואס איז בעסער פאר דעם עקאנאמישן וואוילזיין פון א לאנד, א פרייע אויסלענדישע האנדלס פאליטיק, אדער א הויכער טאריף? איז בעסער פאר א לאנד אז עס זאל אן א שום אפצאל ארייגלאזן די פראדוקטן פון אנדערע לענדער אדער עס זאל זען אז אירע מערק זאלן ניט ווערן אנגעפילט מיט פרעמדע סחורות? בנוגע דער דאזיקער פראגע הערשט א גרויסע מיינונגס פארשיידנהייט צווישן די עקאנאמיסטן. ס׳זיינען פאראן זייער ווייניק לענדער אין דער וועלט וואס קענען פראדוצירן אלע סחורות אין וועלכע די באפעלקערונג נויטיקט זיך, יעדעס לאנד מוז זיך רעכענען מיט אירע נאטירלאכע באדינגונגען, צום ביישפיל, מענטשן וואס וואוינען לעבן טייכן קענען אנטוויקלען די פיש־פאנג אינדוסטריע אן גרויסע שוועריקייטן. פון דער צווייטער זייט אבער אויב זיי זאלן וועלן פראדוצירן מאשינען וואלט עס געווען פאר זיי אומעגלאך, אדער זיי וואלטן באגעגנט פילע שוועריקייטן אויב דאס לאנד פארמאגט ניט קיין רעזארסן פון קוילן און אייזן.

ס׳זיינען פאראן ווידער לענדער, ווען עס קומט אן זייער גרינג צו אנטוויקלען א מאשין אינדוסטריע, ווייל זיי זיינען רייך אין אייזן, אבער זיי קאנען ניט אנטוויקלען די פיש־פאנג אינדוסטריע, ווייל זיי וואוינען ווייט פון טייכן.

שטעלט זיך איצט די פראגע, פארוואס זאל יעדעס לאנד זיך ניט ספעציאליזירן אין אזעלכע פראדוקטן צו וועלכע אירע נאטירלאכע באדינגונגען זיינען אמבעסטן צוגעפאסט און נאכער אויסבייטן די פראדוקטן ביי אנדערע לענדער אויף אזעלכע וואס זי קען ניט פראדוצירן אזוי לייכט?

מיר וויסן וואויל, אז א פרייע האנדלס פאליטיק צווישן לענדער, וועט פארגרעסערן פראדוקציע און וועט אויפהויבן דעם לעבנס סטאנדארד פון אלע לענדער ווייל עס וועט ארייגברענגען ספעציא־

ליזאַציע און עס וועט העלפֿן באַשאַפֿן בעסערע מיטלען פֿון פּראָ־דוקציע.

אָבער ביז דער לעצטער צייט האָבן זיך געפֿינען פֿיל מענטשן וואָס האָבן געפּריידיקט אַ הויכן אַפּצאָל אויף אויסלענדישע סחורות. די אורזאַכן וואָס זיי גיבן אָן זיינען פֿאַרשיידענע. זיי טענה'ן וואו נאָר עס באַווייזט זיך אַ סימן אַז אַ נייע אינדוסטריע קען מיט דער צייט אויפֿגעבויט ווערן דאַרף מען דער אינדוסטריע געבן הילף און שוץ ביז די אינדוסטריע וועט קענען שטיין אויף אירע אייגענע פֿיס. עקאָנאָמיסטן האָבן אויסגערעכנט אַז סע נעמט אומגעפֿער, אַרום פֿינף־און־צוואַנציק יאָר פֿאַר אַן אינדוסטריע זיך צו אַנטוויקלען. די וואָס פּריידיקן אָט די טעאָריע, פֿאַרגעסן אַז עס קומען אַריין בסדר נייע אינדוסטריעס און דערפֿאַר וועלן מיר דאַרפֿן אַלעמאָל אָנהאַלטן אונדזערע הויכע טאַריפֿן. פֿון דער צווייטער זייט זעען מיר אָבער אַז ווען מען באַשיצט אַן אינדוסטריע דורך אַ הויכן טאַריף קריגט עס ניט די מעגלאַכקייטן זיך צו אַנטוויקלען און וואַקסן, צוליב דעם וואָס די קאָנקורענציע מיט ענלאַכע אויס־לענדישע אינדוסטריעס ווערט אָפּגעשאַפֿט. צוליב וואָס זאָל די היימישע טאַריף באַשיצטע אינדוסטריע זיך נעמען די מי פֿון שאַפֿן נייע און בעסערע מאַשינען, אָדער פֿאַרבעסערן דעם פּראָדוקט, ווען זי קען די פּראָדוקטן פֿאַרקויפֿן אָן שוועריקייטן ווייל זי ווייסט ניט פֿון קיין אויסלענדישע קאָנקורענציע. מען קען אויך פֿרעגן די פֿראַגע צו עס לוינט זיך פֿאַר די מענטשן פֿון לאַנד בכלל צו באַשיצן אַן אינדוסטריע. קענען די מענטשן עפּעס געווינען דערפֿון? דער ענטפֿער איז ניין, זיי קענען נישט. בלויז די אייגנטימער פֿון דער אינדוסטריע קענען בענעפֿיטירן פֿון דעם שוץ־טאַריף.

די אַרבעטער וועלן פֿון טאַריף גאָרניט געווינען, ווייל די מערסטע פֿון די אַרבעטער וואָס די נייע אינדוסטריע באַשעפֿטיקט, ווערן ניט גענומען פֿון דער אַרמיי פֿון אַרבעטסלאָזע, נאָר פֿון די קאָנקורירנדע אינדוסטריעס. נאָך אַן אַרגומענט ווערט באַנוצט פֿון די וואָס ווילן אַ הויכן טאַריף, ווי וויליאַם רענדאָלף הוירסט אין זיין „העראַלד־עקזאַמינער", אַז מען זאָל קויפֿן בלויז אַמערי־קאַנער געמאַכטע זאַכן, כדי מיר זאָלן אַנטוויקלען אַלע אונדזערע

נאַטור קרעפֿטן און עקספּלואַטירן אַלע אונדזערע נאַטירלאַכע אוצרות פֿון רויע מאַטעריאַלן, אָבער אַז מיר קויפֿן בלויז אַמעריקאַנער געמאַכטע פּראָדוקטן וועלן מיר דאַך אויסנוצן מער פֿון אונדזערע רויע מאַטעריאַלן ווי ווען מיר זאָלן עס קויפֿן פֿון אויסלאַנד.

איניקע עקאָנאָמיסטן אַרגומענטירן אַז ווען די אינדוסטריע דאָ אין לאַנד איז באַשיצט דורך אַ שוץ־טאַריף הויבט עס אויף די שכירות פֿון די אַרבעטער, צוליב דעם וואָס די אינדוסטריע ווייסט ניט פֿון קיין אויסלענדישע קאָנקורענציע, קענען דעמאָלט די אינדוסטריאַליסטן רעכענען העכערע פּרייזן פֿאַר דעם פּראָדוקט, דעמאָלט קענען די אונטערנעמער זיך פֿאַרגינען צו צאָלן העכערע שכירות צו די אַרבעטער. אָבער די דאָזיקע עקאָנאָמיסטן פֿאַרגעסן צו זאָגן אַז די מערסטע פּראָפֿיטן פֿון די העכערע פּרייזן, גייען צו געציילטע קאַפּיטאַליסטישע אייגנטימער פֿון דער אינדוסטריע און די אַרבעטער קריגן בלויז אַ קליינעם חלק פֿון די העכערע פּרייזן. מען מוז אויך אָנערקענען דעם פֿאַקט אַז ס'איז פֿאַראַן אַן אונטערשייד צווישן געלט שכירות און רעאַלע שכירות. געלט שכירות איז דאָס וואָס דער אַרבעטרע קענען קויפֿן פֿאַר זיין געלט. די פּרייזן פֿון די סחורות ווערן אויפֿגעהויבן מער ווי די שכירות פֿון די אַרבעטער, און דאָס גיט דעם באַלעבאָס אַ גרעסערן פּראָפֿיט, און דערפֿאַר וואָס די פּרייזן זיינען אַרויף מער ווי דעם אַרבעטער'ס שכירות קען דער אַרבעטער אפֿילו נישט קויפֿן דאָס וואָס ער האָט געקענט קויפֿן איידער דער הויכער טאַריף האָט אָנגעפֿאַנגען באַשיצן די אינדוסטריעס. דערפֿאַר דאַרף מען נישט האָבן קיין הויכע געלט שכירות און אַריינלאָזן סחורה אין אַמעריקע פֿון אַנדערע לענדער צו קאָנקורירן מיט אונדוסטריעס, כדי דער אַרבעטער זאָל קאָנען קויפֿן מער פֿאַר זיין געלט.

אין דער צוקונפֿט וועט דער שוץ־טאַריף מוזן נידעריקער ווערן, ווייל די גרויסע אינדוסטריעס וועלן זיין געצוואונגען צו פֿאַרקויפֿן זייערע סחורות אין אויסלאַנד צוליב דער גרויסער איבערפּראָדוקציע, און דאָס וועט נאָר מעגלאַך זיין, ווען מיר וועלן ניט האָבן קיין הויכן טאַריף, ווייל אויב מיר וועלן ניט אַריינלאָזן די סחורות

פון אַנדערע לענדער, ווען יענע ניט וועלן אַריינלאָזן אונדזערע סחורות.

ס'איז אמת, אַז די אָרגאַניזאַציע אפשר ניט אַזאַ פּריוולעגיע, אָבער מען וועט עס מוזן טאָן, ווייל די אינדוסטריעס וועלן זוכן צו בענעפיטירן דורך פאַרקויפן זייערע סחורות צו אַנדערע לענדער.

דער רעזולטאַט אָבער וועט זיין אַ גוטער. אַרבעטער וועלן קענען דעמאָלט קויפן מער פּראָדוקטן פאַר וויניקער געלט. און ווען די אינדוסטריעס וואָס האָבן אַן איבערפלוס פון פּראָדוקציע וועלן זיך פאַרמערן, וועט זיך אויך פאַרמערן דער געשריי נידעריקער צו מאַכן אונדזערע הויכע טאַריפן.

●

זלמן סימקין

יידישע ישובים

די לעצטע יאָרן איז די לאַגע פון די יידן אין כמעט אַלע אייראָפּעאישע לענדער אַ זייער שווערע. זיי ווערן באַזייטיקט פון אַלע פּרנסות, ווערן אַרויסגעשטופּט פון אַלע פּראָפעסיעס און דאָס, אַזוי אויך שווערע, לעבן ווערט ערגער פון טאָג צו טאָג.

און אַז עס איז שווער און ביטער, זוכט מען מיטלען ווי זיך צו העלפן. איינע פון די הילפס מיטלען פאַר אַט דער שווערער לאַגע איז—עמיגרירן אין נייע לענדער.

לויט דעם צענזוס פון 1930 זיינען פאַראַן אין דער וועלט אַרום זעכצן און אַ האַלב מיליאָן יידן.

יידישע ישובים געפינען זיך אין יעדן לאַנד אויף דער וועלט, ווי קליין אָדער ווי גרויס דער ישוב זאָל ניט זיין.

אַמעריקע קאָן מען פאַררעכענען אַלס דעם גרעסטן ישוב אין דער וועלט. דאָ זיינען פאַראַן איבער פיר מיליאָן יידן. דער צווייטער גרעסטער ישוב אין דער וועלט איז פּוילן, וואו עס געפינען זיך דריי און אַ האַלב מיליאָן יידן. דאַן קומט ראַטן רוסלאַנד מיט נאָענט

צו דריי מיליאָן יידן. ווייטער קומען רומעניע מיט איבער אַ מיליאָן יידן, דייטשלאַנד, וואו עס געפינען זיך נאָך אַרום אַ האַלבער מיליאָן יידן; און די איבעריקע פיר־פינף מיליאָן יידן צעזייט און צע־שפּרייט איבער דער גאַרער וועלט.

די מערסטע אידישע ישובים זיינען אָבער ניט קיין פעסטע. ווי די כוואַליעס פון ים וואָס הויבן זיך און פאַלן אַרונטער, אַזוי בויגן זיך און בייטן זיך די יידישע ישובים אינם ים פון פּאָליטישע און עקאָנאָמישע אומשטענדן..

אַזוי צום ביישפּיל האָט דער יידישער ישוב אין רוסלאַנד גע־ציילט ערשט מיט אַ דרייסיק יאָר צוריק אַרום אַכט מיליאָן יידן און אַמעריקע האָט דאַן פאַרמאָגט קוים אַ האַלבן מיליאָן יידן. איצט מיט דריי צענדליק יאָר שפּעטער ציילט אַמעריקע אַנדערט־האַלבן מאָל אַזוי פיל יידן ווי אין רוסלאַנד.

די אומשטענדן וואָס האָבן באַאיינפלוסט אָט דעם איבער־בייט זיינען אונדז אַלעמען גוט באַקאַנט:

ערשטנס, די פּאָגראָמען. יידן זיינען געלאָפן זוכן לענדער וואו זייער לעבן זאָל זיין מער געזיכערט.

צווייטנס, די מלחמה, וואָס האָט געטריבן די יידן צו לויפן אין דער וועלט אַריין. ניט ווייל זיי האָבן אַזוי מורא געהאַט פאַר דער מלחמה, נאָר ווייל יעדער בלוטפאַרגיסער, וואָס האָט ניט באַ־וויזן קיין גרויסע העלדישקייטן, האָט באַלד געפינען אַ שעיר לעזאזל — דער ייד איז שולדיק.

דריטנס, דאָס נייע לאַנד—פּוילן. פּוילן׳ס אומאָפּהענגיקייט האָט אַריינגעוואָרפן אַ דריטל פון געוועזענעם יידישן ישוב אין רוס־לאַנד אין אַ נייעם גיהנם.

מיר זעען דאָ דעריבער די אַלע פּאָליטישע און עקאָנאָמישע באַדינגונגען וואָס האָבן גורם געווען אָט די געשעענישן.

און וואָס איז אמת אין איין לאַנד איז אויך אמת וועגן די אַנדערע לענדער—ניטאָ קיין אייביק זיכערער ישוב אין די איצ־טיקע צייטן.

א מיליאָן יידן פון פוילן וואָלטן געלאָפן אין דער וועלט אריין. די יידן פון דייטשלאַנד איז דאָך שוין אָפּגערעדט. און דאָס זעלבע איז אמת וועגן די יידן פון אייראָפּע בכלל.

ווען אַמעריקע וואָלט ניט פאַרמאַכט די טירן פאַר איינוואַנדערער, וואָלטן אייראָפּעאישע יידן געשטראָמט אהער אין די הונדערטער טויזנטער און אפשר טאָקע אין די מיליאָנען. אָבער די טויערן פון אַמעריקע און אַנדערע לענדער זיינען פאַרמאַכט און מען מוז זוכן נייע לענדער וואוהין יידישע עמיגראַציע זאָל גיין.

פאַר אַ ווײַלע האָט עס געשיינט אַז פּאַלעסטינע וועט פאַרענטפערן אַט די פּראָבלעם פון יידישער איינוואַנדערונג.

נאָך דער באַלפור דעקלאַראַציע אין 1917, האָט עס געשיינט אַז די טויערן פון פּאַלעסטינע וועלן ווערן ברייט צעעפנט פאַר יידישער אימיגראַציע. אָבער דאָ האָט ענגלאַנד זיך דערשראָקן ווען זי האָט דערזען אַז עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ גרויסע עמיגראַציע קיין פּאַלעסטינע און אָנשטאָט צו העלפן, ווי זי האָט זיך פאַרפליכטעט שטערט זי נאָך. דער אמת איז דאָך, אַז אפילו די שטערונגען פון ענגלאַנד האָבן ניט געקאָנט אינגאַנצן אָפּהאַלטן דעם שטראָם, ווייל ערשטנס, איז די נויט זייער גרויס. אויסער דעם האָט דאָך עפּעס פּאַלעסטינע געדינט פאַר די יידן פון דער גאַנצער וועלט אַלס דער גאָלדענער טרוים. פאַר צוויי טויזנט יאָר האָט דאָס יידישע פאָלק גע'חלומ'ט וועגן דעם, דאָס אַלטע יידישע היימלאַנד האָט טיף זיך איינגעוואָרצלט אין די הערצער פון דורות יידישע מענטשן.

עס פאַרשטייט זיך אַז דערביי האָבן אויך געשפּילט אַ באַדייטנדיקע ראָליע די ציוניסטן וועלכע האָבן אין די לעצטע יאָרן אויסגענוצט די געלעגנהייט און גערופן די יידישע מאַסן צו גיין אין דער „אַלט-נייער היימלאַנד" ווי זיי רופן עס, און יידן זיינען געפאָרן אַזוי אַז אין פאַרלויף פון די 15 יאָר האָט טראָץ אַלע שטערונגען אריינגעוואַנדערט קיין פּאַלעסטינע איבער דריי הונדערט טויזנט יידן. היינט צו טאָג האָט פּאַלעסטינע אַרום פיר הונדערט טויזנט יידן.

איצט האָבן די אַראַבער ווידער אויפגעהויבן אַ קאַמף קעגן דער יידישער אימיגראַציע, זיי ווילן אַז די יידישע אימיגראַציע זאָל אינגאַנצן אָפּגעשטעלט ווערן.

ווי אַזוי דער קאַמף פון די אַראַבער וועט ווירקן אויף דעם ווייטערדיקן גאַנג פון דער אימיגראַציע איז איצט שווער צו זאָגן, אָבער איין זאַך איז קלאָר, אַז די וואָס זיינען שוין דאָרטן האָבן פיל דערמונטערט די פּאַרטייען וואָס חלום'ן וועגן אויפבוי פון אַ יידישן היימלאַנד, וואו אַ יידישער ישוב זאָל זיין מער אָדער ווייניקער געזיכערט.

אַ צווייטע ענלאַכע דערשיינונג איז דאָס נייע ווינקל וואָס הייסט בירא בידזשאַן.

אונטער דעם איינפלוס פון געוויסע קרייזן, האָט די סאָוועטישע רעגירונג אָפּגעטיילט אַ שטיק לאַנד אין דער סיבירער געגנט, פאַר אַ יידישן איינס, ווי זיי רופן דאָס, אָדער פאַר אַ יידישער טערי־טאָריע, וואו די יידן זאָלן קענען פירן זייער אייגענעם לעבן אויף זייער אייגענעם שטייגער, אין זייער שפּראַך, אין זייער קולטור א. אז. וו.

אויך אין בירא בידזשאַן זיינען, ווי מען גיט איבער, שוין פאַראַן איבערגעגעבענע אידעאַליסטן פּיאָנערן וואָס טוען אַ סך פאַרן אויפבוי פון דער נייער יידישער היים, אָבער זיי קאָנען ניט פאַר־גליכן ווערן צו די פּיאָנערן פון פּאַלעסטינע, וועלכע האָבן אונטער זייער פיל שוועריקייטן באַוויזן אויפצובויען שטעדט און דער־פער, דער עיקר די דערפער, וועלכע זיינען אַ מוסטער פון סאָציאַ־ליסטישער ווירטשאַפט.

וואָס זיינען די אורזאַכן וואָס שטערן דעם אויפבוי פון בירא בידזשאַן אין דער צווייטער ריי נאָך פּאַלעסטינע?

ערשטנס, די טויערן פון בירא בידזשאַן זיינען בלויז אָפן פאַר די רוסישע יידן.

צווייטנס, די רוסישע יידן האָבן זיך אַריינגעפּאַסט אין דער נייער סאָוועטישער אָרדנונג און לעבן גלייך מיט אַלע אַנדערע פעלקערשאַפטן אין ראַטנפאַרבאַנד.

דריטנס, בירא בידזשאן האט ניט דעם כוח און די צוציאונגס קראפט, צו פארכאפן די פאנטאזיע פון די יידישע מאסן, ווי פא־לעסטינע האט.

עס קוקט אוים ווי סיי די עקסטרעם רעכטע, ווי די ציוניסטן צום ביישפיל, סיי די עקסטרעם לינקע, ווי די קאמונסיטן אין סאַ־ וועטן פארבאנד, אנערקענען אז דער איינציקער אויסוועג איז אן אייגענע עטאבלירטע אידישע היימלאנד.

וואס וועט זיין דער סוף?

וואו וועט אזא אייגענע היים עטאבלירט ווערן?

אין פאלעסטינע?

אין בירא בידזשאן?

ווער קען נביאות זאגן?

אבער עס קוקט אוים אז איין זאך גיבן אלע צו און דאס איז אז די יידישע ישובים זאלן ניט דארפן יעדן מאנטיק און דא־נערשטיק בייטן זייערע געלעגערס.

די יידישע סאציאליסטן אין אמעריקע און דער בונד אין פוילן זיינען אפילו קעגן עמיגראציע. זיי ארגומענטירן אז וואו מיר וואוי נען זיינען מיר בארעכטיקט צו אונדזער חלק און מיר דארפן קעמפן פאר אונדזערע רעכט ,אבער ווי עס שיינט זיינען מענטשן ניט גרייט צופיל און צו שטארק צו ליידן און צו קעמפן און ביי דער ערשטער געלעגנהייט וואס זיי האבן זיך איבערצופעקלען אין א נייעם רואיקן פלאץ טוען זיי דאס און עס וואקסן אזוי ארום נייע יידישע ישובים אלע מאל אין אן אנדער לאנד.

אינהאלט

זייט

באגריסונג צום נאציאנאלן צוזאמענפאר פון ארבעטער רינג
שולן — שמעון ראבינאוויטש — — — — — — — — — — 9

סימפאזיום

די שפע פון 19טן יארהונדערט אויפן געביט פון דער
וויסנשאפט — אברהם פראגער — — — — — — — — — 17

דעמאקראטישע באוועגונגען אין 19טן יארהונדערט
— ראובן קעמפ — — — — — — — — — — — — — 19

די פאריזער קאמונע — אליהו סיידעל — — — — — — — 21

קארל מארקס — נחום קאטאפסקי — — — — — — — — — 26

משה העס — אנעט ליפשולץ — — — — — — — — — — 32

די רעוואלוציאנערע באוועגונג אין רוסלאנד — משה קאן — 38

דער אנהויב פון יידישער סאצ. באוועגונג — שלום פאסטל — 43

לאמיר זיך געזעגענען — לאה מייערס — — — — — — — 52

מאדערנע שטרעמונגען אין יידנטום — שמעון ראבינאוויטש
און מארטין קאן — — — — — — — — — — — — — 55

אוטאפיעס — פערל לאק — — — — — — — — — — — 74

סאציאלע מאטיוון אין דער יידישער ליטעראטור —
אנעט ליפשולץ — — — — — — — — — — — — — 83

יידישיסטישע באוועגונג — שלום פאסטל — — — — — — 90

דער „בונד“ — דניאל פרידמאן — — — — — — — — — 95

די געטא — מיני דיימאנד — — — — — — — — — — — 99

זייט

משה מענדלסאָן — דבורה וויינשטיין — — — — — — — — 101
ועד ארבע הארצות — באבי דיימאָנד — — — — — — — — 105
הירש לעקערט (ליד) — שמעון ראַבינאָוויטש — — — — — — — 108
נאַציזם און יידן — מיטי פּאַקס — — — — — — — — — 111
מלחמה און שלום — בערל קעי — — — — — — — — — 113
פּסח אין דער אַלטער און נייער היים — לאה סטאַר — — — 116
דבורה זוכט אַרבעט — רחל ליבין — — — — — — — — — 119
ליטעראַטור אַלס דערציאונגס פאַקטאָר — נחום קאַטאַפּסקי — 122
די ברידער אשכנזי — פריידל רעזניק — — — — — — — — 124
די מוטער פון שלום אַש — ראַדא דיימאָנד — — — — — — — 129
דער אָנהויב פון פאַשיזם — שרה סימקין — — — — — — — 134
דער נביא ירמיהו — משה אייזיק ווישנער — — — — — — — 137
אַ טאָג — יוסף זיידמאַן — — — — — — — — — — — — 140
דער אַרבעטער רינג — יצחק קרייטשיק — — — — — — — 142
ווי אַזוי מיין טאַטע איז אַריין אין „בונד“ — ראָזע שולמאַן — 144
די סיבות פון עקאָנאָמישע קריזיסן — בעסי פייבער — — — — 147
דער וואוקס פון אַרבעטער קלאַס אין אַמעריקע — זלמן סימקין 150
אין דער איצטיקער צייט — יאָסל עלביין — — — — — — — 154
פרייער האַנדל און הויכע טאַריפן — ראובן קעמפּ — — — — 158
יידישע ישובים — זלמן סימקין — — — — — — — — — — 161

אַ דאַנק פון די תּלמידים

אונדזער הארציקסטן דאַנק צו די פאַרוואַלטער פון דער ארבעטער רינג מיטל שול פאַר זייער חבר׳שער קאָ־אָפּעראַציע וואָס זיי האָבן געגעבן צו אונדזערע לערער דורך דער גאַנצער צייט און ספּעציעל פאַר זייער שווערער ארבעט אין די לעצטע עטלאַכע וואָכן ווען זיי האָבן מיט אַזוי פיל איבערגעבנקייט און ליבע גע־ארבעט צו דערמעגלאַכן אונדזער אויסגאַבע.

צו אונדזערע לערער מיט וועמען מיר האָבן פאַרבראַכט די פיר יאָר אין מיטל שול ווילן מיר אויסדריקן אונדזערע הארציקסטע געפילן און זאָגן: אייער חברשאַפט וועט פאַר אונדז זיין אַ ליכטיקער שטראַל וואָס וועט באַלויכטן אונדזער וועג אין די צוקונפטיקע טעג.

מיט חברשאַפט,

נחום קאַטאַפּסקי,
פאַרזיצער פון מיטל שול קלוב.

**
*

די מיטל שול פאַרוואַלטונג באַשטייט פון די חברים סימקין, פאַרזיצער; הערי סיידעל, וויצע־פאַרזיצער; מ. קעמפּ, רעקאָרדינג סעקרעטאַר; יוסף ברעזן, פינאַנץ סעקרעטאַר; מ. הילמאַן, קאַסירער; י. ש. דיימאָנד, מאָריס ראַבינאָוויץ, מ. פּראַגער און נייטן פייגין, פאַרזיצער פון צענטראַלן שול קאָמיטעט.

**
*

די לערער אין מיטל שול זיינען: ה. קאַפּלאַן, מ. קאַרסן, ב. גראַבאַרד, י. ווינעצקי און מ. באָגדאַנסקי — דירעקטאָר. די ערשטע דריי יאָר איז אויפן לערער סטעף אויך געווען חבר י. ברזלי.

אונדזער הארציקן דאנק צו די חברים און פריינט, וועלכע האבן מיט זייער פרייגעביקייט דערמעגלאכט די דערשיינונג פון אונדזער אויסגאבע. זיי זיינען:

דיסטריקט קאמיטע, א. ר.
סיטי סענטראל קאמיטע, א. ר.
מעדיקאל דעפארטמענט, א. ר.
קאלאניע קאמיסיע, א. ר.
לייבאר לייסעאום קאמ. א. ר.
סעמעטערי דעפארטמענט, א. ר.

חבר מאריס ראבינאוויץ
חבר און חברה י. ש. דיימאנד
" " " ה. סיידעל
" " " שלום סימקין
חבר נייטן פייגין
חבר און חברה דר. נ. פעלדשער
" " " דזשוליוס גינזבורג
" " " סעמועל האלאנד
" " " וו. און מירל מארגאלים
" " " דזש. קרייטשיק
" " " מאריס פראגער
" " " מ. קעמפ
" " " אברהם שווארץ
" " " וויליאם צימערמאן
" " " סעם זיידמאן
" " " איזידאר גאלדמאן
חבר דר. בילאו
חבר און חברה ל. קוזניעץ
" " " איזידאר שוכמאן
" " " שמואל דובראווסקי
" " " אהרן ניסנבאום
" " " מ. בראנשטיין
" " " מ. ראזענטאל

" " " משה הילמאן
" " " משה בערקאוויץ
חבר ישראל ווינעצקי
חבר און חברה לואיס שערמאן
" " " יצחק אקסעלראד
" " " דר. אדלער
חבר מ. פליישמאן, גערי
חברה העלן פליישמאן, גערי
" סיבעל פליישמאן, גערי
חבר מ. אלקין
" ס. ל. קאפלאן
" נ. מילער
" סאכאר
" דעבניקאוו
" א. לעווין
" מ. גאלדבערג
" מ. סקאלניק
" מ. וועקסלער
" א. זידלין
" א. שולץ
" ה. אנקאווסקי

חבר און חברה דוד סילווערשטיין
" " " משה, נעטי, אלפערט
" " " א. ס. יאבלאנקי
" " " ראובן מאלק
" " " הערי סלאדקי
" " " מ. און שרה סילווערשטיין
" " " ליפע און דינע שאפירא
" " " שבתי און רבקה דאן
חבר יעקב גאלדמאן
" חיים שניידער, העמאנד
" אייזיק פישמאן, בר. 519
" חיים מייזאר
" אברהם ליבמאן
חבר און חברה העניך בערנשטיין
חבר זכריה טשיזשיק
חבר און חברה י. שווארץ
" " " טשארלז רובין
" " " דוד שייער
" " " מארים זיסקינד
" " " וויקטאר לעווינסאן
" " " מ. ל. פאלין

חבר מארים בלומין
" מאיר שטראסמאן
חבר און חברה י. סיגעל
" " " טשארלס קעי
פינסקער בר. 252, א. ר.
חבר יוסף ברען
" אברהם יוסף רובין
חברה גיטל קרוט אין אנדענק
פון משה קרוט
חברה ראדע שייעט
" שרה גאלדשטיין
חבר חיים קרייטבערג
" שלמה מארד
" אהרן פייערסטאן
" משה לעווין
" מארים ביאלים, א. ל. ג. וו. י.
" מ. בארקאן

חברה פאליע מארקום
אין אנדענק פון געטרייען חבר
און איבערגעגעבענער שול טוער
חיים מארקום

ליבאָר וואָירלד פּרעס
508 סאוט קעדזי עוועניו
שיקאַגאָ, איל.

379